STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09958

KAYN AMERIKE

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

קײן אַמעריקע

גענקירצט און פֿאַרטײַטשט פֿון
יודל מאַרק

אַרױסגעגעבן פֿון דער
ניו-יאָרקער אַרבעטער-רינג מיטלשול
175 איסט בראָדװײ, ניו־יאָרק, נ. י.

קײַן אַמעריקע   פון שלום אַש

מיט דערקלערונגען פון װערטער אויף יעדער זײַטל
און מיט אַ װערטערביכל צום סוף, פון

יודל מאַרק

די אַרבעטער־רינג־מיטלשול באַדאַנקט דעם קינסט־
לער שלום אַש פאַר דער פרײַנדלעכער דערלויבעניש
איבערצודרוקן דאָס בוך.

369

Printed in U. S. A.

NEW YORK, N. Y.
1942

1

מאיר פאָרט קיין אַמעריקע

ווען מאיר איז אַהיים געקומען זונטיק אויף דער נאַכט נאָך מעריבֿ צו עסן דאָס לעצטע נאַכטעסן מיט זיין משפּחה, איידער ער פאָרט קיין אַמעריקע, האָט ער שוין געטראָפן יאַסעלען, זיין יינגסטן, זעקסיאָריקן זון, ווי ער שטייט אויפן בענקל ביים געדעקטן טיש. און ווי נאָר יאַסעלע האָט דערזען דעם פאָטער, האָט ער מיט אַ לעפל געגומען קלאַפּן אין טיש און געשריִען הויך אויף זיין קינדיש קולכל:

— ווייסט, טאַטע, וואָס די מאַמע קאָכט היינט? בעבלעך, טאַטע!

די מוטער, חנה־לאה, האָט דעם קאָפּ אַרויסגעבויגן פון הינטער דעם פאָרהענגל וואָס האָט פאַרשטעלט די קיך. אויף איר פּנים וואָס איז געווען געעלטערט פאַר דער צייט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. אַזוי ווי אַ שטילע פרייד האָט זיך צערונען איבערן שטערן וואָס האָט זיך ניט אַרויסגעזען אין גאַנצן פון הינטערן טיכל, און די אויגן האָבן אַהינגעוויזן אויפן יינגל.

דער פאָטער האָט מיט אַ געמאַכטן בייזערדיקן טאָן זיך אָנגערופן:

— דו יונגאַטש איינער! וואָס די מאַמע קאָכט ווייסטו, און וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט ווייסטו אויך?

מעריבֿ (מײַריוו) — דאָס דריטע מאָל דאַווענען אין פאַרלויף פון טאָג, ווען עס איז שוין אָוונט.

סדרה (סעדרע) — די תורה, אַלע פינף חומשים, ווערט צעטיילט אין 54 טיילן וואָס יעדער טייל הייסט סדרה. יעדן שבת לייענט מען פאַר די סדרה פון דער וואָך. „וואָסער סדרה עס גייט?" — הייסט וואָסער סדרה וועט מען לייענען שבת? די וואָך הייסט נאָך דער סדרה נאָך, און דער נאָמען פון דער סדרה נעמט זיך פון די ערשטע עטלעכע ווערטער מיט וועלכע זי הייבט זיך אָן.

— איך ווייס! — האָט יאָסעלע ניט אָן גאווה געענטפערט.
— לאָמיר הערן!
— לך־לך! — ענטפערט יאָסעלע אָפּ מיט איבערצײַגונג.
— טאַ אַנטלויף, יונגאַטש איינער! — שרײַט דער פאָטער מיט דעם פריִערדיקן געמאַכטן בייזער.
— האָב איך ניט געוואוסט, טאַטע? — רייצט זיך יאָסעלע.

דער מוטערס פנים האָט אויפגעלויכטן מיט נחת פון איר קינדס חכמה. דאָס איז געווען יענער מוטערלעכער נחתדיקער שמייכל וואָס איז מער ענלעך צום וויינען ווי צום לאַכן און וואָס האָט זיך געפּאַסט צו חנה־לאהס פנים. אָבער אין קיך, פון וואַנעט זי האָט זיך אָפּגעקערט, האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זידן און צו לויפן. די ייִדענע האָט פאַרגעסן אין איר פרייד און האָט שוין אָנגעשריִען אויפן ייִנגל:

— ווי דאָס איז אַרײַנגעטאָן אין דער אכילה! ווען ער וואָלט נאָר אַזוי לערנען געוואָלט ווי עסן!

נאָר די מוטער האָט גערעדט לשון־הרע אויף דעם קליינעם יאָסעלע. אין די זעקס יאָר פון זײַן לעבן האָט יאָסעלע צו ווייניק געגעסן און צו פיל געלערנט. יאָסעלעס יאָרן זײַנען ניט דורכגעגאַנגען געשמירט אין האָניק און פּוטער. דער קליינער ייִנגל וואָס בײַ אים האָבן זיך נאָר אַרויסגעוויזן די אייגעלעך פונעם גופל איז באַשטאַנען פון הויט און ביינער. ער האָט שוין געהאַט צו פאַרצייכענען אַ היפּש ביסל פּורעניות.

ער איז געווען אַ קינד וואָס אַלץ האָט זיך צו אים געטשעפּעט,

גאווה (גײַווע) — שטאָלץ, פּוסטע שטאָלצקייט.

לך־לך (לעכלעכאַ) — דאָס איז די דריטע סדרה פון חומש בראשית. הייסט עס אַז עס האָט געדאַרפט זיין אין האַרבסט. אָבער יאָסעלע האָט דאָ געמאַכט אַ וויץ. לך־לך באַטײַט: „גיי זיך דיר". פאַראַן אַ ווערטל „בײַ אים גייט די סדרה לך־לך", דאָס הייסט אַז ער האַלט בײַם פאָרן אָדער אַז ער האַלט אין פאָרן. פון דעם ווי דער טאַטע ענטפערט און ווי די מאַמע האָט הנאה פון דער חכמה, וויסן מיר אַז דאָס איז יאָסעלעס אַ וויץ.

אכילה (אַכילע) — עסטוואַרג, דאָס עסן.

לשון־הרע (לאָשנהאָרע) — בייזע רייד, דאָס באַרעדן, slander.

פּורעניות (פּוראָניעס) — אומגליקן, צרות.

ווי די מוטער פּלעגט אויף אים זאָגן. וואָס פֿאַר אַ קרענק עס איז נאָר אַרומגעגאַנגען אין שטעטל, האָט זי זיך פֿריִער צוגעטשעפּעט צו יאָסעלען. נאָר יאָסעלע איז דאָך אַרויסגעקראָכן פֿון אַלע שאַר־לעכן און טיפֿוסן. און אָט שטייט ער דאָ, מיט זײַנע זעקס יאָר ייִדיש קינדער־לעבן, מיט אַ פּאַרטיקער עִבְרִי, מיט אַ סדרה און מיט אַ לעפֿל אין האַנט.

דער פֿאָטער האָט אים בײַ דער האַנט אָנגענומען, אָנגעקוקט אים מיט אַ שמייכל און געזאָגט צו אים:

— ווייסטו, יאָסעלע, וואוהין דער טאַטע פֿאָרט?

— קײַן אַמעריקע, — האָט יאָסעלע געענטפֿערט.

— און וואו איז אַמעריקע? — פֿרעגט דער טאַטע.

— ווײַט, גאַנץ ווײַט, — ווײַזט יאָסעלע מיט דער האַנט.

דער פֿאָטער האָט יאָסעלעס פּאותלעך געקרײַזלט, געגלעט דאָס פּנימל, טיפֿער אים אַראָפּגערוקט דאָס היטעלע, וואָס ער האָט אים געהאַט געקויפֿט פֿאַר דעם ניט לאַנג פֿאַרגאַנגענעם שׂמחת־תּורה, און האָט אין דער שטיל געקרעכצט. אָט די פֿאָטערלעכע צערטלעכקייט האָט יאָסעלע דערנאָך געדענקט די גאַנצע צײַט וואָס דער פֿאָטער איז ניט געווען אין דער היים.

באַלד האָט זיך די טיר געעפֿנט מיט אַ קנאַק און אין שטיבל זײַנען מיט אַ מאָל אַרײַנגעלאָפֿן צוויי ייִנגלעך פֿון אַ יאָר אַכט, ביידע אַזוי ווי אַ צווילינג, מיט גלײַכע קאַפּאָטקעלעך און קאַשקע־טעלעך. זיי זײַנען אַרײַן לאַבעדיק און פֿריילעך, נאָר דערזעענדיק דעם פֿאָטער האָבן זיי זיך מיט איין מאָל באַרויִקט.

שאַרלעכן און טיפֿוסן — דאָס הייסט פֿאַרשיידענע מינים קרענק, שאַרלעך — scarlet fever, טיפֿוס — tiphus.

עִבְרִי (איוורע) — די העברעיִשע שריפֿט; דאָס לייענען העברעיִש, דאָס קענען לייענען. „פּאַרטיקע עברי" — דאָס הייסט אַז דער זעקסיאָריקער יאָסעלע האָט שוין געקענט גוט לייענען העברעיִש און איצט דאַרף ער שוין אָנהייבן צו לערנען חומש.

פּאותלעך (פּייעסלעך) — פֿרומע ייִדן שערן ניט די האָר פֿון די שלייפֿן. העגנען פֿון די שלייפֿן אַראָפּ לאָקן. אַזאַ לאָק הייסט אַ פּאה (פּייע). דאָ האָבן מיר די פֿאַרקלענער־פֿאָרעם פֿון מערצאָל.

קאַשקעטלעך — היטעלעך, caps.

— אהא, די קאַמאַנדע איז געקומען! — האָט די מוטער אַרײַנ־געוואָרפן אַ וואָרט פון הינטערן אויוון.

די „קאַמאַנדע״ האָבן זיך לעבן פאָטער בײַם טיש אוועקגעזעצט ווי סטאַטיקעס.

— וואָס עפּעס די מעשׂה אַזוי פרי? — האָט דער פאָטער גע־פרעגט.

— דער רבי האָט אונדז אַהיים געלאָזט צו געזעגענען זיך מיטן טאַטן, — האָבן ביידע מיט אַ מאָל אָפּגעענטפערט.

אַלע זײַנען אַ מינוט שטיל געבליבן.

נאָר יאָסעלע וואָס איז געווען דער ייִנגסטער און זיך געפּילט דער געליבטסטער האָט זיך צום ערשטן אָנגערופן, פרייענדיק זיך:

— דער טאַטע פאָרט אוועק קיין אַמעריקע, קײַן אַמעריקע!

די ייִנגלעך האָבן זיך ניט דערוועגט צו לאַכן, כאָטש זיי האָבן געוואָלט.

— וואָס איז אויף דיר די שׂמחה? — האָט די מוטער געזאָגט אַרויפשטעלנדיק די זופּ אויפן טיש — מאיר, וואַש זיך!

— און אויף רחלען וועסטו ניט וואַרטן? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— איך ווייס נישט וואָס זי זיצט אַזוי לאַנג.

— מן־הסתּם קען זי נישט דורכקומען מיטן פעטער, אַ קליינ־קייט, אַזאַ עקשן! — האָט מאיר געזאָגט און אַ פלינקע באַוועגונג מיט דער באָרד האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ צער אויפן קינד.

די ייִדענע איז מיט דער זופּ שטיין געבליבן און געקוקט אויפן מאַן. בײַ איר איז עס געווען אַ וואונדער אַז איר מאַן, וואָס האָט קיין מאָל צו די קינדער ניט גערעדט קיין ווייך וואָרט, האָט שטענ־

קאָמאַנדע — team.

סטאַטיקעס — שטילע קינדער מיט גוטע מאַנירן, פאָלגעדיקע קינדער.

מן־הסתּם (מינהאַסטאַם) — מסתּמא, probably.

פלינק — גיך, האַסטיק, געשיקט.

צער (צאַאַר) — האַרצווייטאַג, האַרצווייטאַג געמישט מיט רחמנות, פאַרדרוס.

דיק געשריִען אויף זיי, זאָל רעדן מיט אַזאַ צער וועגן זייער עלטסטער טאָכטער רחלען. און רחלע איז געווען בײַם פעטער צו פּועלן וועגן 25 רובל וואָס יענער האָט געזאָלט צוגעבן אויף די הוצאות.

דער פעטער וואָלף איז געווען מאירס יִינגערער ברודער. ער האָט געטאָן אַ שידוך ניט נאָך זייער יִחוס נאָך און מיט אַ גרושה. איצט האָט ער פאַרמאָגט אַ שיינע פּאָר טויזנט רובל. נאָך דעם ברודערס חתונה האָט מאיר זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס פון אים, נאָר דערנאָך אַז מאירס געשעפט אין גאַס האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און דאָס דערנערן ווײַב און קינדער האָט אים געבראַכט ניט צו איין שאַנד, — האָט ער געמוזט אָנקומען צום „נגיד“, צו זײַן ברודער. דעם ברודערס ווײַב, די גרושה, האָט אים אָפּגעצאָלט פּאַר אַלץ, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס פון זיי. ביז עס איז דערגאַנגען אַז מאיר, וועלכער האָט נאָר געקענט דאָס געסל פון זײַן שטעטל וואָס פירט פון זײַן הויז אין בית-המדרש אַרײַן, האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך אַראָפּצופאָרן קײַן אַמעריקע — ווי עס האָבן געטאָן אַלע וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פּרנסה אין שטעטל.

די לעצטע 25 רובל וואָס עס האָט אים געפעלט צו דער שיפס-קאַרטע האָט מאיר געוואָלט קריגן פון זײַן ברודער, דעם „נגיד“. און אַז ער האָט ניט געקאָנט פּועלן בײַ אים, האָט ער אַרײַנגעשיקט צו אים זײַן עלטסטע מיידל, רחלען, וואָס איז געווען באַקאַנט אין געסל ווי אַ גאַנצע בריהטע און איז שוין ניט איין מאָל דעם פאָטער צו ניץ געקומען אין די זאַכן. כאָטש רחלע איז נאָך אַזוי יונג געווען, קוים צען יאָר אַלט, האָט זי שוין אַזאַ מײַלכל געהאַט, אַז ווען דער פאָטער איז צוריקגעקומען פון פעטער מיט גאָרנישט, האָט זי געכאַפּט דאָס טיכל אויף זיך און זי האָט געזאָגט אַז זי וועט ניט אַוועק-

---

פּועלן (פּויעלן) — אויספירן, דערגרייכן דעם ציל, אויסבעטן, דער-גרייכן.
הוצאות (הויצאָעס) — expenses.
אַ שידוך (שידעך) טאָן — חתונה האָבן אָדער חתונה מאַכן קינדער.
גרושה (גרושע) —אַ געגטע פרוי, divorced woman.
בריהטע (בעריעטע) — אַ געראָטענע און ענערגישע פרוי, אַ פרוי וואָס טוט איר אַרבעט גוט און גיך. דאָס וואָרט בריה (בעריע) קען זיך באַציִען אי צו אַ מאַן אי צו אַ פרוי.

גיין, ביז זי וועט ניט ברענגען מיט זיך די 25 רובל וואָס פעלט דעם טאַטן אויף הוצאות.

מאיר איז נישט געגאַנגען זיך וואַשן. ער האָט זיך אַרומגע־דרייט איבערן שטוב, געריסן זיך די באָרד און איטלעך מאָל אַ צוק געגעבן מיטן פּנים, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרטרייבן פון זיך. און צו די יינגלעך האָט ער געזאָגט:

— איר זאָלט די מאַמען האָרכן! בערל, חיים, דו הערסט? איר זאָלט די מאַמען האָרכן, און איר זאָלט וועלן לערנען, וועלן לערנען, וואָרעם אַז איך וועל ניט זײַן, ווער וועט זיך . . .

ער האָט שוין געוואָלט זאָגן אַ ווייך וואָרט, נאָר דערזעענדיק ווי בערל זיצט מיט איין פוס אונטער זיך און מיטן צווייטן פוס ווי ער וואָלט געקנים, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— זע, ווי דער יונג זיצט, זע! די פיס אַראָפּ, דו יונגאַטש איינער!

— אַ יאָ, שיין וועלן זיי מיך הערן, עס וועט זײַן אַ חורבן נאָך מײַנע יאָרן! בײַ וועמען לאָזסטו מיך איבער? — האָט זיך חנה־לאה דערמאָנט.

די ביידע יונגען זײַנען געזעסן שטיל, האָבן זיך געפילט ווי זיי וואָלטן די מוטער געקווילעט און האָבן מורא געהאַט צו באַוועגן מיט אַן אבֿר. נאָר דער קליינער יאָסעלע מיטן יאַרמלקע און איינגע־שמוצטן פּנימל — ער האָט געקלאַפּט מיטן לעפל אין טיש און זיך געפרייט: „דער טאַטע פאָרט קײַן אַמעריקע! דער טאַטע פאָרט קײַן אַמעריקע!“

עס איז אַרײַנגעקומען די מומע שיינדעלע, אין אַ טוך אײַנגע־וויקלט. די רויטע פלעקן וואָס האָבן זיך געוויזן אויף אירע ביינער־דיקע באַקן האָבן אויסגעזאָגט אַז אירע לונגען זײַנען ניט אין גאַנצן. און דעריבער האָט מען זי טאַקע גערופן „רויטע בעקעלעך“. אַרײַנ־געקומען איז זי מיט אַ מינע ווי מע קומט אַרײַן באַווייגען אַ טויטן. איידער זי האָט נאָך געזאָגט „אַ גוטן אָוונט“, האָט זי געגעבן אַ צי

אבֿר (איווער) — גליד פון קערפּער.
ניט אין גאַנצן — ניט אין גאַנצן געזונט.

מיט די אַקסלען, אַ הוסט געגעבן און אַ גנבֿהשן בליק געוואָרפֿן אַרום שטוב און ווי עפּעס בײַ די ווענט געפֿרעגט:

— רחלע איז נאָך ניט צוריקגעקומען?

די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט וועגן די 25 רובל און וועגן רחלעס שליחות. און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, האָט זי שוין געשטעלט אַ צווייטע פֿראַגע:

— נאָך ניט געגעסן?

און קוים האָט זי געענדיקט די פֿראַגע, האָט זי שוין געהאַט אַ דריטע:

— און לייבוש איז נאָך ניט געווען?

די דריטע פֿראַגע האָט איר ברודער מאיר מער גענומען אין אַנבאַטראַכט ווי די ערשטע צוויי. לייבוש איז געווען איר מאַן, מאירס שוואָגער, מיט וועלכן ער פֿלעגט אַ גאַנץ יאָר זײַן ברוגז. כאָטש זיי האָבן געהערט צו איין שטיבל און געפֿאָרן צו איין רבין.

לייבוש עפּשטיין, ווען מאירס פֿאָטער עליו־השלום האָט גענומען פֿאַר אַן איידעם פֿאַר זײַן טאָכטער שיינדעלע, איז בײַ זיי געווען אַ גאַנצער מורנו: ער וואַקסט פֿון אַ שיינער משפּחה. לייבוש האָט שטענדיק נאָר געהאַט פּרעטענזיעס אַז דער שווער האָט אים

גנבֿהש (גניוויש) — אַזוי ווי אַ גנבֿ, גיך, פֿלינק, כיטרע.

שליחות (שליכעס) — mission, message.

שטיבל — אַ קליין בית־המדרשל וואו עס דאַוונען חסידים; געהערן צו איין שטיבל — זיי דאַוונען אין דעם זעלביקן שטיבל.

געפֿאָרן צו איין רבין — די חסידים האָבן רביים וואָס זיי האַלטן זיי ווי זייערע פֿירערס, זייערע גײַסטיקע וועגווײַזערס. עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע חסידישע רביים און עס קען זיך טרעפֿן אַז חסידים פֿון פֿאַר־שיידענע רביים זאָלן זיך קריגן צווישן אַנאַנד, אָבער מאיר און לייבוש האָבן געהאַלטן פֿון דעם זעלביקן רבין און זײַנען געפֿאָרן איין מאָל אָדער אַ פּאָר מאָל אַ יאָר צו דעם זעלביקן רבין.

עליו־השלום (אַלאָוו־האַשאָלעם, אויך: אַלעוואַשאָלעם) — „פֿרידן איבער אים”; דאָס איז אַן אויסדרוק וועגן אַ טויטן וואָס מע באַציט זיך מיט אַכטונג צו אים.

מורנו (מוירײַנע) — „אונדזער לערער”; דאָס זאָגט מען וועגן אַ געלערנטן וואָס מע רעכנט זיך מיט זײַן מיינונג און וואָס איז אַ וועגווײַ־זער אין לעבן. דער אויסדרוק ווערט אָפֿט געניצט איראָניש.

ניט אָפּגעגעבן דעם גאַנצן נדן וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט און
אים ניט אָפּגעגעבן די גאַנצע קעסט וואָס ער האָט אים פאַרשפּראָכן.
און כאָטש דאָס איז שוין געווען אַן אַלטע מעשׂה און דער שווער
איז שוין טויט אַ יאָר צען, און האָט קיינעם קיין ירושה נישט
איבערגעלאָזט, — דאָך איז ער ברוגז געווען אויף דער משפּחה
און האָט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג פּרעטענזיעס צו זײַן ווײַב. אַ
קאַלטער, אַ וויניק ריידעוודיקער, אַ באַהאַלטענער אין זיך, איז
ער דאָך געווען זייער אַ וואַרעמער מיטגליד פון דער משפּחה.
בײַ אַ שׂמחה אָדער בײַ אַן אומגליק חלילה פלעגט ער שטענדיק
זײַן דער ערשטער. און אויך איצט האָט ער געזאָלט אַרײַנקומען
צו מאירן, אַזוי ווי זײַן ווײַב שיינדעלע האָט אויסגעזאָגט.

באַלד האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און רחלע, קוים
כאַפּנדיק דעם אָטעם, איז אַרײַן אין שטוב. די האָר האָבן זיך
איר געוואָרפן פון אונטערן טיכל. אין דער האַנט האָט זי גע-
האַלטן אַ צעקנייטשטן פּאַפּירל און מיט אַ טריאומפירנדיקער מינע
האָט זי עס דערלאַנגט דעם פֿאָטער:

— ער האָט געמוזט געבן!

אַלע האָבן זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ וואָרף צום צעקנייטשטן
פּאַפּירל. דער פֿאָטער האָט עס צוגענומען און האָט עפּעס ניט
ווילנדיק געגלעט רחלעס קעפּל. דאָס איז געווען אַזוי אומנאַטירלעך
פון שטרענגן פֿאָטער און רחלע איז צו דעם ניט געוואוינט געווען,
אַז זי האָט זיך פאַרשעמט און איז רויט געוואָרן. די מאַמע האָט
זי באַלד גענומען צו זיך אין ווינקל אַרײַן און עפּעס זיך מיט איר
געסודעט. נאָך דעם האָט דער פֿאָטער אויסגעפרעגט די טאָכטער
ווי עס איז צוגעגאַנגען:

— און די מומע וואָס האָט געזאָגט, האַ?

דער פֿאָטער האָט די פרייד זײַנע אויסגעדריקט אין דעם, וואָס

נדן (נאָדן) — dowry.

קעסט — שפּײַז, דאָס אויסהאַלטן דורך דעם וואָס מע גיט שפּײַז.
נעמען אַן איידעם אויף קעסט — נעמען אַ מאַן פאַר דער טאָכטער און
אויסהאַלטן אים אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צאָל יאָרן, ווי עס ווערט
אָפּגערעדט.

ירושה (יערושע) — heritage, inheritance.

סודען (סוידען) זיך — to whisper to each other.

ער האָט יאָסעלען אויף די הענט גענומען און אים כּסדר געקלאַפּט איבערן געזעסל. דעם יונג איז קאָנטיק די פּאָזיציע געפעלן; ער האָט נאָר די גאַנצע צײַט געקוקט דעם פאָטער אין די אויגן, אויב ער מיינט עס אויף אַ רעכטן אמת.

— איך האָב דער מומע גאָרנישט געזאָגט. איך האָב דעם פעטער אָפּגעוואָרט בײַ דער טיר, ווען ער איז מיט נאָך מענטשן געשטאַנען. און איך האָב אָנגעהויבן הויך צו רעדן אַז אַלע זאָלן הערן. אָ, איך בין נאָך ניט אַזאַ נאַר אַז איך זאָל אַרויסגיין צו דער מומע! — האָט רחלע מיט קינדערשער פרייד דערציילט.

אַלע האָבן זיך געפרייט און די מוטער האָט זיך נאָך מער פון אַלעמען געפרייט און האָט געזאָגט צו איר:

— רחלע, דערלאַנג צום טיש!

דער פאָטער האָט אין דעם מאָמענט פאַרגעסן אין דער ווײַטער נסיעה און זיך נאָר געפרייט מיט די 25 רובל וואָס ער האָט גע־האַלטן אין האַנט און מיט דער חכמה פון זײַן קינד. האָט ער צו די קינדער געזאָגט: „וואַשן!" און איז אַליין אויך געגאַנגען זיך וואַשן צום עסן.

אַלע זײַנען געזעסן אַרום טיש. די מומע האָט די ערשטע דערמאָנט וועגן דער נסיעה. די מומע האָט שטענדיק די געוואוינ־הייט צו רעדן וועגן די שרעקלעכסטע זאַכן. זי איז שטענדיק די ערשטע וואָס רעדט נאָר וועגן טויט און דערציילט מעשׂיות פון שדים. די קינדער האָבן שטענדיק פאַר איר אַ געוויסע מורא. מע זעט זי תּמיד אַליין גיין אויפן בית־עולם. די מומע, תּמיד אײַנגע־הילט אין אַ טוך און מיט רויטע פלעקן אויפן פּנים, דערמאָנט עפּעס וועגן טויט. אַזוי האָט זי זיך איצט אויך אָנגערופן:

— אוי, מאירל, דו האָסט גאָר קיין מורא נישט פאַרן וואַסער? מע זאָגט, אַז מע ווערט קראַנק אויפן וואַסער, נעמען זיי און בינדן אָן צו אַ ברעט און וואַרפן אַרײַן אין וואַסער! — דערציילט זי מיט אַ באַזונדער שמייכעלע וואָס ליגט ווי אַ טויטשרעק אויף אירע

נסיעה (נעסיִע) — voyage, journey.

שדים (שיידים) — מערצאָל פון שד (שעד), טײַוול.

בית־עולם (בעסוילעם) — cemetery.

בלייכע, דינע ליפּעלעך. אירע אויגן נעמען אָן אַ גרינלעכן קאָליר און ווערן שפּיציקע. גלײַך נאָך דעם צעהוסט זי זיך מיט אַ גע-לעכטערל: כי־כי־כי . . .

אַ מינוט זײַנען אַלע אַרום טיש געזעסן שטיל און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די לעפל אויף די טעלער פון דער „קאָמאַנדע”.

ווען די מומע שיינדעלע האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגע-הוסט, האָט זי ווײַטער אָנגעהויבן:

— ווער ווייס צי מיט מײַן פּנחסן האָבן זיי אויך ניט אַזוי געטאָן! שוין דרײַ יאָר ווי דער יונג איז אַוועק און מען הערט ניט פון אים און מע זעט ניט פון אים!

— דאָס איז שוין ניט וואָר! הענעכל דער שנײַדער האָט דאָך אים אַליין געזען אין לאָנדאָן: ער שפּילט אין קאָרטן און איז אַ היטלמאַכער! — האָט זיך חנה־לאה אָפּגערופן.

די מומע האָט עפּעס מאָדנע אַרויסגעשמייכלט פון אונטער איר טוך.

— בײַ אײַך איז עס אַזאַ משפּחה־פעלער: צו פאַרגעסן איינער אין דעם צווייטן. איז אײַער יונג אַוועק, וויל ער ניט הערן, ווייל ער ניט געדענקען אין אײַך. האָט איר געהערט אַ ביסל אַ זון?! — האָט זיך חנה־לאה ניט געקענט באַרויקן.

ווידער האָט זיך באַוויזן דאָס מאָדנע שמייכעלע אויף דער מומעס פּנים און זיך געהערט דער הוסט כי־כי־כי, וואָס האָט אָנגע-וואָרפן אַ שרעק אויף די קינדער. און פון דער העלער הויט, בײַם ערשטן לעפל, איז חנה־לאה אַרוים מיט אַ געוויין:

— אוי, מאיר, אויף וועמען לאָזסטו מיך? וואוהין פאָרסטו? — האָט די ייִדענע הויך געכליפּעט און פאַרשטעלט די אויגן מיטן פאַרטעך.

רחלע האָט אויך דעם לעפל אַוועקגעלייגט און מיטגעהאָלפן דער מאַמען. דער פאָטער האָט טרויעריק ערגעץ וואו געקוקט, זיך די האָר פון באָרד געצופּט. נאָר די „קאָמאַנדע” אַליין האָט עס

פון דער העלער הויט — פּלוצעם, אומגעריכט, אָן שום גרונד.

ניט גערירט. אַזוי ווי זיי זײַנען שוין געווען צוגעוואוינט צו דער מוטערס טרערן, האָבן זיי ווײַטער געגעסן.

יאָסעלע איז געזעסן און זיך אײַנגעקוקט דער מומע אין פּנים אַרײַן. אויף אים האָבן דער מומעס ווערטער וועגן „אָנבינדן צו אַ ברעט" געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, כאָטש ער האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט דערפילט אַז די מומע האָט דערציילט עפּעס שרעקלעכס. ניט דער מוטערס טרערן, נאָר דער מומעס זיפצן האָבן אים דערשראָקן און ער האָט שוין געהאַלטן בײַם וויינען.

די מומע האָט איצט אָנגעהויבן טרייסטן:

— נו, ניט אַלע ווערן דאָך קראַנק, ניט אַלעמען בינדט מען דאָך צו אַ ברעט . . .

חנה-לאה האָט זיך אָבער שוין מערניט געלאָזט טרייסטן. אַלע צרות וואָס האָבן זיך איר געטראָפן אין איר גאַנצן לעבן האָבן איצט אַ שפּאַר געטאָן אין די טרערן.

די טיר האָט זיך געעפנט און אַ שטילער, טרויעריקער „גוטן-אָוונט" האָט זיך געהערט. אין שטוב האָט זיך אַרײַנגעשלעפּט אַ הויכער פינצטערער מאַנספּאַרשוין פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אָרעם געקליידט. אָן אַ וואָרט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון שטוב.

— לייבוש, דו ביסט עס?

— יאָ, איך, איך, — האָט זיך געהערט אַ בייזער טאָן.

מיט דעם בייזן טאָן האָט דער ייִד גערעדט נאָר צו זײַן ווײַב און קינדער. אין האַרצן איז ער געווען אַ גוטער מענטש און האָט קיינעם נישט געקענט קיין שלעכט וואָרט זאָגן. ער האָט פלינק אָפּגעטראָטן יענעם, זיך ניט געקענט קריגן און דינגען, און דורך דעם טאַקע איז ער געווען אַ לא-יוצלח, און צו וואָס ער האָט זיך ניט גענומען איז אים נישט געגאַנגען. נאָר צו זײַנע אייגענע האָט ער נישט געקענט אַנדערש ריידן נאָר ווי אין אַ געבייזער. ער האָט קיין מאָל צו זײַן ווײַב און קינד קיין גוט וואָרט ניט געזאָגט, כאָטש ער האָט זיי טיף אינעווייניק ליב געהאַט. איבער דעם איז געווען

לא-יוצלח (לוי-יוצלאַך) — ניט קיין גראָטענער, ניט קיין מזלדיקער, אַ שלימזל.

אַ וואונדער פאַר אַלעמען בײַם טיש, ווען זיי האָבן פּלוצלונג דער־הערט דעם פעטערס קול, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טרייסטן חנה־לאהן:

— וואָס האָט זי צו וויינען? זי האָט ניט וואָס צו וויינען! אַ וועלט מיט מענטשן פאָרן און אַלע קומען בשלום אַהין. מיט השם־יתברכם הילף וועט ער געזונטערהייט אָנקומען. אַ וועלט מיט מענטשן פאָרן — זי האָט ניט וואָס צו וויינען!

די ווערטער האָבן אין גאַנצן ווייך געמאַכט לייבושן און ער האָט אָנגענומען דעם טאָן וואָס איז געלעגן אין זײַן כאַראַקטער. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זײַן שוואָגער ווי זיי וואָלטן די בעס־טע גוטע־פרײַנד געווען, האַלב אַ ביסל אין שפּאַט אויף די ווײַבער:

— אַ ייִדענע, וויינט זי! וויסט נישט, מעשׂה ייִדענע, וויינט זי!

— און שטילער, צונייגנדיק זיך צום שוואָגער האָט ער צוגעגעבן:

— עס איז נישט קיין וואונדער: אין אַזאַ ווײַט מקום!

—אוודאי אַזוי, אוודאי אַזוי, — האָט מאיר זיך פרום געשאָקלט.

— ער וועט אפשר אונדזער פּנחסן באַגעגענען, לייבוש? — האָט זיך די מומע אָנגערופן צום מאַן.

— אונדזער פּנחסן? וועמען נאָך? דער ימח־שמוניק האָט שוין אוודאי אַ מיתה־משונה איַנגענומען! — האָט דער ייִד אַנדערש געביטן דעם טאָן, ווען ער האָט אָפּגעענטפערט זײַן ווײַב.

מאיר האָט באַלד זיך גענומען צום בענטשן און האָט זיך זייער ערנסט און פרום געשאָקלט דערבײַ. ער האָט עטלעכע מאָל זייער

בשלום (בעשאָלעם) — אין פרידן, געזונטערהייט.

השם־יתברכם הילף (האַשעם־ייִסבאַראַכס) — גאָטס הילף. השם־יתברך — גאָט, געבענטשט זאָל ער זײַן.

מעשׂה ייִדענע — אַזוי ווי אַ ייִדענע פירט זיך. עס קען זײַן מעשׂה יונגאַטש, מעשׂה יחסן, מעשׂה העלד אאַז"וו.

מקום (מאָקעם) — אָרט. קען אויך זײַן — שטאָט, לאַנד.

ימח־שמוניק (יעמאַך־שמויניק) — דער וואָס זײַן נאָמען זאָל אויס־געמעקט ווערן; דאָס ווערט געזאָגט וועגן אַ פאַרדאָרבענעם מענטשן וואָס איז ניט ווערט צו לעבן אויף דער וועלט. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטיק, פאַרבונדן מיט אַ קללה.

מיתה־משונה (מיסע־מעשונע) — מאָדנער טויט, שרעקלעכער טויט, אומנאַטירלעכער טויט. „איַנגענעמען אַ מיתה משונה" — שטאַרבן אויף אַ מאָדנעם אופן; אַ קללה.

טיף מיט צער אָפּגעקרעכצט אין בענטשן און דער שוואָגער האָט אים אין דעם צוגעהאָלפן. אַז מאיר האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש איז ער צוגעגאַנגען צו לייבושן און האָט געזאָגט זייער שטיל און ערנסט, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב אַנדערש ניט געקענט. אפשר פאַרלאַנגט דער רבונו־של־עולם אַז איך זאָל האָבן גלות, וועל איך האָבן גלות — אַבי מײַן ווײַב און קינדער אַ שטיקל ברויט (און ווײַזט אָן אויף ווײַב און קינדער). איך קען נישט אַנדערש, לייבוש. איך וועל ווערן אַ פּראָסטער יגיע־כּפּים, איך האָב קיין אַנדער עצה נישט. דאָ שעמט איך זיך — איך וועל אַראָפּוואַרפן פון זיך די בושה!

— און מיט ייִדישקייט? — פרעגט דער שוואָגער קרעכצנדיק.

— אַזוי ווײַט ווי דער רבונו־של־עולם וועט מיר העלפן... מילא, אַז מע וויל זײַן אַ ייִד, קען מען אומעטום זײַן אַ ייִד... דער וואָס וויל.

— אַוודאי, — ענטפערט לייבוש אָפּ.

דערווײַל האָבן זיך די ווײַבער, די צוויי שוועגערינס, וועלכע פלעגן אויך אַ גאַנץ יאָר ניט זײַן קיין גרויסע גוטע־פרײַנד, אין אַ ווינקל פאַרקליבן און גערעדט צווישן זיך זייער פאַרטרויליך. שיינדעלע האָט באַלד דערציילט עפּעס אַ שרעקלעכע מעשה און האָט דערבײַ געגעבן אָנצוהערן אַז מע דאַרף זייער פאָרזיכטיק זײַן, וואָרעם דאָרט, אין דער נײַער וועלט, פאַרלויפן זיך מעשיות מיט מענער און פרעמדע ווײַבער. זי האָט דערבײַ חנה־לאהן דאָס האַרץ אָפּגעשראָקן. רחלע איז געזעסן בײַ די ווײַבער און אויסגעהאָרכט דאָס געשפּרעך און אָנטייל גענומען דערינען ווי אַ דערוואַקסענע ייִדענע.

די געלעגנהייט האָבן די „קאָמאַנדע“ אויסגענוצט. זיי האָבן

רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעלוילעם) — דער האַר פון דער וועלט, גאָט.

האָבן גלות (גאָלעס) — ניט האָבן קיין היים, אַרומוואַנדערן, גע־שטראָפט ווערן פון גאָט דורכן מוזן אַרומוואַנדערן.

יגיע כּפּים (יעגיע־כּאַפּאַיִם) — אַ מענטש וואָס לעבט דורך שווערער אַרבעט מיט די הענט.

בושה (בושע) — שאַנד, חרפּה. פאַר אַ ייִדן אַ סוחר, פאַר אַ ייִדן אַ למדן (אַ געלערנטן) איז געווען אַ שאַנד צו ווערן אַ פּראָסטער אַרבעטער.

אַנגעהויבן צו געפינען אין די אויגן פון דער „גרינער מומע", ווי זיי האָבן גערופן די מומע שיינדעלע, „קליינע מענטשעלעך" וואָס טוקן זיך אין דעם ים. און בערל, דער יינגערער פון דער „קאַמאַנדע", וועלכער האָט זיך געקענט אויף „די זאַכן", האָט דערציילט וועגן פאַרשיידענע מכשפות וואָס הענגען זיך אָן די פראַנדזן פון דער „גרינער מומעס" פאַטשיילע און ווערן פאַרטרונקען אין אירע אויגן. און בערל האָט געוויזן אויף די אויגן פון דער מומע וועלכע האָבן איצט — ביי דער שיין פונעם נאַכטלאָמפּ און ביים דערציילן דער מאַמען די שרעקלעכסטע זאַכן פון ווייבער וואָס פאַרפירן פרעמדע מענער דאָרט, אין אַמעריקע — טאַקע אָנגענומען אַ גרינעם קאָליר. און אַ סך מענטשעלעך האָבן זיך אין זיי געטוקט: אַלע וואָס זיינען אין שטוב געווען.

פון דעם האָט בערל אַרויסגענומען אַז אַ שיף אויפן ים גייט אונטער. און ער האָט דערציילט וועגן גרויסן ים און די שיפן, און די פיש און חיות וואָס זיינען אין ים, ווי ער וואָלט דאָס אַלין מיט זיינע אויגן געזען.

דערביי איז יאָסעלע געזעסן און האָט אויסגעשטעלט די גרויסע אויגן זיינע און געשלונגען יעדער וואָרט. און ער האָט דאָס אַלץ געזען מיט זיינע גרויסע אויגן, אַלץ וואָס בערל האָט דערציילט. איז ער האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר דעם ים, און פאַר דער מומע, און פאַר אַלץ, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען. אויף דעם וויינען האָט קיינער קיין אכט ניט געלייגט און קיינער האָט זיך ניט געלאָזט שטערן אין געשפּרעך, ביז ער איז איינגעשלאָפן אויף דעם פאַטערס זאַק, וואָס איז געלעגן אַ געפּאַקטער אין אַ ווינקל. ער איז אוודאי איינגעשלאָפן מיט די שרעקלעכסטע חלומות וועגן ים און וועגן די מענטשעלעך וואָס טוקן זיך אין די אויגן פון דער „גרינער מומע".

„קליינע מענטשעלעך" — דאָס זיינען די מענטשעלעך וואָס מע זעט אין די שוואַרצאַפּלען (pupils) פון די אויגן. עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מעשיות וועגן אָט די „קליינע מענטשעלעך".

טוקן זיך — טונקען זיך.

מכשפות (מאַכשייפעס, אויך: מאַכאַשייפעס) — מערצאָל פון מכשפה, witch.

פראַנדז — fringe.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אויך די „קאָמאַנדע״, בערל און חיים, אײַנגעשלאָפן אויף דעם צווייטן זאַק און האָבן די שטיוול אויסגע־שטרעקט אין שטוב אַרײַן.

די נאַכט איז נאָך געלעגן טיף און שוואַרץ איבער דער ערד און האָט אויך אָנגעפּילט מיט פּינצטערניש מאירס קליין שטיבל, ווען דער ייִד איז געשטאַנען פאַרן הילצערנעם בעט פון זײַנע צוויי קדיש־זאָגערס, בערל און חיים, און האָט עפּעס שטיל אַרײַנגע־מורמלט אין דער גרויסער באָרד אַרײַן. דער ייִד האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט און זײַן גאַנצער פּנים איז געווען פאַרבאַהאַלטן אין די האָר פון דער באָרד. נאָר מיט די הענט האָט ער געטאַפּט די קעפּ פון דער „קאָמאַנדע״ וועלכע זײַנען איצט געשלאָפן. בײַ דער שײַן פון ליכטל האָבן זיי גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ „קאָמאַנדע״, נאָר ווי צוויי דינע צווײַגעלעך אָדער ווי צוויי קעלבער וואָס בייגן צו די קעפּ איינעם צום צווייטן און קענען נעבעך קיין צוויי ניט ציילן. דער פּאָטער האָט זיי צוריק אָנגעטאָן די יאַרמלקעס וואָס זײַנען געווען אַראָפּגעפּאַלן פון זייערע קעפּ, און טאַפּנדיק מיט די הענט זייערע קעפּ, האָט ער עפּעס געמורמלט און די אויגן געהאַלטן פאַרמאַכט.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יאָסעלען וועלכער איז נאָך געשלאָפן מיט דער מוטער. ער האָט אים אַן אויגנבליק אָנגעקוקט און אַ קרעכץ געגעבן — בײַ מאירן אַ קרעכץ איז נישט קיין חידוש — און זיך אַראָפּגעבויגן און (אַ גאָט!) יאָסעלען געגעבן אַ קוש אין קעפּל.

ער האָט געמיינט אַז יאָסעלע שלאָפט. ערשט אַז חנה־לאה וואָס איז דערבײַ געשטאַנען האָט צוגעבויגן דאָס ליכט, וועלנדיק דעם מאַן ווײַזן יאָסעלעס פּנימל, האָבן זיי דערזען יאָסעלעס שוואַרצע אויגן וואָס זײַנען ברייט אָפן געווען און לעבעדיק געקוקט אין דער

קדיש־זאָגערס (קאַדיש) — קדיש איז די תּפילה וואָס די זין זאָגן אויף די געשטאָרבענע עלטערן. דערפון איז אַ קדיש־זאָגער — אַ זון. אויך סתּם אַ קדיש הייסט אַ זון.

חידוש (כידעש) — נײַס, וואונדערלעכע זאַך.

אָפּענער נאַכט אַריַין. דער פֿאָטער האָט יעמאָלט זיך צו אים אָנ־געררופֿן:

— דער טאַטע פֿאָרט אַוועק, יאָסעלע, פֿאָרט וויַיט אַוועק.

יאָסעלע האָט געשוויגן, נאָר די אויגן האָבן אויסגעזאָגט אַז ער הערט אַלץ צו אויפֿמערקזאַם.

— און עס וועט ניט זיַין קיינער ווער עס זאָל דיך פֿאַרהערן... באַגער צו לערנען, יאָסעלע, באַגער. און דאַוון פֿרום אין שטיבל. און לויף ניט אַרום. און האָרך די מאַמע, יאָסעלע . . . וואָרעם דער טאַטע וועט ניט זיַין, — האָט מאיר געזאָגט.

יאָסעלע האָט אַלץ געשוויגן. נאָר ער האָט מיט אַ מאָל אַלץ פֿאַרשטאַנען און גוט געוואוסט וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ און האָט דערפֿילט זיַין יידישע יתומדיקייט. און אַז דער פֿאָטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און האָט אים דאָס לעצטע מאָל אַ קוש געגעבן, האָט יאָסעלע אָפּגעענטפֿערט:

— פֿאָר געזונטערהייט, טאַטע! — און דאָס האָט געהייסן אַז ער זאָגט צו אַלץ וואָס דער פֿאָטער זאָגט אים אָן.

דאָס קושן איז אַזוי אומנאַטירלעך געווען פֿאַר דעם ייִד אַז חנה־לאה האָט זיך דערביַי הויך צעוויינט. ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן און ווידער אַ קוש געגעבן און האָט עפּעס הויך גע־זאָגט, און ווידער די אויגן פֿאַרמאַכט און מיטן קאָפּ עפּעס צוגע־שאָקלט. דערנאָך איז ער אַרויס, באַגלייט פֿון דער וויַיב און דער עלטסטער מיידל, צו דער פֿור צו, מיט די צוויי אָנגעפּילטע זעק.

אַז די פֿור האָט זיך גערירט האָט זיך חנה־לאה צעוויינט און האָט זיך ניט געקענט איַינהאַלטן. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשׂה וואָס שיינדעלע האָט איר דערציילט און זי האָט הויך נאָכ־געשריַען:

— מאיר, פֿאַרגעס נישט אַז דו לאָזסט איבער אַ וויַיב מיט קינדער!

יתומדיקייט (יאַסעמדיקייט) — דער צושטאַנד אָדער דאָס געפֿיל פֿון זיַין אַ יתום (יאָסעם); יידישע יתומדיקייט באַטיַיט דאָ: יאָסעלע דער־פֿילט אַז איצט וועט קיינער ניט זיַין ווער עס זאָל אים אָנוויַיזן ווי צו זיַין אַ גוטער ייִד.

ווי נאָר די ייִדענע האָט דאָס אַרויסגעזאָגט האָט זי זיך פֿאַר־שעמט און געוואָלט צוריקכאַפּן זיך, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. מאיר האָט זיך אויך פֿאַרשעמט.

אַז יאָסעלע האָט געהאַט די אויגן געעפֿנט, האָט ער געטראָפֿן די „קאָמאַנדע" זיצנדיק אויף דער ערד. אַלע שטולן פֿון שטיבל זײַנען שוין געווען איבערגעקערט, און זיי האָבן אים אַפּיציעל מיטגעטיילט:

— הײַנט גייען מיר ניט אין חדר אַרײַן, דער טאַטע איז קײַן אַמעריקע געפֿאָרן!

יאָסעלע האָט זיי גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט בײַ זיך אין הערצל באַהאַלטן דעם פֿאָטערס ווערטער. און אַ געוויסע שטאָלץ האָט אים אַרומגענומען אויף דעם וואָס דער פֿאָטער האָט אים געזאָגט. און ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט אַלץ צו פֿאָלגן וואָס דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט.

2

אַליין אין דער פרעמד

אַזוי ווי אַן איינזאַמער אין אַ ווּיסטעניש איז מאיר געזעסן אין איינעם פון די „טענעמענט"־הײַזער אויף עסעקס סטריט אין ניו־יאָרק, וואָס איז בײַם ברעג אויף יענער זײַט אָקעאַן, אַן איינזאַמער צווישן אַ פינף־מיליאָניקער באַפעלקערונג און צווישן נײַן הונדערט טויזנט זײַנע אייגענע ברידער־ייִדן.

צו קיין חבֿרה, צו קיין „סאָסײַעטי", צו קיין „קאָנגרעגיישן" האָט ער ניט געהערט. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געמישט. די לאַנדסלײַט פון דער דריטער סטריט, צו וועלכע ער האָט אַן אַדרעס געהאַט און וועלכע האָבן אים פון שיף אַראָפּגענומען, האָבן אים געשאַפט אַ ייִדיש „פליים", דאָס הייסט אַ שאַפּ וואו מען אַרבעט נישט שבת. שוין העכער זיבן חדשים זיצט מאיר בײַ אַ פענצטער וואָס גייט אַרויס קעגנאיבער אַ הויכער וואַנט און נייט אויף דער מאַשין זוימען פון העמדער.

ווי אַזוי ער איז דאָרט אַהין געקומען, ווייס ער נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט, כאָטש ער פאָרט יעדן טאָג צו דער אַרבעט און יעדן טאָג פון דער אַרבעט. דער לאַנדסמאַן דער קרובֿ (דער טומע מלכּהלעס אַ זון) האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ טיפן קעלער און ער איז מיט דער באַן אַהין געפאָרן. פון דעמאָלט אַן פאָרט ער יעדן טאָג צו דער אַרבעט און יעדן טאָג פון דער אַרבעט.

ער האָט זיך גאָרניט געוואונדערט איבער דער באַן וואָס לויפט ווי אַ שרעקלעכע חיה אין דער ערד. ער האָט איבער זײַן וועג קײַן אַמעריקע אַזוי פיל זאַכן געזען — און דער קאָפּ איז אים אַזוי באַרוישט געווען, אַז ער וואָלט זיך שוין אויף גאָרנישט ניט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך נישט געוואונדערט ווען דער קרובֿ

פינף־מיליאָניקע . . . — דאָס זײַנען די ציפערן פון מיט יאָרן צוריק. איצט האָט ניו־יאָרק זיבן מיליאָן מענטשן און צוויי מיליאָן ייִדן צווישן זיי.

זוימען — seams.

האָט אים פאַרגעלייגט אַז ער זאָל העמדער נייען, און אַז מען האָט אים בײַ אַ מאַשין אָװעקגעזעצט . . .

ער, מאיר ר׳ יאָסעלע סאָכאַטשעװערס, װאָס די שטאָט האָט געקלונגען מיט זײַן לערנען, אַ גערער חסיד, און איז עפּעס פון דער היים אױס אַ סוחר געװען — זאָל װערן אַ העמדל־נייער, װי סענ־דערל דער דאַמסקער שנײַדער בײַ זײ אין שטעטל!

דאָ איז אַלץ מעגלעך און פאַר דעם איז עס דאָך אַמעריקע! עס איז קיין חרפּה נישטאָ און צו דעם איז ער דאָך אַראָפּגעקומען! און דער עיקר פּרנסה — פון דעם װעט ער דאָך קענען מפרנס זײַן װײַב און קינדער אין דער היים. און זײ װאַרטן דאָך אױס אױף אַ בריװל מיט אַ רובל.

איז ער באַלד צוגעװאױנט געװאָרן, האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ און האָט זיך געזאָגט: „דאָס איז מײַן פּרנסה״. איז ער געזעסן טאָקע אַ גאַנצן טאָג. אַלע אָן היט — ער אין אַ קאַפּל. עס זײַנען דאָרט מיידלעך אױך געװען. ער האָט זײ נישט געזען. און ער האָט געאַרבעט מיט פלײַס, מיט קיינעם קיין װאָרט נישט גערעדט. פאַר זיך אַליין האָט ער זיך איבערגעחזרט אַ משנה. אָבער מער־סטנס איז זײַן געדאַנק פאַרנומען געװען מיט דער היים: װאָס מאַכן די קינדער? און יאָסעלע?

ר׳ יאָסעלע סאָכאַטשעװער — אַזױ האָט מען גערופן מאירס פאָ־טער; סאָכאַטשעװער איז ניט קיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר מען האָט גערופן נאָך דעם נאָמען פון שטאָט פון װאַנעט מע שטאַמט; ער האָט געשטאַמט פון סאָכאַטשעװ.

גערער חסיד — אַ חסיד װאָס האַלט פון גערער רבין; די גערער רבים זײַנען געװען די סאַמע באַרימטע חסידישע רבים אין פּױלן.

עיקר (איקער) — הױפּטזאַך.

מפרנס (מעפּאַרנעס) זײַן — שפּײַזן, דערנערן.

קאַפּל — יאַרמלקע; קליין, נידעריק היטל, skull-cap.

משנה (מישנע) — דער עלטערער און קירצערער טייל פון תלמוד. מאיר האָט אַזױ גוט געקענט משנה, אַז אין דער צײַט פון אַרבעט האָט ער אױסװייניק זיך געזאָגט אַ משנה (משנה הייסט אױך איין פּאַראַגראַף פון דער משנה).

ער האָט באַשײַמפּערלעך געזען ווי יאָסעלע זיצט אין חדר און לערנט די פּרשה חומש און טײַטשט אויס איטלעך וואָרט. ער האָט אַ גוט קעפּל, יאָסעלע, און פאַרנעמט, און גייט צווישן מנחה־מעריבֿ אין בית־המדרש אַרײַן און דאַוונט פרום. „אַ גוט יִנגל״ — האָט מאיר צו זיך געזאָגט. און דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש נאָך אים.

און אַז ער האָט טאַקע אַהיים געשיקט חנה־לאהן די ערשטע צען רובל (דאָ איז עס נאָר פינף טאָלער) — ווער האָט זיך געקענט גלײַכן צו אים?! דאָס האַרץ איז אים טאַקע פול געווען מיט פרייד. ער איז געווען מיט זיי אין דער היים. ער האָט געזען ווי דער בריוו־טרעגער טראָגט אַרײַן דעם בריוו, און זײַן שוואָגער לייבוש לייענט אים פאַר חנה־לאהן. זי איז דאָך אַ צדקת, אַ צדקת ממש! מילא, וואָס די ייִדענע רײַסט זיך אויס, צער גידול־בנים, און אַלץ אויף איר: און די קינדער, און שׂכר־לימוד־געלט . . . און יאָסעלע שטייט בײַ דער מאַמען און רײַסט זי בײַם פאַרטעך: „ווײַז מיר דעם טאַטנס בריוו״.

מע זאָגט, אַמעריקע איז אַ לאַנד וואו מע קען נישט אָפּהיטן ייִדישקייט ווי מע דאַרף. עס איז אָבער נישט אַזוי. דער וואָס וויל אָפּהיטן ייִדישקייט קען עס אומעטום אָפּהיטן. והאָ ראיה:

מאיר פּלעגט זיך אויפהייבן ווען עס איז נאָך טונקל געווען, כּדי ער זאָל קענען פאַרן דאַוונען נאָך אָפּלערנען זײַן פּרק משניות,

---

באַשײַמפּערלעך — זייער קלאָר.

פּרשה חומש (פּאַרשע כומעש) — איין קאַפּיטל פון חומש; אויך אַ גאַנצע סדרה (זען).

צווישן מנחה־מעריבֿ (מינכע־מײַריוו) — די צײַט צווישן דעם צווייטן און דריטן מאָל דאַוונען אין פאַרלויף פון טאָג. דאָס איז שפּעט נאָך מיטאָג, ביז עס פאַלט צו דער אָוונט.

צדקת (צאַדייקעס) — זייער אַ פרומע און גוטע פרוי.

ממש (מאַמעש) — exactly.

צער גידול־בנים (צאַאַר גידול־באָנים) — צרות פון קינדער, צרות און שוועריקייטן בײַם אויסהאָדעווען קינדער.

והאָ־ראיה (ווע־האָראַיע) — און אָט איז, און דאָס איז דער באַווײַז.

פּרק משניות (פּיירעק מישנאַיעס) — אַ קאַפּיטל פון דער משנה (זען).

ווי ער איז געוואוינט געווען פון קינדהייט אָן. (משניותן האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים). צו ערשט האָט דער יונגער־מאַן וואָס איז געשלאָפן מיט אים אין איין שטוב טענות געהאַט: ער לאָזט נישט שלאָפן! דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואוינט צו אים. האָט זיך מאיר פאַרקליבן אין זײַן ווינקל פון שטוב, וואו זײַן בעט און זײַן קעסטל זײַנען געשטאַנען, און דאָרט איז זײַן היים געווען.

דאָרט, בײַם טישל, האָט ער אין דער פרי געלערנט, געדאַוונט, איידער ער איז צו דער אַרבעט געגאַנגען. דאָרט, אין זײַן ווינקל, האָט ער פרײַטאָג־צו־נאַכט זײַנע צוויי שבת־ליכט אָנגעצונדן און בײַ זיי „שלום־עליכם" געזאָגט. אים האָט נישט געאַרט וואָס עס איז פאָרגעקומען אַרום אים. ער האָט עס נישט געזען. טייל מאָל ווי ער פלעגט פרײַטאָג־צו־נאַכט זיצן בײַ זײַן טישל און מקבל שבת זײַן, איז פונקט זײַן שכן געזעסן און האָט געטאָן אַ וואָכעדיקע אַרבעט אָדער האָט מיט זײַנעם אַ חבר קאָרטן געשפּילט. מאיר האָט זיי קיין מוסר נישט געזאָגט: ער האָט געוואוסט עס וועט נישט העלפן. ער איז נישט געגאַנגען זיך זוכן קיין אַנדערע וואוינונגען: ער האָט געוואוסט אַז אַנדערשוואו וועט אויך זײַן אַזוי. נאָר ער האָט נישט געקוקט און נישט געזען וואָס עס טוט זיך אין צווייטן ווינקל. אין זײַן ווינקל איז געווען שבת קודש!

אין קיין חבֿרה האָט ער נישט געדאַוונט. דעם ערשטן פרײַטאָג־צו־נאַכט האָבן אים די לאַנדסלײַט פון דער דריטער סטריט מיטגע־נומען אין דער „קאָנגרעגיישן אנשי לענשנע", אין דער חבֿרה פון זייער שטאָט. די חבֿרה איז געווען אויף דער זעלביקער גאַס וואו ער האָט געוואוינט, אויף עסעקס סטריט.

אַז ער איז געגאַנגען אין חבֿרה אַרײַן פרײַטאָג פאַרנאַכט,

משניותן (מישנאַיעסן) — די ביכער וואָס האָבן אין זיך דעם טעקסט פון משנה אָן דער גמרא (דעם שפּעטערדיקן טייל פון תלמוד וואָס דער־קלערט און דערגאַנצט די משנה).

מקבל שבת זײַן (מעקאַבל שאַבעס) — אויפנעמען דעם שבת, באַ־גריסן דעם שבת מיט דער אײַנגעשטעלטער רעליגיעזער צערעמאָניע.

מוסר זאָגן (מוסער) — to moralise.

שבת קודש (שאַבעס קוידעש) — הייליקער שבת.

חבֿרה (כעווורע) — דאָ אַ שטיבל, אַ בית־המדרשל וואָס געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע, אַ חבֿרה.

אנשי (אַנשיי) לענשנע — „די מענטשן פון לענשנע, אַזוי האָבן גע־רופן די לענשנער לאַנדסלײַט זייער קאָנגרעגאַציע.

איז די גאַס געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, און ווי עפּעס אויף צו־להכעיס דעם שבת, איז דער גרעסטער מאַרק געווען פרייטאָג־צו־נאַכט. מיט דער נאַכט האָבן זיך געמערט די טישלעך אין מיטן דער גאַס און האָבן פאַרשטעלט דעם גאַנצן דורכגאַנג פון דער גאַס. און ביי יעדן טיש זיינען געשטאַנען רעדלעך מענטשן. דאָס זיינען געווען יידישע אַרבעטער וואָס זיינען געגאַנגען אַהיים פון די שעפּער. זיי האָבן זיך איינגעהערט צו די גוואַלדיקע אויסרופן פון די הענדלער וואָס האָבן אויסגערימט זייער סחורה מיט די גרעסטע געשרייען. יידישע יינגלעך — ער האָט זיי דערקענט אין די פּנימער — האָבן אין דעם שבת אַריינגעשפּילט באַל אין מיטן גאַס, האָבן פייער אָנגעצונדן פון דעם ליגנדיקן מיסט און פּאַפּיר, און קיינער האָט זיי ניט דערמאָנט אַז עס איז שבת. דער האַנדל פון אין־דער־וואָכנס האָט אים נאָכגעיאָגט ביז צו דער טיר פון דער חבֿרה. און נאָך אויף די טרעפּלעך וואָס פירן אַרויף צו דער חבֿרה זיינען געזעסן יידישע ווייבער און האָבן געפירט אַ האַנדל מיט די וואָס גייען אין דער חבֿרה אַריין דאַווענען.

ער איז אַנטרונען פון אין־דער־וואָכנס וואָס איז אויף דער גאַס אין דער חבֿרה אַריין. נאָר דער שבת וואָס איז געווען אין דער חבֿרה, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן גרעסטן אין־דער־וואָכן, איז געווען אַן אָרעמער, אַ וואָכעדיקער, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם גרויסן וואָכעדיקן טאָג אין וועלכן ער איז געשטאַנען.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געזען אַ באַלעמער און אַן אָרון, וואָס אַ ייִד האָט אים אַרויסגערוקט פון אַ ווינקל אין מיטן שטוב אַריין. אַ צווייטער ייִד האָט אָנגעהויבן ליכטלעך אָנצינדן, כאָטש עס איז שוין געווען אַ שטיק אין שבת אַריין. די חבֿרה האָט אָנגעהויבן איינציקווייז זיך אָנצופילן. דאָס זיינען

באַלעמער — דאָס אָרט אין שול פון וואַנעט מע לייענט די תורה.

אָרון (אָרן) — דאָ: דער אָרון־קודש (אָרן־קוידעש), דער אַלמער, די שאַפע אין שול, אין בית־המדרש, וואו מען האַלט די ספרי־תורות.

מערסטנס געווען בעלי-מלאָכות פֿון זײַן שטעטל וועלכע ער האָט נאָך געקענט פֿון דער היים. טייל האָט ער געקענט פֿון גאַנץ אַלטע יאָרן. ער האָט זיי געזען ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. זיי האָבן אויף אים געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי זיי וואָלטן זיך ווײַזן צו אים אין חלום. אַנדערע האָט ער ניט געקענט פֿון דער היים.

דער גבאי איז געווען אַ טאַנדעטנער שנײַדער פֿון דער היים, אַ ייִד מיט אַ געל בערדל. מען האָט אים אַ מאָל פֿאַר גנבֿה פֿאַר־שיקט קײַן בריסק און פֿון דעמאָלט אָן איז ער פֿאַרשוואונדן געוואָרן. דאָ איז ער געווען דער גאַנצער באַלעבאָס פֿון שול. ער האָט מאירן מיט אַ ברייטקייט שלום-עליכם אָפּגעגעבן און געקוקט אויף אים איצט מיט אַ רחמנות-פּנים.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט אַ באַקאַנטן פֿון דער היים מיט וועלכן ער זאָל אַ וואָרט קענען רעדן — ער האָט נאָר געזען צווישן זיי בעלי-מלאָכות, ניט פֿון זײַנע מענטשן. זיי האָבן אים שלום-עליכם געגעבן און האָבן אים אויסגעפֿרעגט פֿון דער היים.

באַלד איז צוגעגאַנגען אַ ייִד צום באַלעמער און האָט זיך אוועקגעשטעלט דאַווענען. ער האָט אים געקענט — עפּעס אַ געוועזענער שמיד אין זייער שטעטל.

מאיר האָט זיך דערמאָנט דעם שבת אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעטל. אַלע געוועלבער זײַנען פֿאַרמאַכט. די גאַנצע שטאָט איז פֿאַרשלאָסן. און ר׳ לייבל-בערס דעם חזנס קבלת-שבת! און אַ בענקשאַפֿט האָט מאירן אַרומגענומען נאָך דער היים, נאָך זײַן ווײַב, זײַן הויזגעזינד, זײַנע קינדער.

גבאי (גאַבע) — דער אויסגעקליבענער אָנפֿירער אָדער קאַסירער פֿון אַ שול, אַ בית-המדרש.

טאַנדעטנער שנײַדער — אַ שנײַדער וואָס פֿאַרריכט קליידער, ניט אַזאַ וואָס קען נייען נײַע קליידער; אַ שנײַדער וואָס קען ניט גוט זײַן מלאָכה.

שלום-עליכם (שאָלעם-אַלייכעם) אָפּגעבן — באַגריסן, געבנדיק די האַנט און זאָגנדיק „שלום-עליכם״: „פֿרידן צו אײַך״. דאָס איז דער אַלטער ייִדישער אופֿן צו באַגריסן.

געוועלבער — קראָמען, stores.

קבלת-שבת (קאַבאָלעס-שאַבעס) — די צערעמאָניע פֿון אויפֿנעמען דעם שבת, די תּפֿילה פֿרײַטאָג-צו-נאַכט.

שבת! זײַן יאַסעלע שטייט איצט אין רונדן קאַשקעטל וואָס ער האָט אים געקויפט אויפֿן לעצטן שמחת־תּורה (מאיר האָט יאַסעלען אַלץ געזען אין דעם קאַשקעטל) און שאָקלט זיך איבערן סידור. אין דער היים איז געגרייט צום טיש. די ליכט אין די לײַכטערס ברענען. און חנה־לאה, אַן אשת־חיל, איז אָנגעטאָן אין דער נײַער הויב — און ער איז אַזוי ווײַט! אָבער קיין עגמת־נפש האָט ער זיך נישט צוגעלאָזט: עס איז דאָך שבת און קבלת־שבת בציבור. האָט ער מיטגעזונגען דעם שנײַדערשן „לכה דודי".

נאָכן דאַוונען האָט מאיר זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, ווי ער איז געוואוינט געווען פֿון דער היים ניט גלײַך נאָכן דאַוונען אַהיים צו גיין, נאָר צו לערנען פֿרײַטאָג־צו־נאַכט נאָכן דאַוונען — און צו וועמען האָט ער זיך אַהיים צו אײַלן? און שבתדיק האָט ער זיך דאָך געפֿילט! נאָר אַזוי ווי ער זיצט און שאָקלט זיך איבער אַ ספֿר, זעט ער ווי מע רוקט ווידער אָפּ דעם אָרון־קודש מיטן באַלעמער אין אַ ווינקל אַרײַן און מע פֿאַרהענגט עס מיט עפּעס — — און עס הייבן זיך אָן ווײַזן גאָר אַן אַנדער עולם: עפּעס קלעזמאָרים, מיט בתולות און בחורים. מאיר הערט אויף צו זאָגן, קוקט זיך אום פֿאַרוואונדערט. עס גייט צו אים צו דער זעלביקער ייִד וואָס האָט די ליכטלעך אָנגעצונדן, אין דעם גאַליציאַנער קאַשקעטל, און מיטן גאַליציאַנער לשון זאָגט ער אים:

אשת־חיל (אײשעס־כאַיִל) — אַ פֿרוי אַ בריה; אַ פֿרוי אַ פֿאַרדינערין וואָס האַלט אויס די פֿאַמיליע; אַ גוטע, אַ געראָטענע פֿרוי.

הויב — אַ מין צודעק פֿאַרן קאָפּ וואָס באַדעקט דעם קאָפּ און די אויערן און מיט אַ שלייפֿל פֿאַרבונדן אונטערן קין, hood.

עגמת־נפש (אַגמאָסנעפעש) — האַרצווייטאָג, פֿאַרדרוס; שבת טאָר מען ניט האָבן קיין עגמת־נפש.

בציבור (בעציבער) — אין אַ פֿאַרזאַמלונג; דאָס דאַוונען אין אַ מנין, מיט ווייניקסטנס צען ייִדן. עס איז מער מצווה צו דאַוונען בציבור ווי צו דאַוונען אַליין.

לכה־דודי (לכאַ־דוידי) — אַ תּפֿילה פֿון פֿרײַטאָג־צו־נאַכט דורך וועלכער עס ווערט באַגעגנט דער אָנקומענדיקער שבת. אַ שנײַדערשער לכה־דודי — אַ לכה־דודי אָן דעם געהעריקן פּאַראַד, וואָס מאַכט אַן אָרעמען אײַנדרוק.

בתולות (בסולעס) — מיידלעך.

גאַליציאַנער לשון (לאָשן) — דאָס הייסט אויף ייִדיש, אָבער מיט דעם גאַליציאַנער דיאַלעקט.

— ר׳ פּעטער, איר װעט דאָס אָרט פֿאַרלאָזן. מע דאַרף די טישן צעשטעלן, װאָרעם דער טאַנצמײַסטער קומט באַלד צו גײן.

— װאָס?! אין אַ מקום־קדוש, פֿרײַטאָג־צו־נאַכטס? — שרײַט מאיר אױס.

— די „קאָנגרעגײשן אַנשי לענשנע" דאַװנט דאָ יעדן פֿרײַטאָג פֿון 6 ביז 8 װינטער און פֿון 7 ביז 9 זומער. עס איז שױן נאָך 8. און אַכט אַ זײגער קומט דער טאַנצמײַסטער.

— דאָ, אין מקום־קדוש? — װאונדערט זיך נאָך מאיר.

— איצט איז עס שױן ניט קײן מקום־קדוש, איצט איז עס אַ טאַנצזאַל.

מאיר איז אַנטלאָפֿן. פֿון דעמאָלט אָן דאַװנט ער ניט אין קײן חבֿרה, עסט ניט קײן פֿלײש פֿון אַמעריקאַנער שחיטה, נאָר אַלײן פֿאַר זיך, בײַ זיך אין װינקל, צװישן זײַן בעט און קעסטל, איז מאיר מקבל שבת, זינגט מאיר אַלע ניגונים פֿון רבין, בענקט מאיר נאָך ייִדישקײט, נאָך זײַן װײַב, און קינדער און דער עיקר נאָך זײַן ייִנגסטן קינד, נאָך יאָסעלען.

יאָסעלען האָט מאיר ליב געהאַט איבער אַלע גרענעצן. און װי אַ קאַלטער פֿאַטער דער ייִד איז געװען אין דער הײם, אַזאַ הײסער פֿאַטער איז ער געװען װען ער האָט די קינדער נישט געזען. אַפֿילו אין דער הײם, אַז עס איז אַ קינד קראַנק געװען, פֿלעגט ער װאַכן בײַ אים גאַנצע נעכט און האָט דאָס לעצטע פֿאַרזעצט פֿאַר

מקום־קדוש (מאָקעם־קאָדעש) — הײליק אָרט, דאָס הײסט אַ שול, אַ בית־המדרש.

אַמעריקאַנער שחיטה (שכיטע) — דאָס קוילען בהמות און עופֿות נאָך די ייִדישע רעליגיעזע געזעצן הײסט שחיטה; מאיר פֿאַרלאָזט זיך ניט מער אַז אין אַמעריקע קוילעט מען אָפּהיטנדיק אַלע געזעצן און ער באַשליסט דעריבער ניט צו עסן קײן פֿלײש.

ניגונים פֿון רבין — די געזאַנגען, די מעלאָדיעס װאָס די חסידים הערן בײַם רבין, װען זײ קומען צו פֿאָרן צו אים, און נאָך דעם זינגען זײ אָט די ניגונים.

װאַכן — ניט שלאָפֿן, אָפּהיטן.

אַפּטײק — pharmacy, drug store.

אַ דאָקטער און אַפּטייק. בפרט דאָ אין דער פרעמד. ער גייט אוים נאָך די קינדער און דער עיקר נאָך יאָסעלען. עס פלעגט אים טייל מאָל אָננעמען אַ פאַרלאַנג צו דערציילן פון יאָסעלען, אויסצורימען אַלע זײַנע מעלות און זײַן חכמה. און חכמות האָט ער זיך איצט דערמאָנט פון אים אַ סך.

און ווען עס פלעגט אים אָננעמען אַזאַ פאַרלאַנג צו דערציילן וועגן יאָסעלען, איז ער געגאַנגען אויף דער דריטער גאַס צו די לאַנדסלײַט. אויף דער דריטער גאַס בײַ די לאַנדסלײַט זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען די „אנשי לענשנע". דאָרט האָט געוואוינט די אלמנה פון ר' חיים כהן מיט אירע זיבן זין און דרײַ טעכטער.

ר' חיים כהן איז געווען איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים פון זייער שטעטל און האַלב שטעטל זײַנען זײַן פאַמיליע געווען. זייער אַ גרויסע משפחה! איז יעדער צווייטער באַלעבאַס אין שטעטל געווען אַ מחותן אָדער אַ פעטער אָדער גלאַט אַ שני-בשלישי.

נאָך ר' חיימס טויט האָבן די קינדער איינציקווײַז אָנגעהויבן זיך אָוועקצולאָזן אין ווײַטע מקומות. צו ערשט איז אַ יינגערער זון אַוועק־געפאָרן, אַ בעל-מלאכה געווען. און ער האָט דאָס אָנגעהויבן אַראָפּ־צושלעפּן די גאַנצע משפחה נאָך זיך, ביז זיי האָבן די אלמנה אַראָפּגענומען. און פון דעמאָלט אָן איז די וואוינונג אויף דער דריטער גאַס דער אָדרעס פאַר אַלע וואָס פאָרן קײַן אַמעריקע פון לענשנע. צו דער „מומע" אין שטוב טעלעגראַפירט מען פון שיף ווען עס קומט אַראָפּ אַ לענשנער. און פון שטוב גייט אַרוים אַ יונג אָפּ־נעמען פון שיף. דאָרט בײַ דער „מומע", האַלט מען זיך אויף די

בפרט (ביפּראַט) — באַזונדער, ספּעציעל.

מחותן (מעכוטן) — אַ קרובֿ. די עלטערן פון מאַן און ווײַב זײַנען צווישן זיך מחותנים.

שני־בשלישי (שייני-בישלישי) — cousin of the father or of the mother; second cousin

מקומות (מעקוימעס) — מערצאָל פון מקום; ערטער (קען אויך זײַן— שטעט, לענדער).

ערשטע פּאָר טעג, ביז מע „טוט אויס דעם גרינעם״ און מע קריגט אַרבעט. און דאָרט אין שטוב ביי דער „מומע״, קומען זיך צוזאַמען אַלע לאַנדסלייט יעדן שבת אויף־דער־נאַכט און מע שמועסט פון דער היים, פון שטעטל. אַז עס קומט אַ נייער לענשנער, ברענגט ער מיט גרוסן און בריוועלעך פאַר די לענשנער, קומט מען דאָרט צו דער „מומע״ אָפּנעמען.

אַ גרויסע שטוב. אַלע פרייליידיקע ברידער וואוינען ביי דער מאַמען און די משפחה האַלט זיך אין איינעם. חיה, חיימס ווייב, איז געווען אַ יידענע וואָס האָט געפילט וואָס עס הייסט אַז מע דאַרף אָנקומען צו קאָלומבוסן (די יידענע האָט גערופן אַמעריקע — „קאָלומבוס״). און כאָטש די יונגען האָבן געטענהט צו איר, זיי ווייסן נישט וואָס זי האָט צוגעלייגט צו אַמעריקע: דאָ גייט זי דאָך אין טעאַטערס, — האָט די יידענע געטענהט אַז איר איז פאַר־מיאוסט קאָלומבוס מיט זיינע טעאַטערס. קאָלומבוס האָט בכלל זיך אויסגעריכט ביי איר אַ שוואַרץ יאָר. אַז אַ יונג האָט נישט אַהיים געבראַכט די „ווײדזשעס״ אין גאַנצן, האָט זי קאָלומבוסן פון קבֿר אַרויסגערופן. זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל געסטראַשעט אַז זי וועט אַהיים פאָרן, כאָטש זי האָט שוין נישט געהאַט צו וועמען צו פאָרן קיין לענשנע: איר גאַנצע משפחה איז אין אַמעריקע. ס׳פלעגן די יונגען זי נישט איין מאָל טרעפן דאָנערשטאָג זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און מיט וויינענדיקע אויגן — זי וויל פאָרן אַהיים!

עס האָט זיך שוין אַ מאָל געטראָפן, מען האָט איר געמוזט אַ שיפסקאַרטע קויפן און זי אַהיים שיקן. נאָר קוים איז זי צו דער שיף אַראָפּגעקומען און האָט זיך אומגעקוקט און דערזען די קינדער מיט די אייניקלעך וואָס זי לאָזט איבער אויפן ברעג, האָט זי זיך אָפּגערופן: „צו וועמען זאָל איך מישטיינס געזאָגט פאָרן, אַז דער

„טוט אויס דעם גרינעם״ — וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קליידער אין וועלכע ער איז געקומען פון דער אַלטער היים און טוט אָן די קליידער וואָס מע טראָגט אין אַמעריקע. דאָס איבערביי̆טן די טראַדיציאָנעלע לאַנגע יידישע מלבושים אויף די מאָדערנע איז געווען פאַרבונדן מיטן אָפּרייסן זיך פון פריערדיקן פרומען לעבן.

פרייליידיק — ניט חתונה געהאַט.

מישטיינס געזאָגט — וואָס איז שוין דאָ צו רעדן, אַז אַך און אַז ווי, צום באַדויערן, צום שלימזל.

קאַלומבוס האָט מיר אַלע קינדער צוגענומען?״ — און האָט גענומען דאָס פּעקל און צוריק אַוועק אויף דער דריטער גאַס.

איז דאָרט, ביַי דער אַלמנה חיה, אויף דער דריטער גאַס, גע־ווען דער „קלוב״ פאַר די אַנשי לענשנע״. די יונגעליַיט זיינען געקומען צו די בחורים, וואָרעם די לענשנער יונגעליַיט האָבן אויך געהאַט אַ באַזונדערע „סאָסיַיעטי״ וואָס רופט זיך „די לענשנער יאַנג מען סאָסיַיעטי״. און די עלטערע מענטשן האָבן געהאַט די „קאָנגרעגיישן אַנשי לענשנע״, און די פּראָסטע וויַיבער זיַינען גלאַט געקומען צו חיהן. און מען האָט געוואוסט, אַז ווען מע וויל טרעפן אַ לאַנדסמאַן און אַז מע וויל רעדן פון דער היים, קען מען עס גע־פינען אויף דער דריטער גאַס.

שבת אויף־דער־נאַכט. ווען מאיר האָט געהאַט הבֿדלה גע־מאַכט אין זיַין ווינקל, צווישן דעם קאַסטן און בעט, האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם ראָק און איז געגאַנגען אַהין, ווי זיַין געוואוינהייט איז געווען, צו די לאַנדסליַיט אויף דער דריטער סטריט. ער איז געווען זייער טרויעריק. וואָרעם אַכט חדשים איז ער שוין פון דער היים, אָן דער וויַיב און אָן די קינדער. און איז דען פאַר אַ ייִדן אַ תּכלית צו זיַין אַליין? ער האָט זיך דערמאָנט אין זיַינע שבתים, זיַין פּסח אַליין, און די קינדער אין דער היים אָן אַ פאָטער. ווער קוקט זיך אויף זיי אום?

האָט ער טאַקע פון דער ערשטער מינוט אָן ווי ער איז גע־קומען אַהער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ תּכלית, און כּמעט ער האָט חנה־לאהן אַהיים געשיקט געלט, האָט ער שוין אָנגעהויבן אָפּצושפּאָרן יעדע וואָך פון זיַין פאַרדינסט אַ קלייניקייט אויף אַ תּכלית. אָבער וואָס וועט זיַין דער סוף? ער וועט אַהיים פאָרן אָדער זיי אַהער ברענגען? נאָר וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט איז געווען זייער ווייניק אי פאַר אַהיים צו פאָרן אי זיי אַהער צו ברענגען. און דאָ רעדט מען עפּעס וועגן אַ סלעק, ווען ס׳מאַכט

הבֿדלה (האַוודאָלע) — די תּפילה (דאָס געבעט) איבער וויַין אָדער איבער אַן אַנדער געטראַנק, וואָס באַצייכנט אַז דער שבת אָדער דער יום־טובֿ איז שוין אַוועק און אַז עס קומט דער אינדערוואָכן.

תּכלית (טאַכלעס) — ציל, צוועק, רעזולטאַט, זיבעץ.

זיך אַ שלעכטע צײַט. אַנדערע געהערן עפּעס צו אַזעלכע חבֿרות װעלכע צאָלן אין אַ שלעכטער צײַט. דער קרובֿ פֿון דער דריטער גאַס האָט אים צוגערעדט, ער זאָל אַרײַנטרעטן אין עפּעס אַ חבֿרה „אחדות" װאו אַלע אַרבעטער האַלטן זיך צוזאַמען. נאָר אים האָט בעת מעשׂה פֿאַרדראָסן װאָס דער קרובֿ האָט אים גע־גומען בבחינת אַרבעטער. װאָס פֿאַר אַן אַרבעטער איז ער? ער איז אַ ייִד אַ יודע־ספֿר!

נאָר נישט װעגן דעם האָט ער איצט געקלערט, גײענדיק צו דער דריטער גאַס. אַהײם פֿאָרן צוריק — װאָס װעט זײַן דער תּכלית? דער זעלביקער אָרעמאַן װאָס פֿריִער! און מיט װאָס װעט ער זיך מפֿרנס זײַן? װען ער איז דאָ, פֿאַרדינט ער דאָך און פֿירט צװײ הײַזער (מאיר האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ הויז) און שפּאָרט נאָך אַ ביסל. און רחלע די עלטסטע טאָכטער, זאָגט מען, װאָלט דאָ אויך באַלד געקענט פֿאַרדינען. און אַז מע קומט אַהער מיט די קינדער װערן דאָ עלטערן גאָר גליקלעך. והאָ ראיה — ר' חײמס אַלמנה פֿון דער דריטער גאַס.

נאָר גלאַט װי נעמט מען אַהער חנה־לאַהן מיט די קינדער? און װאָס װעט זײַן מכּוח ייִדישקײט, מכּוח לערנען? מילא, פֿאַר דער „קאַמאַנדע" — װעלן זײ נישט זײַן קײן גרױסע לומדים, זײ װילן סײַ װי סײַ נישט לערנען. אָבער יאָסעלע? און קלערנדיק װעגן יאָסעלען, האָט אים אַזאַ פֿאָטערלעך רחמנות־געפֿיל אַרומ־גענומען, אַז ער האָט אַלײן אויף זיך אָנגעהויבן רחמנות צו קריגן.

ער האָט שטענדיק געזען יאָסעלען װי ער שטײט אין שטיבל אויף זײַן אָרט און האַלט דעם סידור אין האַנט און דאַװנט פֿרום.

„אחדות" (אַכדעס) — אײניקײט, דאָס איז געװען אַ נאָמען פֿון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

בעת מעשׂה (בעאײס מײַסע) — אין דער זעלביקער צײַט.

בבחינת אַרבעטער (ביבכינאַס) — אין דער ראָלע, אין דער גרופּע, אין דער קאַטעגאָריע פֿון אַן אַרבעטער; עס קען אויך זײַן בבחינת באַלעבאָס, בבחינת העלד אאַז"װ.

יודע ספֿר (יוידייע־סײפֿער) — געלערנטער, דער װאָס פֿאַרשטײט אַ בוך, אַ למדן.

מכּוח (מיקויאַך) — װעגן, איבער.

לומדים (לאָמדים) — געלערנטע לײַט, קענערס פֿון דער אַלטער רע־ליגיעזער ייִדישער ליטעראַטור. אײנצאָל — למדן.

אָדער ער האָט אים געזען, ווי שבת נאָך מיטאָג נעמט ער דעם חומש און מישט זיך אויף און וויל אַז עס זאָל אים ווער פאַרהערן. ער גייט צו צו דער מוטער זי זאָל אים פאַרהערן די פרשה חומש. נאָר די מוטער קוקט אַריַין און ווייס נישט וואָס יאָסעלע זאָגט.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז מאיר אָנגעקומען צו די לאַנדס־לײַט. בײַ די לאַנדסלײַט אין הויז האָט ער שוין געטראָפן די קינדער־וועגעלעך, אין וועלכע די ווײַבער פון די אַנשי לענשנע האָבן געבראַכט צו פירן זייערע קינדער. און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין חנה־לאהן און בײַ זיך געטראַכט: האָבן נישט בײַ וועמען די קינדער צו לאָזן, מוזן זיי מיט זיך מיטנעמען די קינדער. די שטוב איז געווען פול מיט מענער, ווײַבער, עלטערע און זייגע־דיקע קינדער. אַלע זײַנען געווען אויסגעזעצט אויף די בעטן, אויף די בענקלעך, אויף דער ערד. די ווײַבער האָבן די זייגעדיקע קינדער געהאַלטן און די עלטערע קינדער האָבן זיך אין מיטן שטוב גע־שפּילט. און די שטוב איז פול געווען מיט רויך פון פּאַפּיראָסן.

אויבנאָן בײַם טיש איז געזעסן יואל וואַטנמאַכער פון דער היים, אַרום אים — די אַנשי לענשנע, און ער האָט דערציילט וועגן לענשנע. יואל וואַטנמאַכער איז ערשט אָנגעקומען פון לענשנע, און באַלד האָבן זיך די לענשנער פון גאַנץ ניו־יאָרק דערוואוסט אַז ס'איז אָנגעקומען אַ נײַער לענשנער און זיי זײַנען זיך צוזאַמענגע־קומען צו דער אַלמנה חיה אויסצופרעגן בײַ יואלן אויף די זייעריקע.

מאיר האָט אויך געוואָלט פרעגן אויף זײַנע, נאָר דער עולם האָט געהאָט אַזוי אַרומגערינגלט דעם וואַטנמאַכער אַז ער האָט זיך נישט געקענט צוקריגן צו אים. יעדער איינער האָט אויסגע־פרעגט ניט בלויז אויף זײַניקע, נאָר אויף באַקאַנטע. און עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס זײַנען נײַגעריק געווען צו וויסן וואָס איז געוואָרן דער סוף מיט געוויסע הײַזער, בהמות און חיות פון לענשנע.

איינער, אַן עלטערער מענטש מיט אַ דיק בײַכל און אַ סך גאָלד אויף זיך, וואָס דער עולם האָט אים גערופן דער „אַלרײַטניק", האָט עפּעס גערעדט וועגן יאָרצײַט און וועגן פאָרן אַהיים נאָך

וואַטנמאַכער — wadding-maker.

יאָרצײַט. דערנאָך האָט יענער דערציילט וועגן זיינע געוועזענע כּלות וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים און האָט זיך אויסגעפּרעגט אויף אַלע זײַנע כּלות, וואָס ער האָט געמיינט אַז זיי זײַנען נאָך אַלע מיידלעך. דער וואַטנמאַכער האָט געזען אַז פֿאַר יענעם האָבן אַלע דרך־ארץ, האָט ער צום אַלעם ערשטן אָפּגע־ענטפֿערט דעם אַלרײַטניק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז די אַלע כּלות וואָס דער אַלרײַטניק האָט אין דער היים איבערגע־לאָזט זײַנען שוין אַלע אַלטע ווײַבער געוואָרן און האָבן שוין אַלע אויסגעגעבענע קינדער. דער אַלרײַטניק האָט זיך אַזוי געוואונ־דערט דעריבער, ווי עס וואָלט געשען אַן אומנאַטירלעכע זאַך. דערנאָך האָט דער אַלרײַטניק דערציילט אַז אַלע זײַנע געוועזענע כּלות שיקן צו אים די דערוואַקסענע זין, און פֿאַר יעדן קוש וואָס ער האָט דער מוטער געגעבן אין דער יוגנט — באַצאָלט ער איצט די זין צו צען טאָלער. דער עולם האָט זיך צעלאַכט און מאיר האָט זיך פֿאַרשעמט און פֿאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל.

דער עולם איז אָבער אַרײַנגעקומען אין אַ פֿריילעכער שטימונג פֿון דעם אַלרײַטניקס מעשׂיות מיט די כּלות און דער אַלרײַטניק האָט אַראָפּגעשיקט נאָך ביר פֿאַרן גאַנצן עולם.

דענסטמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אין אַלע זאַכן וואָס זײַנען אין שטעטל פֿאַרלאָפֿן אין די קינדעריאָרן און מען האָט אָנגערופֿן נעמען פֿון מענטשן וואָס זײַנען שוין לאַנג אויפֿן „גוטן אָרט” געווען, און נעמען פֿון הײַזער און גאַסן וואָס איז שוין פֿון זיי קיין זכר נישט געווען.

דענסטמאָל האָט זיך אויפֿגעהויבן משהלע דער קאָזאַק, וואָס איז נאָך אין דער היים געווען באַוואוסט פֿאַר אַ גרויסן לץ און קונצן־מאַכער און דאָ איז ער אַ גאַנצער פֿריזירער און אַ מאַכער אויך אין די טעאַטערס, און האָט אָנגעהויבן נאָכצומאַכן מענטשן וואָס האָבן שוין לאַנג גערוט אין דר׳ערד ערגעץ אויף אַ בערגל,

---

אויפֿן „גוטן אָרט” — אויפֿן בית־עולם (זען), cemetery.

זכר (זייכער) — צייכן, אָנדענק, איבערבלײַב, סימן.

לץ (לעץ) — וויצלינג, אַפּלאַכער, ניט קיין ערנסטער מענטש.

פֿריזירער — hair-dresser.

אויף יענער זײַט ים, און וואָס קיינער פון די לעבעדיקע האָט שוין נישט געוואוסט פון זיי און נישט געהערט פון זיי, אויסער דעם ביסל אַנשי לענשנע וואָס זײַנען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויף אַ צווייטער זײַט ים און האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין דעם קליינעם שטיבל און דערמאָנען זיך פון לענשנע, זייער אַלטער היים.

ווען משהלע קאָזאַק האָט געקוויקט דעם עולם מיט די לענשנער זעלטנהייטן, האָט זיך מאיר אין דער שטיל צוגערוקט צו יואל וואַטנמאַכער און האָט אים געפרעגט אויף זײַנע. יואל האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען מאירן:

— אַ, איר זײַט עס? שלום-עליכם! אײַער קליינער יונג, ווי רופט מען דאָס, יאָסעלע דאַכט זיך, ער שמט דאָך אין דער גאַנצער שטאָט, איז מיר נאָכגעלאָפן נאָך דער פור און האָט זיך געבעטן אַז איך זאָל איבערגעבן אַ גרוס אַז ער לערנט זיך און וואַרט ביז איר וועט אים פאַרהערן. שאַ, ער האָט מיר עפּעס מיטגעגעבן אַ בריוול.

יואל האָט געזוכט אין די קעשענעס.

— יאָ, ער האָט מיך געהייסן אײַך זאָגן — האָט ער ווײַטער גערעדט — אַז דער רבי לערנט אים שרײַבן און ער שיקט אײַך אַ בלאַט וואָס ער אַליין האָט אויפגעשריבן.

יואל האָט עפּעס געפונען און ארויסגעצויגן פון קעשענע אַ צעקניטשט שטיקל פּאַפּיר.

— דער קליינער יונג האָט מיך אַזוי געבעטן, אַז איך האָב עס אים נישט געקענט אָפּזאָגן.

מאיר האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און אויפגעעפנט דאָס צעקניטשטע פּאַפּיר. עס איז געווען אַ בלאַט פון אַ העפט. אויפן בלאַט איז אין שורות, איין שורה נאָך דער אַנדערער, געווען אויפ־געשריבן אין טראָפּן מיט אַ קינדישער האַנט:

„איך וויל דעם טאַ-טע-שי זע-ען. איך וויל דעם טאַ־טע-שי זע-ען". אַזוי איין שורה נאָך דער צווייטער.

מאיר האָט לאַנג באַטראַכט זײַן זונס האַנטשריפט. אַ מינוט האָט ער עפּעס געקלערט, צעלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר אין האַנט,

---

שמעק (שמעקן) — האָבן אַ גוטן באַמען, זײַן באַוואוסט.
טראָפּן — syllables.

צוגעגאַנגען צו חיהם עלטערן זון משה־דוד װעלכער איז שױן געװען אַ גאַנצער אַמעריקאַנער און גערעדט ענגליש, און ער האָט שטענ־דיק געלערנט די נײַ אָנגעקומענע װי זײ זאָלן זיך האַלטן, און האָט אים פאַרזיכטיק געפרעגט:

— מע זאָגט, אַז מע קריגט שיפּסקאַרטעס הי אױף אױסצוצאָלן. איז עס אמת?

— װאָס, איר װילט אײַערע אַראָפּברענגען? — האָט אים דער קרובֿ געפרעגט.

— איך װײס? — איז ער זיך מיישבֿ — און װאָס זאָגט איר?

זיך מיישבֿ (מעיאַשעװ) זײַן — זיך האַלטן אַן עצה, זיך באַטראַכטן.

3

דער בריוו

חנה-לאה האָט זיך אַרומגעוויקלט אין דעם נײַעם שבתדיקן טיכל, גענומען יאָסעלען ביי דער האַנט און צוגעפירט אים צו דער חבֿרה אַנשי אמת, וואו דער דיין האָט געלערנט שבת נאָך מיטאָג מיט די ייִדן פון דער חבֿרה, און האָט אַרײַנגע־שיקט יאָסעלען מיטן חומש צום דיין און געבעטן מע זאָל איר לעבע־דיקן יתום פאַרהערן.

זי האָט אים נישט געוואָלט פירן צום שוואָגער לייבוש און נישט צו קיין אַנדער משפחה. זי האָט נישט געוואָלט אַז די שונאים זאָלן דערפרייט ווערן איבער אירע צרות. כאָטש לייבוש מיט זײַן ווײַב זײַנען געווען בײַ מאירן בײַם געזעגענען זיך, דאָך האָט זיי חנה-לאה געהאַלטן פאַר שונאים, און דאָס וואָס יאָסעלע האָט נישט דעם פאָטער און אַנדערע דאַרפן אים פאַרהערן, — האָט זי באַ־טראַכט ווי אַ צרה, מיט וועלכער „שונאים וועלן דערפרייט ווערן".

מיט דער „קאָמאַנדע" האָט זי זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זיי זײַנען געגאַנגען אין חדר אַרײַן ווען זיי האָבן געוואָלט. דאָס גאַנצע געסל ייִדן האָבן געפילט אַז עס איז זייער חובֿ אַכטונג צו געבן אויף די „ לעבעדיקע יתומים", ווי מען האָט זיי גערופן. ווי נאָר אַ ייִד האָט געזען אַ יונג פון דער „קאָמאַנדע" אַרומלויפן,

---

חבֿרה אַנשי אמת (כעוורע אַנשי עמעס) — די „חבֿרה פון די מענטשן פון אמת". אַזוי האָט געהייסן אין לענשנע איינע פון די חברות.

דיין (דאַיען) — דער וואָס משפט נאָך ייִדישע דינים (געזעצן); דער וואָס ענטפערט אויף פראַגעס וועגן רעליגיעזע געזעצן; דער דיין איז געווען אַן אַמט אין דער קהילה, אַ מין געהילף פון רבֿ. אין לענשנע איז דאָ אַ חברה וואָס דער דיין לערנט מיט איר שבת נאָך מיטאָג.

משפחה — אויך אַן איינציקער מיטגליד פון דער משפחה, אַ קרובֿ.

האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַסיק און געשריִען: „אין חדר אַרײַן, דו יונגאַטש אײנער!” דאָך האָבן זיך די יונגען געפילט פרײַ און זײַנען גאַנצע טעג אויף די פעלדער אַרומגעלאָפן און אין פּאַלענט געשפילט.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זײ געהאַלטן פאַר פאַרלאָרן און פאַרפאַלן און באַדויערט חנה-לאהן: „וואָס פון די קינדער ווערט ווען דער טאַטע איז נישטאָ!” צווישן חנה-לאהן און דער „קאָמאַנדע” איז אַ שטענדיקע מלחמה געווען. חנה-לאה האָט אײַנגעשלאָסן דאָס ברויט מיט די שטיוול אין קאַסטן, און די יונגען האָבן עס אַרויסגעקראָגן. חנה-לאה האָט זײ געהאַלטן פאַר פאַרפאַלן. דאָך אַז די „קאָמאַנדע” איז אַהײם געקומען און די יונגען האָבן דערצײלט אַז מען האָט זײ אין שטיבל (וואו זײ האָבן געדאַווענט) פון דעם פאָטערס אָרט אַוועקגעיאָגט, איז חנה-לאה אַרונטער און האָט אום שבת געמאַכט אַ גוואַלד: אירע לעבעדיקע יתומים פאַרטרײַבט מען פון דער שול און גאָט ווייסט זיך פאַר איר אָננעמען!

נאָר מיט יאָסעלען איז אַנדערש געווען. אויף יאָסעלען אַכטונג צו געבן — דאָס איז איר חובֿ קעגן מאַן. דאָס קינד האָט באַגערט צו לערנען, און מע מוז דאָך אים אויסלערנען אַ ייִד צו זײַן. כאָטש דער שכן, ר׳ משה, האָט אים יעדן שבת פאַרהערט די פּרשה חומש, דאָך האָט אים חנה-לאה געפירט יעדן שבת נאָך מיטאָג אין דער חבֿרה אַרײַן צום דיין פאַרהערן. זי האָט געוואָלט ווײַזן דעם געסל ייִדן אַז זי ווייס ווי אַ מאַמע צו זײַן און אַז מאיר קען זיך אויף איר פאַרלאָזן מיט יאָסעלעס דערציאונג.

יאָסעלע איז גאָר אַן אַנדער קינד געווען, נישט ווי זײַנע ברידער. צײַט דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן, איז יאָסעלע אַ דערוואַקסענער ייִד געוואָרן. בײַ נאַכט, ווען דער פאָטער איז צו אים צוגעקומען צום בעט און האָט זיך מיט אים געזעגנט, איז ער מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטײן אַז עס איז עפּעס געשען אַ וויכטיקע זאַך אין זײער משפּחה. און אַז דער פאָטער איז אַזוי לאַנג נישט צוריקגעקומען, האָט ער נישט געפרעגט ווען דער

פּאַסיק — גאַרטל, belt.

פּאַלענט — אַ שפּיל מיט אַ פּילקע (אַ באַל) און אַ שטעקן, אַ ביסל ענלעך צו בעיזבאָל.

פאָטער וועט צוריקקומען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער פאָטער איז ווײַט פון זײַן משפּחה, ווײַל ער מוז — — און ער, יאָסעלע, מוז אָנהייבן אַרום זיך צו קלערן.

ער מוז זוכן אַ תּכלית! האָט ער געגעבן זיך אַ נעם צו זיך גופא. ער האָט געפילט: דער פאָטער איז נישטאָ, די מוטער קען איבער אים נישט אַכטונג געבן, דאַרף ער אַליין איבער זיך זאָרגן! קיין מאָל האָט מען אים נישט געדאַרפט הייסן גיין אין חדר אַרײַן. ער האָט זיך אַליין אין דער פֿרי אויפגעהויבן מיט אַ געוויסן קינדישן אימפּעט. קיין מאָל האָט מען אים נישט געזען זיך שפּילן! קיין חבֿרים האָט ער נישט געהאַט. אין חדר איז ער געזעסן שטענדיק שטיל, מיט אַ געוויסער ערנסטקייט, און האָט זיך גוט אײַנגעהאָרכט וואָס דער רבי האָט געזאָגט. ער האָט שטענדיק געקענט וואָס ער האָט געלערנט. און אַז ער איז אַהיים געקומען, איז ער נישט געלאָפן איבער דער גאַס, האָט זיך נישט געשפּילט ווי אַנדערע קינדער, נאָר האָט זיך אָוועקגעזעצט ווי אַ דערוואַקסענער בײַ דערוואַקסענע מענטשן און האָט זיך אײַנגעהאָרכט וואָס מע רעדט. דורך דעם איז ער זייער געפעלן אַלעמען און אַלע האָבן אים געריסמט.

פרײַטאָג פאַר נאַכט האָט ער גענומען דעם טאַטנס סידור און איז געגאַנגען אין שטיבל אַרײַן, וואו דער טאַטע האָט געדאַווענט, און זיך געשאָקלט און הויך געדאַווענט כּדי אַלע זאָלן הערן זײַן מעריבֿ. יעדערער האָט אים דערפאַר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל. יאָסעלע האָט זיך געפילט שטאָלץ. ער האָט עס אָבער נישט אַרויסגעוויזן, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער מענטש — פאַרשוויגן.

מיט די ברידער האָט זיך יאָסעלע ניש געהבֿרט. און אַז ער האָט געהערט ווי די מוטער ערגערט זיך איבער זיי וואָס זיי לויפן אַרום, האָט ער זיך אויך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אַ פאַרקלערטער, ווי ער וואָלט געזאָרגט וועגן דעם וואָס עס וועט פון די ברידער ווערן.

ער האָט אויך יעדן שבת נאָך מיטאָג דערמאָנט דער מוטער אַז זי זאָל אים פירן אין דער חבֿרה אַרײַן צום דיין פאַרהערן. ער שטייט פאַרן דיין און פאַר דער גאַנצער חבֿרה ייִדן און זאָגט הויך

די פּרשה חומש מיט רשי וואָס ער האָט די וואָך געלערנט. ער זאָגט עס מיט אַ געפּיל פון אַ דערוואַקסענעם און ווי אײנער רעדט: „דער טאַטע איז נישטאָ, מוז איך איבער מיר אַליין זאָרגן".

און זײַן מאַמע, חנה-לאה, שטייט פאַר דער טיר פון דער חבֿרה (זי וועט דאָך נישט אַרײַנגײן, עס זײַנען דאָך ייִדן דערינען) און הערט זיך צו צו זײַן קול און זאָגט צו די פאַרבײַגייענדיקע ווײַבער מיט אַ קרעכץ:

— עס איז דאָך מײַן יאָסעלע. דער פאָטער איז דאָך נישטאָ, מוז איך אים פירן אין דער חבֿרה אַרײַן אַז דער דיין זאָל אים פאַרהערן.

און אַז יאָסעלע האָט אָפּגעזאָגט די פּרשה חומש, קנײַפּט אים דער דיין אין בעקעלע. יאָסעלע נעמט דעם חומש אונטערן אָרעם און זאָגט אַ געלאַסענעם „גוט שבת" און גייט אַרויס געלאַסן ווי אַ דערוואַקסענער. און די מוטער גייט מיט אים איבערן געסל אַהיים. עס איז שבת פאַר נאַכט און די ווײַבער זיצן פאַר די טירן פון די הײַזער, און פאַר יעדער קופּקע ווײַבער שטעלט זיך חנה-לאה אָפּ:

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאָר.

— פון וואַנעט גייט איר, חנה-לאה?

— איך גיי דאָס מיט מײַן לעבעדיקן יתום פון דער חבֿרה. דער דיין האָט אים פאַרהערט. דער פאָטער איז דאָך נישטאָ.

אַזוי דערציילט חנה-לאה פאַר יעדער קופּקע ווײַבער. און יאָסעלע מאַכט דערבײַ אַן ערנסטע מינע, ווי ער וואָלט מיטן קעפּל צוגעשאָקלט, און גייט מיט דער מוטער ווײַטער.

חומש מיט רשי (כומעש מיט ראַשע) — חומש צוזאַמען מיט די דערקלערונגען פון רשי (רשי — איז רבי שלמה יצחקי, אַ באַרימטער געלערנטער פון 11טן יאָרהונדערט וואָס האָט געמאַכט דערקלערונגען אויפן חומש און אויף דער גמרא). לערנען חומש מיט רשי איז שווערער ווי לערנען נאָר דעם טעקסט פון חומש.

„עס זײַנען דאָך ייִדן דערינען" . . . — עס האָט ניט געפּאַסט פאַר אַ פרוי אַרײַנצוקומען אין דעם טייל פון בית-המדרש וואו עס זײַנען פאַראַן די מענער.

קופּקע — גרופּקע, גרופּע.

די ווײַבער קוקן זיי נאָך און מאַטלען עפּעס דאָרט צווישן זיך.
אָנגעקומען פאַר דער טיר פון זייער הײַזל, זעצט זיך די מוטער מיטן זון אַוועק. עס איז אַ זומערדיקער שבת־פאַר־נאַכט. אַלע זיצן פאַר די טירן אין געסל. די מענער גייען אַהיים פון שולכל, פון מנחה דאַווענען. די יונגען לויפן אין גאַס און יאָגן זיך איינער דעם צווייטן. דערונטער מוז די „קאָמאַנדע" אויך זײַן. די מיידלעך, אין די שבתדיקע נײַע קליידלעך, שפּאַצירן איבערן געסל און שאָקלען אין יעדן פענצטער אַרײַן „גוט שבת". און די זון גייט אונטער הינטער די פליגלען פון דער ווינטמיל.

יאָסעלע מיט דער מאַמען זיצן פאַר דער טיר. רחלע שפּאַצירט מיט די חבֿרטעס אין געסל און די מוטער פירט אַן ערנסטן געשפּרעך מיט יאָסעלען ווי מיט אַ דערוואַקסענעם.

— שוין לאַנג ניט געווען קיין בריוו פון טאַטן, — זאָגט די מוטער.

— האָט זיך אַוודאי פאַרשפּעטיקט, — ענטפערט יאָסעלע מיט דעם טאָן פון אַ דערוואַקסענעם און גיט דערבײַ צו פאַרשטיין מיט זײַנע קינדערשע הענטלעך — עס גייט דאָך אַזוי לאַנג פון אַמעריקע!

און קוקנדיק אויף דער אונטערגייענדיקער זון, האָט זיך יאָסעלע דאָך נישט געקענט אײַנהאַלטן און זאָגט דער מוטער:

— ווייסט, מאַמע, איצט הייבט זיך דער טאַטע אויף.

— פון וואַנעט ווייסטו דאָס?

— די זון גייט דאָך איצט אויף אין אַמעריקע. אַז בײַ אונדז ווערט נאַכט, הייבט דאָרטן אָן טאָג צו ווערן, — דערציילט יאָסעלע דער מאַמען און גיט איר צו פאַרשטיין מיט די הענטלעך.

אויף דעם האָט חנה־לאה געגעבן אַ קרעכץ:

— אָ, גלאַזט מיך דאָ, מײַן מאַן גלאַזט מיך דאָ, — שאָקלט די ייִדענע מיטן קאָפּ.

— וואָס מיינסטו, עס איז אים גוט? — פּרוּווט יאָסעלע צו פאַרענטפערן דעם פאָטער, — אוי, וויל ער אונדז אַוודאי זען!

אַז עס איז נאַכט געוואָרן, באַלד נאָך הבֿדלה, האָט זיך פון

מאַטלען — פּלאַפּלען, רעדן.

דער העלער הויט באַוויזן די מומע שײנדעלע. עס האָט קײנער ניט באַמערקט ווי זי האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט מיט איר „גוט וואָך". די רויטע בעקעלעך האָבן אַרויסגעשײַנט פֿון הינטער דעם טוך וואָס זי האָט געטראָגן איבערן קאָפּ און דאָס קיכערן כי־כי־כי האָט זיך געלאָזט הערן צוזאַמען מיטן הוסט.

איטלעך מאָל ווען די מומע שײנדעלע האָט זיך פֿון העלער הויט באַוויזן, האָט עס חנה־לאהן געגעבן אַ שטאָך אין האַרץ. זי האָט געוווּסט אַז די מומע שײנדעלע ווײַזט זיך ניט בחינם: מן הסתּם מוז עפּעס זײַן נײַעס. אַזוי פּשוט קומט די מומע נישט! דאָס לאַכן מיטן הוסט האָבן איר אָנגעזאָגט אַז דאָ מוז עפּעס עקסטרע זײַן. די מומע שײנדעלע האָט זיך ווי איר געוואוינהייט, אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע און האָט געפּרעגט:

— לײבוש איז נאָך נישט געווען?

האָט חנה־לאה געוווּסט אַז עפּעס איז געשען: ענטוועדער אַ צרה אָדער אַ פֿרײד. ווארעם די מומע באַווײַזט זיך פּלוצלונג אין בײדע פֿאַלן. און חנה־לאה האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ וואַרטן אויף לײבושן. זי האָט נישט געוואָלט דער שוועגערין דעם פֿאַרגעניגן אָנטאָן און זי פֿרעגן וואָס איז געשען. עפּעס אַנדערש רײדן האָט זי איצט אויך נישט געקענט. איז זי געזעסן שטיל, האָט זיך יעדע מינוט אויפֿגעכאַפּט, געשריִען אויף די יונגען, אויף רחלען. אַלץ איז איר פֿון די הענט געפֿאַלן. דאָס גלעזל פֿון לאָמפּ האָט געפּלאַצט; די גלאָז אין וועלכער זי האָט געוואָלט דער מומען טײ אָנגיסן איז איר פֿון האַנט געפֿאַלן. און די מומע איז געזעסן אין איר ווינקל און די רויטע בעקעלעך האָבן אַרויסגעשײַנט, און זי האָט געקיכערט כי־כי־כי און האָט געהוסט.

נאָר באַלד איז לײבוש אָנגעקומען. איבער אַן אומבאַקאַנטער זאַך זײַנען זײ קײן מאָל נישט צוזאַמען אָנגעקומען, נאָר שטענדיק די מומע צו ערשט, דערנאָך דער פֿעטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געשוויגן און זײער ערנסט זיך די באָרד אויסגעצויגן. חנה־לאה איז געזעסן ווי אויף הײסע קוילן, האָט אָבער גאָר־

בחינם (באַכינעם) — אומזיסט, אָן אַ גרונט, אָן רעזולטאַטן.

שוועגערין — sister-in-law.

נישט געפּרעגט. רחלע איז געזעסן בײַ איר. יאָסעלע האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל זייער ערנסט. און אַפילו די „קאָמאַנדע" האָט זיך עפּעס רואיק פאַרהאַלטן. די יונגען זײַנען געשטאַנען בײַ דער וואַנט און געקוקט מיט נײַגעריקייט דאָ אויפן פעטער, דאָ אויף דער מומע. נאָר די מומע שיינדעלע אַליין האָט אויך אָפּגע־הוסט און אין איר הוסט האָט זיך שטענדיק איבערגעחזרט דאָס לאַכן כי־כי־כי, אַזוי אַז דער קלענערער יונג פון דער „קאָמאַנדע" האָט די צונג אַרויסגעשטעקט, נאָכגעמאַכט היגטן אַרום ווי די מומע הוסט. נאָר דער עלטערער, חיים, האָט אים בײַם אַרבל געצווינגן, וואָרעם ער האָט אויך פאַרשטאַנען אַז דאָ וועט געשען עפּעס זייער אַן ערנסטע זאַך.

נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זיך צום סוף דער פעטער אָנגערופן זייער ערנסט, ניט קוקנדיק אויף קיינעם, ווי ער וואָלט גערעדט צו דעם דיל:

— כ'האָב געקריגן אַ בריוו פון מאירן.

— כי־כי־כי — האָט זיך די מומע, מע ווייסט נישט, צעלאַכט אָדער צעהוסט.

— וואָס שרײַבט ער? — האָט געפרעגט צום סוף חנה־לאה.

— ער שרײַבט מיר, — זאָגט דער פעטער לייבוש און נעמט פון בוזעם־קעשענע אַרויס אַ בריוו, — אַז איך זאָל אַרײַנגיין צו זײַן זוגתו און איבעררעדן מכוח אַראָפּקומען קיין אַמעריקע. ער וויל אַז זײַן ווײַב מיט די קינדער זאָלן קיין אַמעריקע אַראָפּקומען.

אַ מינוט איז שטיל געוואָרן. חנה־לאה האָט נישט געוואוסט וואָס אויף דעם צו ענטפערן.

— כי־כי־כי — האָט זיך ווידער אַ מאָל געהערט דער מומעס דינער הייזעריקער קול.

דער קליינער יונג פון דער „קאָמאַנדע" האָט זיך שוין נישט געקענט אײַנהאַלטן און דער מומע נאָכגעמאַכט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט ער פון ווינקל אַרויסגעקרייט.

זוגתו (זוגאָסעו) — זײַן ווײַב. אַן אויסדרוק וואָס מען האָט גענוצט באַזונדערס אָפט אין בריוו.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים, נאָר קיינעם איז דער קאָפּ איצט ניט געווען צו אים.

— ווי הייסט, איך זאָל קײַן אַמעריקע אַראָפּקומען? — האָט חנה־לאה צום סוף דאָך אַרויסגעקראָגן אַ וואָרט צו זאָגן, כאָטש זי האָט אַליין ניט געוואוסט צו וואָס זי זאָגט עס.

— ער שרײַבט, — האָט לייבוש ווײַטער דערציילט מיט זײַן שטילן קול און געשאָקלט זיך דערבײַ און האָט דעם בריוו אויפגעעפנט; שטעלן האָט ער פון אים אַרויסגעלייענט און שטעלן האָט ער איבערדערציילט, — ער שרײַבט מיר אַז ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אַהיים צו קומען, זאָגט ער האָט ער נישט גענוג געלט. און צו וואָס? צו וואָס וועט ער זיך נעמען? דאָ אַ בעל־מלאכה ווערן שעמט ער זיך, און געלט אויף אַ געשעפט צו מאַכן האָט ער נישט, און ווער ווײס צי ער וועט אַזוי פלינק האָבן. וואָרעם כאָטש מע זאָגט אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד וואו מע שעפּט גאָלד, נאָר „בזעת אפּיך תּאכל לחם.‟ און ער דאָ, און זי דאָרט — איז אויך קיין תּכלית נישט. ערשטנס צוויי הײַזער פירן און אַ יאָר איז ער שוין אָן זײַן „זוגתו היקרה ובניו שיחיו, ונפשו קשורה בנפשם‟. האָט ער זיך אַן עצה געהאַלטן מיט זײַן קרובֿ דאָרט, און יענער האָט אים אויך געראָטן אַז ער זאָל די ווײַב מיט די קינדער אַראָפּנעמען, וואָרעם דאָ איז אַ מאָדע אַז מע גיט שיפסקאַרטעס אויף אויסצאָלן. און וואָס נוגע ייִדישקייט, איז אומעטום וואו מע וויל קען מען אָפּהיטן ייִדישקייט. והאָ ראיה: ער פירט זיך ווי אין דער היים. און אַז מע קומט אַראָפּ מיט קינדער איז מען דאָ גאָר געהאָלפן.

פלינק — גיך, האַסטיק, געשיקט.

„בזעת אפּיך תּאכל לחם‟ (בעזייאַס אַפּעכאַ טויכאַל לעכעם) — „מיטן שווייס פון דײַן פּנים זאָלסטו עסן ברויט‟; אַ ציטאַט פון חומש: נאָך דעם ווי אָדם איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן (גאַנײדן), האָט גאָט אים אָנגעזאָגט אַז ער וועט דאַרפן האָרעווען צו האָבן וואָס צו עסן. דאָ הייסט עס: עס קומט אויס שווער צו האָרעווען ביז מע פאַרדינט אויף ברויט.

זוגתו היקרה . . . — דער בריוו איז אויף העברעיִש (אָדער אויף אַ ייִדיש וואָס איז דורכגעוועבט מיט העברעיִשע זאַצן). דער זאַץ באַטײַט: זײַן טײַערע פרוי און די קינדער זאָלן לעבן, און זײַן נשמה איז געקניפּט און געבונדן מיט זייערע נשמות‟.

נוגע (נויגייאַ) — רירט אָן, האָט אַ שײַכות צו עפּעס.

וּבתי רחל שתחיה וועט דאָ באַלד קענען געלט פּאַרדינען, וואָרעם מיט טעכטער איז נאָך בעסער ווי מיט זין. און קיין אַנדער עצה איז נישטאָ. וואָרעם ווי לאַנג איז דאָס דער שיעור צו בלײַבן אַליין, ער דאָ און זי דאָרט? און אַזוי ווי ער האָט קיינעם נישט דאָ, בעט ער אים, ער זאָל אַרײַנגיין צו זיין ווײַב שתחיה און זאָל מיט איר אַלץ איבעררײדן, ובפרט זאָל ער זי טרייסטן, וואָרעם דער ים, אַז גאָט וויל, איז גאָרנישט.

איידער לייבוש האָט נאָך געענדיקט דעם בריוו צו לייענען און צו דערציילן, איז חנה־לאה אַרויס מיט אַזאַ שרעקלעך, האַרץ־רײַסנדיק געוויין, ווי עס וואָלט חלילה ווער געשטאָרבן. די ייִדענע האָט ניט געוואוסט צי זי זאָל זיך פרייען איבערן בריוו, צי זי זאָל טרויערן. נאָר זי האָט געפילט ווי די טרערן שטיקן איר אין האַלדז, און זי האָט אַזוי שרעקלעך זיך צעוויינט אַז קיינער האָט זי נישט געקענט טרייסטן און אָפּהאַלטן זי.

די יונגעז זײַנען שטיל געוואָרן און ערנסט. רחלע האָט אויך אין דער שטיל געוויינט. אַלע האָבן געוואָרט און געשוויגן ערנסט און נאָכגעקלערט עפּעס וואָס און געלאָזט די מאַמע וויינען. נאָר דער מומעס קול האָט זיך געהערט אין דעם שטילן געוויין. און איצט האָט מען עס בפירוש געהערט ווי עס לאַכט, מיט אַ כריפּעדיק קול. און דער מומעס דין־שפּיצעדיק לאַכן האָט מער געשראָקן ווי דער מאַמעס געוויין.

— כי־כי־כי — האָט עס געקלונגען איבער דער ייִדענעס געוויין.

וּבתי רחל שתחיה (אואוּויטי רחל שטיכטיע) — „און מײַן טאָכטער רחל זאָל לעבן".

ווי לאַנג איז דער שיעור (שיִער) — ווי לאַנג איז די מאָס, די גרעניץ, וויפל צײַט נאָך זאָל ער . . .

שתחיה (שעטיכיע) — וואָס זי זאָל לעבן; דער אויסדרוק ווערט אָפּט געניצט אין בריוו נאָכן דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ פרוי.

וּבפרט (אוּביפּראָט) — און באַזונדער, און ספּעציעל.

בפירוש (בעפּיירעש) — קלאָר, גענוי, אויסדריקלעך.

4 חנה־לאה געזעגנט זיך מיט אירע טויטע קינדער

אַ טאָג איידער זי האָט לענשנע פּאַרלאָזט קיין אַמעריקע צו פֿאָרן, איז חנה־לאה געגאַנגען זיך געזעגענען מיט די אָבֿות.

צו דער מוטער אין קבֿר האָט חנה־לאה אַזוי אַרײַנגערעדט:

— בײַ וועמען לאָזסטו מיך? איך מוז דאָך אַרויסגיין אין די מדבריות, איבער דעם ווילדן ים. צו וועמען וועל איך דאָרטן אַהינגיין? בײַ וועמען אויפֿן קבֿר וועל איך זיך קלאָגן? מאַמע, מאַמע, ווי לאָז איך דיך? איך וועל דאָך שוין קיין מאָל צו דײַן קבֿר ניט קומען! מאַמע, מאַמע, וואו לאָזסטו מיך?

אויפֿן „גוטן אָרט" זײַנען אָבער געווען נאָך צוויי אייגענע, מיט וועלכע חנה־לאה האָט פּשוט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דאָס זײַנען געווען אירע צוויי קינדער, אַבֿרהמל און הינדעלע, אַ יִינגעלע פֿאַר יאָסעלען און דאָס מיידעלע נאָך יאָסעלען. דאָס יִינגעלע וואָלט שוין הײַנט אַלט געווען נײַן יאָר און דאָס מיידעלע זעקס. ביידע זײַנען זיי געשטאָרבן פֿון מאָזלען.

מיט די קינדער האָט די יִדענע אייגנטלעך נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט זיך גאָרנישט געקענט פֿאָרשטעלן אַז זי וועט זיי אַזוי איבערלאָזן אַליין אויפֿן „גוטן אָרט" און אַוועקפֿאָרן און קיין מאָל שוין נישט זען זייערע קבֿרימלעך. איר האָט זיך געדאַכט אַז די קינדער מוזן דאָך בײַ וועמען איבערבלײַבן, ווען זי פֿאָרט אַפּ פֿון לאַנד. קיין קלאָר געפֿיל האָט זי וועגן זיי עפּעס נישט געהאַט: זיי זײַנען טויט און ליגן ווי אַלע טויטע דאָרט; נאָר דאָך

אָבֿות (אָוועס) — ancestors.

מדבריות (מידבאָריעס) — מערצאָל פֿון מדבר, וויסטעניש.

קבֿר (קייווער) — grave.

זײַנען עס דאָך אירע קינדערלעך; גוואַלד, ווי אַזוי לאָזט מען זיי איבער?

און קיינער וועט אויף זייער קבֿר ניט אַרויפֿקומען, נישט אין די דרײַ־וואָכן, נישט אום תּשעה באָבֿ.

צו די קינדער אויפֿן „גוטן אָרט" האָט חנה־לאה נאָך געפֿילט אַ געוויסע באַציאונג ווי צו לעבעדיקע. זי פֿלעגט אַרויסגיין אויפֿן „גוטן אָרט", און ווען מען האָט זי געטראָפֿן און געפֿרעגט: „צו וועמען?" — "צו מײַנע צוויי יונגע ביימעלעך" — פֿלעגט זי אָפּענטפֿערן. און ווען איר איז שלעכט געווען, איז דער מאַמעס קבֿר געווען, דערנאָך די קינדערס קבֿרימלעך: „לויפֿט, קינדערלעך, און בעט פֿאַרן כּסא־הרחמים פֿאַר אײַער מאַמע, חנה־לאה בת יענטע, וואָס איז אין אַ גרויסער צרה!"

די „קאָמאַנדע" און יאָסעלע האָבן אויך געהאַט זייער ברודערל און שוועסטערל אויפֿן „גוטן אָרט". און אַז עס איז געקומען תּשעה־באָבֿ, פֿלעגן זיי די חבֿרים אַהין פֿירן צו זייערע קבֿרים און פֿלעגן זיך רימען מיט זייער ברודערל און שוועסטערל וואָס ליגן דאָרט. זיי האָבן זיך דערבײַ געפֿילט ווי גרויסע באַלעבאַטים אויפֿן „גוטן אָרט": זיי האָבן אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל דאָרט! אמת, זייער חבֿר שמעיה האָט אַ גרעסערע פּרעטענזיע צום „גוטן אָרט" — ווײַל זײַן טאַטע און מאַמע ליגן דאָרטן.

איצט, ווען חנה־לאה האָט געדאַרפֿט אַהיים גיין דאָס לעצטע מאָל פֿון „גוטן אָרט", נאָכן געזעגענען זיך מיט דער מאַמען און די קינדער, איז זי שטיין געבליבן בײַם טויער.

— מאַמע־קרוין! — האָט זי געזאָגט — וואוהין גיי איך? און

די דרײַ־וואָכן — אין מיטן זומער, די דרײַ וואָכן פֿון טרויער איי־בער דעם חורבן פֿון בית־המקדש, פֿון דעם 17טן טאָג אין תּמוז (טאַמעז) ביז דעם 9טן טאָג אין אָבֿ (זען ווײַטער).

תּשעה־באָבֿ (טישע־בעאָוו) — דער נײַנטער טאָג אין חודש אָבֿ, דער פֿאַסטטאָג און טרויערטאָג נאָכן חורבן פֿון בית־המקדש.

כּסא־הרחמים (קיסיי־האַראַכאָמים) — דער טראָן פֿון רחמנות, גאָטס טראָן.

בת (באַס) יענטע — די טאָכטער פֿון יענטען.

שמעיה (שמאַיע).

אַבֿרהמעלען און הינדעלען לאָז איך דאָ? מײַנע קינדער!

און זי האָט זיך אומגעקערט און װידער אַ מאָל זיך געװאָרפֿן אויף זייערע קבֿרימלעך. זי האָט נישט געװײנט, זי האָט נישט געזאָגט: „גײט, קינדערלעך, לויפֿט בעטן פֿאַר אײַער מאַמען!" — זי האָט געטראַכט איבער דעם אַז זי לאָזט עפּעס איבער. און װאָס לאָזט זי איבער מישטײנס געזאָגט? „ס'איז דאָך נישט קײן לעבעדיקע", האָט זיך די ייִדענע אַלײן געטרײסט. דאָך אָװעקגײן האָט זי נישט געקענט.

זי טראַכט בײַ זיך: „מע דאַרף דאָך מיך אין דער הײם, דאָס בעטגעװאַנט איז נאָך נישט געפּאַקט. װאָס זשע שטײ איך דאָ, נאַרישע ייִדענע?"

און זי האָט זיך װי עפּעס אַרויסגעגנבֿעט פֿונעם „גוטן אָרט". אין האַרצן בײַ זיך האָט זי געהאַט אַ שלעכט געפֿיל, אַזוי װי זי װאָלט עפּעס אַן עװלה געטאָן.

גײענדיק אַהײם, האָט זי געטראָפֿן די מאַנספּאַרשוינען גײן אין בית־המדרש מנחה דאַװנען. ס'איז געװען נאָך סוכּות, אָבער עס זײַנען נאָך געװען שײנע טעג. די זון איז אונטערגעגאַנגען און די בײמער האָבן גערוישט.

בײַ זיך אין שטוב האָט זי דערזען װי עס ליגט אין מיטן שטוב אַ פּעקל און משה־אהרן דער קרעמער װאַרט דערויף. פֿון פּעקל האָט אַרויסגעקוקט דאָס ענגלײַכטערל מיט די קלאָרע פּאַפּירעלעך װאָס זי האָט באַהאַנגען אויף פּסח. זי האָט עפּעס ניט װילנדיק זיך דערמאָנט, װיפֿל עס איז נאָך צו פֿרײַטאָג און געקלערט װי זי װעט דעם טאָג ליכט בענטשן. זי האָט געהײסן יאָסעלען אַראָפּרײַסן פֿון דער װאַנט די צדקה־פּושקע און אַרונטערטראָגן אין בית־המדרש אַרײַן.

דערנאָך איז אַרײַנגעקומען דער פֿעטער װאָלף אַלײן מיט זײַן װײַב. די װײַב האָט עפּעס געבראַכט אונטער דעם זשאַקעט פֿאַר די קינדערס װעגן. דער שװאָגער לײבוש איז געקומען און האָט

עװלה (אָװלע) — אומגערעכטיקײט, wrong.

פּושקע — box. צדקה־פּושקע (צדאָקע) — די פּושקע װאוהין מע װאַרפֿט אַרײַן קלײנגעלט פֿאַר צדקה — charity.

עפּעס גערעדט מיטן אַגענט דעם ליטוואַק. אין שטוב איז געווען אַ גרויס גערודער. די בעטן האָט מען צענומען. די בענקלעך האָט מען אַוועקגענומען. דאָס ספרים־שענקל אַרויסגעטראָגן. דאָס הענגלײַכטערל איז שוין נישטאָ. רחלע האָט געפּאַקט דאָס בעט־געוואַנט אין מיטן שטוב. אַ סך שטרוי איז געלעגן אָנגעלייגט. און די מומע שיינדעלע האָט געהוסט און געלאַכט. חנה־לאה איז עפּעס געשטאַנען אין מיטן שטוב און עפּעס געשריִען. נאָר וואָס — געדענקט זי שוין אַליין נישט.

פון דעמאָלט אָן האָט די ייִדענע געלעבט ווי אין אַ חלום.

5

איבער דער גרענעץ

די משפּחה איז געזעסן אין וואַגאָן צוזאַמענגעדריקט. חנה־לאה איז געזעסן מיט די קינדער און די פּעקלעך ווי אַ הון זיצט איבער די אייער. און זיי זײַנען געפֿאָרן אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן.

חנה־לאה האָט קיין קינד נישט געלאָזט זיך רירן פֿון אָרט. זי האָט ווי מורא געהאַט אַז מע זאָל איר איינעם ניט אַוועקכאַפּן. און זי האָט געהאַלטן אין איין שרײַען אויף איינעם פֿון דער „קאָמאַנדע“, אויף חיימען, וועלכער איז זייער נײַגעריק געווען צו וויסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין וואַגאָן און אויסער דעם וואַגאָן. חיים האָט זיך אַלע מאָל אַוועקגעשלײַכט און געוואָרפֿן אַ בליק דאָ דורכן פֿענצטער, דאָ דורך דער טיר. און איטלעך מאָל ווען דער יונג איז אַוועק פֿון אונטער איר האַנט, האָט חנה־לאה געמיינט אַז ער איז שוין פֿאַרלאָרן געגאַנגען און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. אויף אַלע מענטשן אין וואַגאָן האָט חנה־לאה געקוקט מיט שרעק און חשד, ווי אויף אַזעלכע וואָס זײַנען אָנגעשטאַנען אויף איר לעבן און אויף דעם לעבן פֿון אירע קינדער. זי האָט מורא געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן אָדער וועמען עפּעס צו פֿרעגן (וואָרעם אַזוי האָט איר דער אַגענט אָנגעזאָגט: „מיט קיינעם גאָרנישט ריידן!“), כאָטש די מענטשן זײַנען נאָך געווען אונדזערע און דער לשון אונדזערער.

אַזוי איז זי געפֿאָרן אַ גאַנצן טאָג אין וואַגאָן. אָרום פֿאַרנאַכט איז זי אָנגעקומען צו דער סטאַנציע וואָס איז געווען אויסגעשריבן אין קוויטל, וואָס דער אַגענט האָט איר געגעבן און וואָס זי האָט געהאַלטן די גאַנצע צײַט אין דער האַנט און געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אַוועקגעשלײַכט — שטילערהייט, אומבאַמערקט אַוועקגעגאַנגען.
חשד (כשאַד) — suspicion.
אונדזערע מענטשן, אונדזער לשון — ייִדן וואָס ריידן ייִדיש.
קוויטל — צעטל.

דורך די וואַגאָנען איז דורכגעגאַנגען אַ יונגערמאַן אין אַ גומע־נעם מאַנטל מיט אַן אויסלענדישן אַכטקאַנטיקן היטל און האָט גע־וואָרפן אַ געהיימען ברום צווישן די פּאַסאַזשירן: „ווער צו דער גרענעץ?"

דאָס איז געווען דער צייכן וואָס דער אַגענט האָט איר געזאָגט. האָט זי איבערגעגעבן דעם יונגנמאַן דאָס קוויטל. האָט ער געגעבן אַ געהיימען וואונק צו איר: „גייט נאָך מיר!" — און האָט צוזאַמענ־גענומען די פּעקלעך. רחלע האָט אָנגענומען יאָסעלען ביַי דער האַנט. די „קאָמאַנדע" האָט געטראָגן פּעקלעך אויף די קליינע פּלייצקעלעך. אַלע זיַינען ווי צו דער שחיטה נאָכגעגאַנגען דעם יונגנמאַן.

פון דענסטמאָל אָן האָט חנה־לאה זיך געפילט ווי געפאַנגען. די ריכטיקע רייַזע קיין אַמעריקע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. מענטשן האָבן אויף איר געשריַען, איר באַפוילן און געהייסן אַזוי און אַזוי טאָן. און זי האָט אַלץ אויסגעפירט, ווי אַ געפאַנגענע.

דער יונגערמאַן האָט צוגעוואָרפן אַ וואָרט: „צו דער פור". און פּלוצלונג האָט ער געגעבן אַ ברום: „באַהאַלט זיך פאַרן זשאַנ־דאַר", און אַליין איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן ווי אין דער ערד אַריַין. אַ פּאָר מינוט איז חנה־לאה מיט די קינדער און מיט די פּעקלעך געשטאַנען אין מיטן סטאַנציע און איז געווען צעמישט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און איז געווען גרייט, אַז דער זשאַנדאַר זאָל צוגיין צו איר און אַז מע זאָל זי מיט די קינדער אַוועקפירן כאַטש אין שאול תחתיה. און זי האָט זיך אַליין געפילט שולדיק אין עפּעס אַ גרויסער זינד וואָס זי האָט געוואָלט באַגיין — „אַריבער די גרענעץ". זי האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר פאַרפאַלן.

ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך ווידער באַוויזן דער יונגערמאַן און ער האָט געגעבן אַ בייזער: „צו דער פור!" זיי זיַינען צו צו דער פור. דאָרט איז שוין געווען פול ייִדן, וויַיבער, קינדער

שאול תחתיה (שעאויל טאַכטיַיאַ) — טיפסטער אָפּגרונט, אונטער־ערד, אַ שרעקלעך אָרט.

גומענער — of rubber.

זשאַנדאַר — גרענעץ־פּאָליציסט, gendarm.

מיט פּעקלעך. מען האָט זי מיט די קינדער אַרויפגעוואָרפן — און וויאָ! די פור איז פלינק אוועק.

די פור איז אָפּגעפאָרן אַ צוויי שעה אין דער נאַכט אַרײַן און חנה-לאה איז אָנגעקומען אין אַ גרויסן הויף אַרײַן. אַרום איז געלעגן די שוואַרצע נאַכט איבער די פעלדער און אַ וואַסער האָט אויך דאָרט געמורמלט זיך: ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט. הינט האָבן געוואָיעט. און חנה-לאהן האָט זיך געדאַכט אַז זיי זײַנען אָנגעקומען צום טויער פון די מדבריות דורך וועלכע מע דאַרף דורכגיין אַז מע פאָרט קײַן אַמעריקע.

אַ טויער האָט זיך אויפגעעפנט און זיי זײַנען אַרײַן אין אַ גרויסער סטאַדאָלע. בײַ דער שײַן פון אַ קליין נאַכטלעמפּל וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט האָבן זיי דערזען אַ גאַנצע מחנה אויסוואַנדערערס, וועלכע זײַנען געלעגן פאַמיליעווײַז אַרום זייערע פּעקלעך אין ווינקעלעך פון דער סטאַדאָלע.

יעדערער פון די אָנגעקומענע האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער ווינקל. חנה-לאה מיט אירע קינדער האָבן באַלד געפונען אַ בינטל היי וואָס איז געלעגן אין אַ זייט. זיי האָבן דאָרט אָפּגעלייגט זייערע פּעקלעך און זיך אוועקגעזעצט. חנה-לאה האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַז די מענטשן וואָס געפינען זיך דאָרט זײַנען ייִדן, און כאָטש זיי ריידן ייִדיש — מוזן עס דאָך זײַן ליטוואַקעס. דאָך זײַנען זיי ייִדן! איז איר גרינגער געוואָרן אויפן געמיט, וואָס זי האָט זיך געפונען צווישן אייגענע.

זי האָט געזען אַז די קופּקעלעך אַרום איר מאַכן זיך באַקוועם. די ליטוואַקעס בינדן אָפּ די טשײַניקעס פון זייערע פּעקלעך, נעמען אַרויס אוגערקעס פון זייערע טיכלעך, צעשנײַדן זיי און צעטיילן זיי מיט ברויט צו זייערע, יעדע משפּחה פאַר זיך אַרום זייערע פּעקלעך. האָט זיך חנה-לאה דערמאָנט אין אירע שוואַלבן, אַז זיי האָבן הײַנט אַ גאַנצן טאָג אין מויל ניט געהאַט. האָט זי

סטאַדאָלע — אַ גרויסער שטאַל stable,

אוגערקעס — cucumbers.

שוואַלבן — swallows, דאָ אַ צערטלעכער אויסדרוק וועגן קינדער.

אויפגעעפנט איר פעקל און אַרויסגענומען פון דאָרט די חלה מיט די וואורשטלעך וואָס די רײַכע שוועגערין האָט איר מיטגעגעבן אויפן וועג. זי האָט צעטיילט איר עסן די קינדער, און רחלע וואָס איז מער ענערגיש געווען פאַר דער מוטער און מער מוט געהאַט פון איר, האָט גענומען דאָס טשײַניקל און איז נאָכגעגאַנגען די ליטוואַקעס אין דעם צווייטן שטיבל אַרײַן קויפן וואַרעם וואַסער.

ווען די משפחה האָט געטרונקען טיי פון גלאָז וואָס איז אַרומגעגאַנגען פון איין האַנט צו דער צווייטער, האָט זיך צו חנה־לאהן צוגערוקט אַ ייִדענע פון אַ צווייטן ווינקל און, אַוועקזעצנדיק זיך לעבן זייערע פעקלעך, האָט זי זיי געפרעגט:

— איר פאָרט אויך קײַן אַמעריקע?

חנה־לאה, וועמען מען האָט אָנגעזאָגט פאַרן אַרויספאָרן אַז זי זאָל קיינעם ניט זאָגן אַז זי פאָרט קײַן אַמעריקע, נאָר אַז זי פאָרט קײַן ברעסלע מיט אַ קראַנק קינד צו אַ דאָקטער, האָט דער ייִדענע אָפּגעענטפערט האַלבע ווערטער:

— ניין, איך פאָר מיט אַ קראַנק קינד צו אַ דאָקטער אין אויסלאַנד.

די ייִדענע האָט מאָדנע די ליפּן פאַרביסן און זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל אין אַ ווינקל אַרײַן:

— נו, יואל, זיי פאָרן אויך צו אַ דאָקטער קײַן ברעסלע.

פון ווינקל האָט ווער אָפּגעענטפערט אין אַ לאַכעדיקן טאָן:

— מיר אַלע פאָרן קײַן ברעסלע. אוי, פאָרן מיר קײַן ברעסלע!

די ייִדענע האָט ווידער געפרעגט חנה־לאהן:

— וואָס? איר האָט אַ מאַן דאָרטן?

חנה־לאה האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ האָט זי נישט וואָס צו באַהאַלטן, האָט זי געפרעגט די ייִדענע?

— און איר האָט אויך אַ מאַן דאָרט?

— הלוואַי וואָלט איך אים אַזוי נישט געהאַט ווי כ׳האָב אים!— האָט די ייִדענע אָפּגעענטפערט מיט אַ קרעכץ.

חנה־לאה האָט זיך פאַרוואונדערט. זי האָט מורא געהאַט ווײַטער צו ריידן מיט דער ייִדענע. זי האָט זיך געוואָלט אויסדרייען צו די איריקע, און אָט איז טאַקע יאַסעלעס קעפּל געפאַלן

אויסלאַנד — איטלעך אַנדער לאַנד חוץ דעם לאַנד וואו מען איז.

אין איר שוים. דאָס קינד איז מיד געווען, און מיטן שטיקל ברויט אין האַנט און מיט דער המוציא וואָס ער האָט געמאַכט איבער די ליפּן, איז ער אײַנגעשלאָפן אין דער מוטערס שוים.

נאָר די ייִדענע האָט זיך נענטער אַוועקגעזעצט לעבן חנה־לאהן און האָט אָנגעהויבן אַליין צו דערציילן:

— ער איז אַראָפּגעפאָרן פאַר־אַכט־יאָרן. „אויפן צווייטן יאָר נעם איך דיך אַראָפּ" — האָט ער געזאָגט. אַזוי זאָל מען נאָך הערן פון אים ביזן הײַנטיקן טאָג. מיט אַ קינד בײַ דער ברוסט האָט ער מיך איבערגעלאָזט. איך האָב געמיינט אַז ער איז גע־שטאָרבן, ערשט עס שרײַבן מיר באַקאַנטע היימישע מענטשן אַז ער לעבט דאָרט אין וואוילטאָג און מיך האָט ער פאַרגעסן. אַט פאָר איך דאָס אַראָפּ צו אים מיט מײַנע שוואַלבן — ווײַזט זי אין ווינקל אַרויף אויף די שלאָפנדיקע קינדער, — מע זאָגט, מע וועט מיך גאָרנישט אַרײַנלאָזן קײַן אַמעריקע, אויב ער וועט נישט אַראָפּ־קומען צו דער שיף מיך אַראָפּנעמען. אַט האָסטו דיר אַ פרײַ לאַנד!

חנה־לאה איז געבליבן זיצן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. איין מינוט איז איר אײַנגעפאַלן וואָס די שוועגערין שיינדעלע האָט איר דערציילט פאַר מאירס אַוועקפאָרן. די ליפּן האָבן איר געציטערט און די הענט האָבן אָנגעטאַפּט יאָסעלען וואָס איז געלעגן אין איר שוים . . . אפשר איר מאיר אויך? אַ קשיא אויף אַמעריקע! אין אַזאַ ווייט לאַנד! . . . באַלד האָט זי זיך פאַרגעשטעלט איר מאַן. ניין, מאיר נישט — האָט זי זיך באַרואיקט — — ניין! און כאָטש דאָס האַרץ איז געבליבן אומרואיק, דאָך ווען די ייִדענע האָט געפרעגט אויף איר מאַן, האָט חנה־לאה ניט אָן גאווה אָפּגעענטפערט:

— מײַן מאַן (זי האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט) נעמט מיך מיט די קינדער אַראָפּ. אַ יאָר איז ער ערשט דאָרטן און נעמט אונדז שוין אַראָפּ.

— אַ גליקלעכע ווײַב, — האָט די אומבאַקאַנטע ייִדענע גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף חנה־לאהן, — עס זײַנען דאָ מענער אויף

המוציא (האַמויצי) — די ברכה וואָס מע מאַכט פאַרן עסן ברויט.

קשיא (קאַשע) — אַ פראַגע. „אַ קשיא אויף אַמעריקע" — מע קען זיך ריכטן אויף אַלץ אין אַמעריקע.

דער וועלט! און איך — האָט זי געקרעכצט — וואָס האָב איך נישט געטאָן?! איך האָב זיך אין אַ קאַפּעליוש געלאָזט מאָלן און די בילדער אַראָפּגעשיקט. מע זאָגט צו מיר: לאָז זיך אָפּפאָטאָגראַפירן אין אַ קאַפּעליוש, שיק אים דײַן בילד אַראָפּ, לאָז דיר די באַקן רייטלען — ווײַז אים אַז דו ביסט אויך אַ שיין ווײַבל. איך האָב זיך געלאָזט די באַקן רייטלען, האָב פון דער נגידיתטע אַ קאַפּעליוש געבאָרגט און האָב אים די בילדער געשיקט! אוי, — קרעכצט די ייִדענע — ס'זײַנען פאַראַן מענער אויף דער וועלט: ערשט אַ יאָר דאָרטן און נעמט שוין ווײַב און קינדער אַראָפּ! — שאָקלט זי אויף חנה־לאהן.

חנה־לאה האָט אויסגעשפּיגן, אַז די ייִדענע זאָל איר חלילה קיין עין־הרע נישט געבן. זי האָט די קינדער נענטער צוגערוקט צו זיך און נערופן דעם יונג, חיימען, וועלכער איז שוין געווען אין אַלע ווינקעלעך, האָט זיך שוין געהאָט באַקאַנט מיט ייִנגלעך פון אַן אַנדער משפּחה און קוקט שוין דורך דער טיר אַרוים. זי האָט אַלץ געוואָלט האַלטן אַרום זיך, ווי זי וואָלט חלילה מורא געהאַט אַז די ייִדענע זאָל פון איר גאָרנישט אָוועקנעמען. ווי זי וואָלט זיך שוין געהאַט באַוואָרנט פון אַן איבערפאַל, האָט זי איצט זיכערער געפירט דעם שמועס מיט דער ייִדענע. אין איר שטים האָט זיך געהערט אַ צופרידענער טאָן.

— און ווער זײַנען דאָס די? — האָט זי געפרעגט אויף דעם ווינקל פון וואַנעט די ייִדענע איז אַרויסגעקומען, — אַײַעריקע?

— ס'איז אַ חתן מיט אַ כלה פון אונדזער שטעטל, פאָרן ביידע קײַן אַמעריקע אַראָפּ.

— אַזוי, — האָט חנה־לאה אָפּגעענטפערט גאַנץ באַלעבאַטיש. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קינדס וויינען.

קאַפּעליוש — הוט; די ווײַבער האָבן אין די קליינע שטעטלעך געטראָגן טיכער, טיכלעך אויפן קאָפּ, אָבער ניט קיין היט.

מאָלן — דאָ: זיך פאָטאָגראַפירן.

נגידיתטע (נעגידיסטע) — רײַכע פרוי, די פרוי פון דעם נגיד (נאָגיד).

עין־הרע (אײַנהאָרע) — אַ בייז אויג. ווען די ייִדענע האָט אַזוי באַוואונדערט די גוטסקייט פון איר מאַן, האָט חנה־לאה מורא געהאַט: יענע וועט געבן אַן עין־הרע.

באַוואָרענען — זיך פאַרזיכערן, זיך פאַרזאָרגן, זיך פאַרהיטן.

באַלעבאַטיש — רואיק, מיט ווערדע, ווי אַ באַלעבאָסטע.

— אהאַ, מײַנס װעקט זיך שױן, — האָט די פרעמדע ייִדענע זיך אױפגעכאַפּט, — נאַ־נאַ, מיר װעלן זײַן שיף־שװעסטער! — האָט זי געזאָגט צו חנה־לאהן און איז געלאָפן אין איר װינקל אַרײַן.

— װאָס איז דאָס אַזעלכס? — האָט חנה־לאה געפרעגט.

— מיר װעלן אין אײנעם אױף איין שיף פאָרן, — האָט די ייִדענע אָפּגעענטפערט פון דער װײַטנס.

דער עולם איז דערװײַל אײַנגעשלאָפן. פון דאָ און פון דאָרט האָט זיך געהערט אַ כראָפּען. די קינדער זײַנען געלעגן אַרום די מוטערס אויף די פעקלעך און זײַנען געשלאָפן. די פאָטערס זײַנען געזעסן, אָנגעלענט אױף די קעסטלעך.

בײַ דער שײַן פון דעם לעמפּל האָט דער עולם אױסגעזען װי שאָטנס, װי דורכגײיענדיקע, װי אײביקע װאַנדערערס װאָס קומען אָן פון אַ פרעמדער װעלט און װאַנדערן ערגעץ דורך נעכט, דורך טעג, אין אַ פרעמדער װעלט אַרײַן. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן דער סוד און דער טרויער פון אײביקן גלות.

די מוטערס האָבן געהאַלטן די קינדער אויף די הענט און זײַנען געשלאָפן. די ייִנגלעך זײַנען געלעגן אין די פאָטערס שױסן און געשלאָפן. אויף די װענט זײַנען געפאַלן די מידע שאָטנס פון די שלאָפנדיקע, די שאָטנס פון פעקלעך און טשײַניקעס. די מענטשן האָבן אױסגעזען װי אַרױסגעטריבענע פון אַן אײַנגענומענער שטאָט, װי נעכטן װאָלט ערשט דער בית־המקדש חרובֿ געװאָרן. אָט ערשט קומען זײ אָן פון װעג פון ירושלים. און נבֿוזראַדן גײט מיט זײ און טרײַבט זײ נאָך. און אָט זײַנען זײ דאָס אױף דעם װעג פון דעם לאַנגן, לאַנגן גלות . . .

אין אַ װינקל האָט זיך געהערט אַ שטים פון אַן אַלטן ייִד. זײַן סידורל האָט ער געהאַלטן פאַר דער שײַן פון דעם לעמפּל און

אייביקער גלות (גאָלעס) — דאָס אייביק ניט האָבן קיין היים, דאָס אַרומװאַנדערן פון איין לאַנד צום אַנדערן, דאָס געיאָגט װערן, דאָס שטענדיקע לײַדן צרות. גלות — דער צושטאַנד פון ייִדישן פאָלק נאָכן פאַרלירן דאָס אייגענע לאַנד.

חרובֿ (כאָרעװ) — צעשטערט.

נבֿוזראַדן (נװאָזאַראַדן) — נבֿוזראַדן האָט אָנגעפירט די אַרמײ פון בבֿל װאָס האָט חרובֿ געמאַכט דעם ערשטן בית־המקדש.

געזאָגט מיט זײַן אַלטער, טויזנט-יעריקער יידישער שטים די געזאַנגען פון תּהילים.

אין צוויי שעה אַרום זײַנען גויִים געקומען אַריבערצופירן די מחנה אויסוואַנדערערס איבער דער גרענעץ.

חנה-לאה האָט ערשט געהאַט אײַנגעשלאָפן אויפן קעסטעלע וואָס איז געשטאַנען הינטער איר. און דער יונגערמאַן אין גומענעם מאַנטל איז אַרומגעגאַנגען צו די שלאָפנדיקע און זיי אויפגעוועקט. פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געהויבן מענטשנקעפּ. מען האָט פלינק צונויפגעלייגט די פּעקלעך. די מוטערס האָבן פאַרזיכטיק זייערע קינדער פון שלאָף געוועקט. אַלע האָבן זיך מיט אַ שטילן ערנסט געגרייט אין וועג אַרײַן.

רחלע האָט יאָסעלען גענומען אויף די הענט. דאָס קינד איז מיד געווען און פאַרשלאָפן און האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין וואו ער איז און וואָס עס טוט זיך דאָ. ער האָט מורא געהאַט און פּעסט זיך געהאַלטן אָן דער מאַמען. די „קאָמאַנדע" האָט אויך די פליגלען פאַרלאָרן. די יונגען זײַנען שטיל געוואָרן, טרויעריק און פאַרטראַכט. נאָר רחלע אַליין האָט זיך געהאַלטן, אין אַלץ געדענקט און האָט מונטער אויסגעזען.

פאָרויס זײַנען געגאַנגען די גויִים, די מחנה נאָך זיי. מען איז אויף דער גאַס אַרויסגעקומען. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און אַ ליכטיקע. די לבֿנה האָט זיך געהאַט אַרויסגעוויזן פון הינטער די וואָלקנס, און דאָס איז זייער שלעכט געווען פאַר די פירערס. האָבן זיי זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ צו פירן אָדער נישט. נאָר דער הימל איז געווען באַוואָלקנט און די לבֿנה האָט זיך פון צײַט צו צײַט באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס. דאָס האָט געוועקט האָפענונג בײַ די פירערס און מען האָט באַשטימט ווײַטער צו גיין. מען איז אַדורכגעגאַנגען דורכן טויער פונעם הויף און מען איז

תּהילים (טהילים, אויך טילים) — Psalms.

מחנה (מאַכנע) — אַ גרויסע גרופּע, אַ סך מענטשן אין איינעם.

בשום-אופן (בעשומויפן) — אויף קיין פאַל.

זיך שלאָגן מיט דער דעה (דייע) — זיך ניט קענען באַשליסן, ניט וויסן אויף זיכער, איבערקלערן צי אַזוי צי אַנדערש.

אַרויסגעקומען אויף אַ ברייט פעלד וואָס איז געווען נאָם פון נאַכט־טוי. פון דער ווײַטנס האָט זיך געריסעוועט אַ שווארצער שאָטן פון אַ וואַלד און מען האָט זיך געמאָסטן צוצוגיין צום וואַלד.

חנה־לאה האָט געדרעפּטשעט מיט די קינדער אין דעם וואַסער. יאָסעלע וועלכער איז נאָך געווען פאַרשלאָפן האָט נישט געוואוסט וואוהין מע פירט אים. ער האָט מורא געהאַט און האָט נישט געוואָלט נאָכאײַלן די וואַנדערערס וואָס האָבן געדרעפּטשעט איבער נאַר וואָס געאַקערטער ערד. איז חנה־לאה פון הינטן געבליבן. די גויִים האָבן געשריִען אויף איר. און יאָסעלע האָט נאָך מער מורא געקראָגן, איז שטיל געוואָרן. מיט יִידישער טרויעריקער אונטער־טעניקייט, וואָס איז שוין די טבֿע פון דעם אונטערטעניקן ייִד, האָט ער אָנגעהויבן נאָכצולויפן. און זיי זײַנען אין וואַלד אַרײַן.

דער וואַלד איז געווען געדיכט און די נאַכט האָט אָנגעהויבן שוואַרץ צו ווערן. די לבֿנה האָט זיך באַהאַלטן און די אַגענטן זײַנען צופרידן געווען. פאַר מער זיכערקייט האָט מען די מחנה צעטיילט און מען איז געגאַנגען גרופּעסווײַז צווישן די געדיכטע ביימער. די צווייַגן האָבן דעם וועג פאַרשטעלט און מען איז אָפט אײַנגעטונקט געוואָרן אין אַ צעוואַקסענעם קוסט, פון וועלכן מען האָט זיך ניט געקענט אַרויסקריגן.

פון אַלע ווינקעלעך האָבן אַרויסגעקוקט טויטע נשמות וואָס האַלטן זיך אויף אין די וועלדער . . . און יאָסעלע האָט זיי געזען ווי זיי וואַנדלען צווישן די ביימער. און אָט באַלד, באַלד וועט מען טרעפן אַ גאַנצע מחנה טויטע נשמות אין ווײַסן געהילט, ווי זיי

זיך געריסעוועט — זיך אויסגעמאָלן.

געדרעפּטשעט — געגאַנגען, שטעלנדיק שווער די טריט; געגאַנגען אין בלאָטע, זיך געשלעפּט.

אונטערטעניקייט — submissiveness, אונטערטעניק — submissive.

טבֿע (טעווע) — כאַראַקטער, נאַטור.

קוסט — bush.

געהילט — אײַנגעוויקלט.

ציִען דורך דעם וואַלד דורך צו דעם וואַסער צו און גייען זיך טובֿל זיַין, איידער זיי שטיַיגן אין הימל אַרויף צום משפּט.

אין חדר האָט יאָסעלע זיך אָנגעהערט מעשׂיות און אַליין האָט ער געלייענט אין די מעשׂה־ביכלעך, וואָס ער פלעגט קויפן ביַי לייבוש איַינבינדער יעדן פריַיטאָג, פון די ווילדע וועלדער און וויסטע פעלדער, אין וועלכע עס וואַלגערן זיך נשמות אַרום, אין וועלכע גזלנים האַלטן זיך אויף און פאַנגען דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכּה און פאַרשליסן זיי אין טיפע היילן; און דאָרט, אין דעם וואַלד, איז דאָ אַ שטיין, וואָס ליגט אויפן מויל פון דער הייל וואָס פירט אין גן־עדן התחתּון אַריַין. יאָסעלע איז געווען זיכער אַז דאָס איז דער מוראַדיקער, שרעקלעכער וואַלד, פון וועלכן ער האָט אין די מעשׂה־ביכלעך געלייענט. און דורך די שרעקלעכע מדבריות און וועלדער גייט מען דאָס טאַקע, ווען מע פאָרט קיַין אַמעריקע. און יאָסעלען האָט זיך געדאַכט אַז פון די פעלדער גייען אַרויס וועגן וואָס פירן קיַין ארץ־ישׂראל און צו אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. און דאָרט וואו דער וואַלד ענדיקט זיך — ענדיקט זיך די וועלט. און ס'וויַיזן זיך באַלד די גרויסע, גרויסע מענטשן־פרעסערס מיט די לאַנגע בערד, וואָס זיי האַלטן זיך אויף אין דעם וואַלד. ער האָט געוואַרט אויף זיי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. און אָט זיַינען זיי שוין דאָ! פון דער וויַיטנס הערט מען אַ גאַלאָפּ פון ריַיטערס און אַן עכאָ שלאָגט אָפּ.

וואָס איז דאָס? אַלע ווערן שטיל. מע גייט נישט וויַיטער. אָט פאַלט מען צו דער ערד. די מוטער שלעפּט אים אַראָפּ — באַהאַלט זיך!

אַלץ, די גאַנצע פּאַרטיע, ליגט שטיל, אויסגעצויגן צווישן די

טובֿל (טויוול) זיַין — זיך אונטערטונקען, זיך באָדן (געוויינלעך איז דאָס וואָרט פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזער צערעמאָניע).

בן־מלך (בענמעלעך) — קיניגס זון, פּרינץ.

איַינבינדער — book binder.

בת־מלכּה (באַסמאַלקע) — פּרינצעסין; אין מעשׂהלעך רעדט זיך וועגן בן־מלך און בת־מלכּה.

גן־עדן התחתּון (גאַנײדן האַטאַכטן) — דער אונטערשטער גן־עדן, דער גן־עדן אויף דער וועלט; אין מעשׂהלעך דערציילט זיך וועגן אַ גן־עדן וואָס איז ערגעץ וואו פאַראַן אויף דער ערד.

בײמער. מען האַלט אײַן דעם אָטעם. מען הערט נאָר דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פּאָדקעװעס. װאָס אַ מאָל נעענטערן זיך די מענטשן־פרעסערס. אָט באַלד װעלן זײ דערזען און אַלעמען נעמען גע־פאַנגען אין זײער הײל! און װעלן זײ האַלטן אין אַ שטײַג, און זײ אויספּאַשען אַז זײ זאָלן פעט װערן. און דערנאָך װעט מען יעדן טאָג בראָטן אײנעם פון זײ אויף אַ פײַער־פּאַן.

אַ קינד פאַנגט אָן צו װײנען אין דער מחנה און ס׳װערט פּלוצ־לונג פאַרשװיגן; די מוטער האַלט אים צו מיט דער האַנט דאָס מויל. לעבן זיך הערט יאָסעלע אַ ציטעריק קול תּהילים זאָגן אין דער שטיל. ליגנדיק אויף דער ערד צװישן גראָז, הערט ער, די מאַמעס ליפּן באַװעגן זיך: „גאָט פון אַבֿרהם, העלף אונדז!" רחלע בעט אויך, ליגנדיק אויף דער ערד לעבן אים: „רבונו־של־עולם!" — און זי זאָגט עס מיט דער מאַמעס טאָן, װען זי בענטשט ליכט.

יאָסעלען דאַכט זיך אַז אַלע ליגן גרײט צום טויט און זאָגן שױן אָפּ װידוי. אָט באַלד װיל ער װײנען. נײן! די מאַמע שעפּ־טשעט אים צו שטיל, שטיל: „יאָסעלע, יאָסעלע, זײַ שטיל! זײ װעלן באַלד דורכרײַטן!"

נײן! ער װעט נישט װײנען. ער װעט זײ נישט לאָזן הערן זײַן קול, אַז זײ זאָלן װיסן װוּ זײ זײַנען. ער װעט אויך בעטן װי די גרויסע, װי אַלע בעטן: „רבונו־של־עולם!" נײן! „הימל!" — נײן! ער װעט זאָגן די גרויסע תּפילה װאָס מע זאָגט װען די נשמה גײט אויס, װאָס אַלע ייִדן זאָגן װען זײ זײַנען אין אַ סכּנה, און אַז מע דערזעט אַ שד און װען מע זאָגט עס קען ער קײן שליטה נישט האָבן.

פּאָדקעװעס — horseshoes.
אויספּאַשען — געבן אַ סך עסן מע זאָל פעט װערן.
שעפּטשען — to whisper.
פּאַן — pan.
תּפילה (טפילע) — געבעט, prayer.
שליטה (שליטע) — דעה, מאַכט, power.

— „שמע ישׂראל, ה׳ אלהנו ה׳ אחד!״ — האָט דער קליינער ייִד געצויגן אין איין אָטעם דעם „אחד״.

און ווער ווייס צי זײַן תּפילה האָט נישט געהאָלפן? מען האָט באַלד געהערט ווי די זשאַנדאַרם פערד רײַטן אַוועק ווײַטער טיף אין וואַלד אַרײַן.

— שטיל . . . ווײַטער . . . מאַכט ניט קיין גערודער . . . —האָט דער אַגענט גערופן צווישן עולם. און מען האָט זיך אויפגעהויבן און מען איז ווײַטער געגאַנגען.

— געלויבט השם יתברך! — האָט חנה־לאה אויפגעהויבן די אויגן צום הימל — די אָבֿות האָבן זיך געמיט!

אַזוי איז מען דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

און אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען די מחנה האָט זיך געפונען שוין אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ, וואו מען האָט זיי אַרײַנגעפירט אין באַד אויף דיזענפעקציע, — האָט זיך שוין קיינער נישט געפילט ווי אייגענע מענטשן, נאָר ווי שטיקלעך סחורה וואָס מען האָט עקספּאָרטירט קײַן אַמעריקע און מע וואַרפט עס פון איין האַנט אין דער אַנדערער אַרײַן, ביז עס קומט אָן צום ברעג.

„שמע ישׂראל״ . . . (שמאַ ייִסראָעל, אַדוינוי עלויהיינו אַדוינוי עכאָד) — „הער, ישׂראל, יהוה (יאַהאָווע) איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער״. דאָס האָבן ייִדן געזאָגט בײַם אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר זייער גלויבן; דעם זאָך זאָגט מען פאַרן שטאַרבן און אין מאָמענטן פון גרויס געפאַר.

די אָבֿות האָבן זיך געמיט — די אָבֿות (זען) האָבן געבעטן גאָט אַז אַלץ זאָל זיך גוט ענדיקן.

6

שיף-ברידער און שיף-שוועסטער

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך שוין די משפּחה געפֿונען אויף דער שיף וואָס איז געלעגן אין די וואַסערן פֿון גרויסן אָקעאַן. די שיף איז נאָך ניט אַרויסגעפֿאָרן. זי איז נאָך געלעגן אין האַפֿן.

די צווישנדעקניקע האָט מען אַ גאַנצן טאָג פֿריִער אויף דער שיף אויפֿגעפּאַקט. אַ גאַנצן טאָג איז אַ גרויס גערודער געווען אויף דער שיף. פֿאַרשיידענע פֿעלקער זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער שיף, מערסטנס אוקראַיִנישע גויִים. און חנה-לאה מיט די קינדער זײַנען ווי דערטרונקען געוואָרן אין דעם גערודער.

מענטשן האָבן געשריִען אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן. חנה-לאה איז געגאַנגען וואוהין אַלע זײַנען געגאַנגען. אַ קליין שיפֿל האָט זי מיט איריקע צוגעפֿירט צו דער גרויסער שיף. זי האָט נישט געזען דעם ים, זי האָט מורא געהאַט צו קוקן. זי האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף גאָט . . .

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך איינס דאָס אַנדערע געזוכט. פּעקלעך זײַנען געלעגן פֿאַר די פֿיס. קיינער האָט נישט געקענט געפֿינען דאָס זײַניקע. און אַלץ האָט געשריִען. מען האָט חנה-לאהן דורך קעלערן געפֿירט, אין די טיפֿעניש אַראָפּ. זי האָט געהאַלטן יאַסעלען בײַ דער האַנט און איז נאָכגעגאַנגען. זי האָט נישט מורא געהאַט. זי האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף גאָט . . .

צום סוף האָט מען איר אָנגעוויזן אַ שטרויזאַק אין אַ ווינקעלע, צווישן אַ סך, אַ סך שטרויזעק. און זי איז אַרויפֿגעקראָכן מיט אירע קינדער, האָט זיך אײַנגענורעט אין איר ווינקל מיט די איריקע און

די צווישנדעקנדיקע — די פּאַסאַזשירן וואָס זײַנען געפֿאָרן גאָר אונטן אין שיף, אויף זייער ניט קיין באַקוועמען אופֿן.

שטרויזאַק — אַ זאַק, אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי, וואָס פֿאַרבײַט אַ מאַטראַץ.

אײַנגענורעט — אײַנגעגראָבן זיך, אײַנגעטוליעט זיך.

האָט מורא געהאַט זיך צו רירן. ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַרן גרויסן שרעקלעכן ים, כאָטש זי האָט אים נישט געזען, כאָטש זי האָט אים נישט געפילט, ווײַל די שיף איז נאָך געלעגן אין האַפן.

דערווײַל איז אין דער קאַמער וואו זי איז געלעגן געוואָרן גאַנץ היימלעך. און אַז חנה-לאה האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי דערזען אַז זי געפינט זיך צווישן בלויז אייגענע. דאָס איז געווען די אָפּטיילונג פאַר „יִדישע פאַמיליעס מיט קינדער".

— נאָ, זי איז אויך דאָ! וואו זײַט איר געווען דורך דעם גאַנצן וועג?

חנה-לאה האָט זיך אומגעקוקט ווער עס רעדט מיט די ווער־טער. עס איז געווען די יִדענע מיט וועלכער זי האָט זיך באַגעגנט בײַ דער גרענעץ און וועלכע פאַרט צו איר אַנטלאָפענעם מאַן.

חנה-לאה האָט זיך מיט איר דערפרייט ווי מיט אַן אַלטן פרײַנד.

— וואו זײַט איר געווען? איך האָב דאָך אײַך געזוכט!

און די ביידע שכנות אויף די צוויי שטרויזעק האָבן צוזאַמענ־גענומען זייערע קינדער און האָבן אָנגעהויבן צו ריידן צווישן זיך ווי־אַלטע צוריקגעפונענע פרײַנד.

דערווײַל האָט זיך איין ייִד באַקאַנט מיטן צווייטן. אַלע האָבן גערעדט אין איינעם, האָבן אויסגעפרעגט אויף באַקאַנטע פון זייערע שטעט. און איין ייִד האָט אַזוי לאַנג געפרעגט דעם צווייטן, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער איז מיטן צווייטן משפחה.

— אויב אַזוי, טאָ מעגן מיר דאָך טאַקע מנחה דאַווענען! — האָט זיך אָנגערופן אַ פריילעכער קול.

— נו, אדרבא, אדרבא, — האָבן זיך געהערט קולות אַרום.

— ייִדן, איר ווייסט אַז מע צינדט הײַנט דאָס ערשטע ליכטל?

— האָט ווער אין אַ ווינקל דערמאָנט.

— אַ גוטער סימן, דעם ערשטן טאָג חנוכּה אויף דער שיף אַרויפגעגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונדז אַ בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

היימלעך — פריילעך, געמיטלעך, אַזוי ווי אין דער היים, cheerful.
בעל־מנגן (באַלמענאַגן) — אַ זינגער, אַ קענער אויף זינגען.

— װי הײסטו? מיר האָבן דאָך דעם קעלצער חזן דאָ! — האָט א ייִד געװיזן אויף אַ יונגנמאַן מיט אַ געל בערדל, װאָס ער האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט פונעם גאַנצן עולם.

— פון װאַנעט װײסטו איר אַז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם ייִד.

— מיר דאַרף מען שױן קײן פינגער אין מױל נישט אַרײַנלײגן. איך װײס שױן! — טענהט דאָס ייִדל פלינק און גיט אַ װאונק צום געלן יונגנמאַן, — איך דערקען שױן, אין זײַן באַפשטים דערקענט מען שױן! נאַ, זעסטו? — װײַזט ער אויף דעם יונגנמאַן — דו זעסט דעם לאַנגן נאָגל פון גראָבן פינגער? װײסט, איך האָב דאָך אַלײן אים דאַװנען געהערט!

עס האָט אַ ביסל געדויערט ביז דער געלער יונגערמאַן האָט זיך געלאָזט „צו װיסן געבן" פאַר זײַנע ברידער אַז ער איז טאַקע דער קעלצער חזן. דערנאָך האָט עס אַ ביסל געדויערט ביז ער האָט זיך געלאָזט אײַנרײדן אַז ער זאָל גײן „פאַרן ברעטל". נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שױן געשטאַנען פאַר צװײ ליכטלעך װאָס האָבן געברענט אויף אַ קעסטל, און דער יונגערמאַן האָט גע־גאָרגלט פאַרן עולם, און אַלע װײַבער און קינדער פון שיף האָבן מיטגעזאָגט קדושה.

אַ מנחה־דאַװנען איז געװען אַ שײנס און אַ חזניש. נאָך מנחה־דאַװנען האָט מען געפרעגט, װער האָט חנוכה־ליכטלעך. עס האָט זיך אַרױסגעװיזן אַז אַלע האָבן זיך געריכט אויף חנוכה און האָבן אָנגעגרײט חנוכה־ליכטלעך. האָט יעדע משפּחה אָנגעצונדן די ליכטלעך אויף איר קעסטל. און דער קעלצער חזן האָט זיך אַװעקגעשטעלט פאַרן עמוד װאָס איז באַשטאַנען פון אײן קעסטל אויפן צװײטן. דער עולם האָט באַלד געפונען אַ פּאָר קװיטשערלעך

קעלצער — פון דער שטאָט קעלץ.

זיך געלאָזט „צו װיסן געבן" . . . — אַן אָנצוהערעניש אויף דער מעשה מיט יוסףן און זײַנע ברידער, װאו דער אויסדרוק װערט גענוצט.

„פאַרן ברעטל" — פאַרן עמוד (אָמעד), פאַרן אָרט װאו עס שטײט דער חזן.

גאָרגלען — .to brawl, to trill, to quaver

קדושה — אַ שטעל אין דאַװנען װאָס װערט פאַררעכנט װי באַ־זונדערס הײליק.

קװיטשערלעך — דאָ: זינגערלעך, מיטהעלפערס פון דעם חזן.

פאַר אים. אַ סאַפּראַנדל האָט ער אַליין מיטגעפירט מיט זיך, זײַנעם אַ ייִנגל, אַ קינד אַ וואונדער אין דער וועלט — אַמעריקע וועט אויפן קאָפּ שטיין! און עס איז געוואָרן אָפּגעזונגען אַ חנוכּה־בענטשן מיט אַ מזמור, וואָס אַזעלכעס האָבן נאָך די לײַט נישט געהערט.

חנה-לאה האָט פאַרגעסן אַז זי געפינט זיך אויף דער שיף. איר האָט זיך געדאַכט אַז זי איז בײַ זיי אין שטעטל אין דער שול. עס האָט איר נאָר ווי געטאָן וואָס מאיר איז דאָ נישטאָ. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער. דער ייִנגל, דאָס סאַפּראַנדל, האָט וואונדער געוויזן. און די גאַנצע שיף ייִדן האָבן אונטערגע־האַלפן. און דאָס קול איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער און פריי־לעכער. און אַז דער חזן האָט געענדיקט דאָס זינגען, האָט זיך אָנגערופן דאָס פריילעכע ייִדל, הויך אויף אַ קול, רײַבנדיק זיך די הענט:

— איצט פּאַסט די גוטע לאַטקע און די פעטע גריוון לכּבֿוד חנוכּה!

— און אפשר דאָס פײַנע קערטל? — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— און טאַקע דאָס פײַנע קערטל אויך! — ענטפערט אָפּ דאָס ייִדל, רײַבנדיק זיך די הענט.

— גריוון זײַנען דאָ! — רופט זיך אָפּ אַ ווײַבעריש קול פון אַ שטרויזאַק אַראָפּ און דערלאַנגט פון אַ גרויסן פּאַק אַרויס אַן אײַנגע־פּאַקטן טאָפּ קאַלטע גריוון.

— פון וואַנעט האָט איר גענומען גריוון? — פרעגט אַ ייִדענע.

— מײַן טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַרײַן דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, — ענטפערט די ייִדענע גאַנץ גלײַכגילטיק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען שוין געזעסן די ייִדן פון פאַר־שיידענע געגנטן און לענדער, וואָס זיי האָבן נאָך נעכטן זיך נישט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבן געגעסן פון איין

סאַפּראַנדל — דאָ: אַ ייִנגל וואָס האָט אַ סאָפּראַנאָ-שטים.

מזמור (מיזמער) — געזאַנג: אַ ספּעציעל געזאַנג בײַם בענטשן די חנוכּה-ליכטלעך.

דאָס פײַנע קערטל — אַ פײַנע קאָרטנשפּיל, אַ שפּיל אין קאָרטן ווי עס באַדאַרף צו זײַן; חנוכּה פלעגן ייִדן שפּילן אין קאָרטן.

טעלער, האָבן זיך געטיילט די ביסנס און האָבן זיך געפילט צווישן זיך ווי מיטגלידער פון איין משפּחה, ווי אַלטע, אַלטע פריינד פון אַמאָליקע, אַמאָליקע צייטן, וועלכע האָבן זיך געטראָפן נאָך יעמאָלט, ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען, זיינען אין איינעם אין די פריִערדיקע גלותן געווען און באַגעגענען זיך ווידער דאָ, אויף דעם וועג קיין גלות אַמעריקע.

נאָר יאָסעלע איז אין דעם אַלעם נישט געווען. בחינם האָט די מוטער אים איטלעך מאָל געצויגן ביים אָרבל, ווען דער חזן האָט גע־דאַוונט. וואו איז יאָסעלעם שיין אָמן נאָכזאָגן? יאָסעלעם גרויסע גלאַנצנדיקע אויגן קוקן איצט דורך דעם פענצטערל אין דער נאַכט אַריין, אויף דעם ברייטן, גרויסן ים.

דאָס איז ער, דער ים הגדול, וואָס פון אים שטייט אין חומש, וואָס לויפט וויַיט אַוועק וואו קיין עק איז נישטאָ, וואו די וועלט ענדיקט זיך, וואו די הימלען הייבן זיך אָן. טונקל איז ער און שוויַיגעדיק. קאַלט און ערנסט ליגט ער אויסגעצויגן און לויפט וויַיט, וויַיט אַוועק.

פון דער וויַיטער טיפעניש פון ים קומט אָן צו לויפן אַ וואַל. גרויס איז ער ווי אַ שרעקלעכע ווילדע חיה. און גיט אַ שרעקלעכן ברום און אַ שלאָג אָן אין דער שיף. אָט האָט זי שוין — די חיה, דער וואַל — דאָס מויל געעפנט די שיף איַינצושלינגען. און אַלע, די גאַנצע שיף, וואָלט געוואָרן איַינגעשלונגען אין אים. נאָר גאָט שטייט און זאָגט: „נישט!“ און מיט אַ געבייזער גיט זיך דער וואַל אַ שלאָג אָפּ פון דער שיף און לויפט וויַיט אין ים אַריַין . . .

עס פאַלן די הימלען איבערן ים. עס שטיַיגט דער ים אין הימל אויף. און טונקל ווערט איבער זיי ביידע. און מיט אַ מאָל גיבן

גלות אַמעריקע — דאָס פאַרלאָזן די היים און קומען קיין אַמעריקע (ביַים באַטראַכטן עס ווי אַן אומגליק): די צרות וואָס מע לייַדט זיך אָן אין אַמעריקע.

ים הגדול (יאָם האַגאָדל) — דער גרויסער ים. אין מעשׂהלעך רעדט זיך אָפט וועגן דעם ים הגדול.

וואַל — wave.

זיך אַ צינד אָן ליכטלעך אין מיטן ים און שווימען אין דער לופטן, צווישן הימל און ים. איין ליכטל, נאָך איינס, אַ גאַנצע ריי, הונ־דערטער, טויזנטער, איינס נאָכן אַנדערן. און גלייך זיינען זיי, ווי ביימלעך איינגעזעצטע. וואָס איז עס? צי איז ביי זיי אויך חנוכּה?! און האָט דער ים זיינע חנוכּה־ליכט אָנגעצונדן? אָדער זיינען דאָס די ליכט פון פענצטער פון הימל וועלכע זיינען שוין פון יענער זייט ים? . . .

שטיל איז שוין געווען אין דער אָפּטיילונג פאַר די ייִדישע עמיגראַנטן. דאָ און דאָרט זיינען די פאַמיליעס געפאַלן איבער די שטרויזעק און זיינען איינגעשלאָפן. דאָ און דאָרט איז אַן עמיגראַנט געזעסן ביי דער שיין פון אַ צאַנקענדיק חנוכּה־ליכטל און האָט אויף זיין קאַסטן געשריבן דעם לעצטן גרוס פון שיף צו זיין פאַמיליע. און יאָסעלע איז נאָך אַלץ געלעגן ביי דער מוטערס זייט אויפן שטרויזאַק און האָט מיט זיינע גרויסע אויגן אַרויסגעקוקט אין דער נאַכט אַריין אויפן ים.

אין דרויסן איז שוין פינצטער געווען. אַ שוואַרצע, שווערע כמאַרע איז געלעגן איבערן ים. אַלץ איז געווען פאַרשטעלט. נאָר הינטער די ווענט פון שיף האָט זיך געהערט דאָס ברומען פון די וואַלן וואָס זיינען אָנגעקומען צו לויפן פון ים. זיי האָבן געקלאַפּט אויף די ווענט פון שיף. און יאָסעלע האָט געטראַכט:

פון וואַנעט די וואַלן קומען אָן צו לויפן, פון דער טיפעניש פון ים, פון דאָרט ווייט, נאָך די ליכטלעך, וואו עס איז שוואַרץ, — דאָרטן ליגט דער לוויתן און אויף זיין עק שטייט די וועלט, און עס איז גענוג אַז ער זאָל איין וואָרף געבן מיט זיין עק, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אין ים אַריינפאַלן. נאָר גאָט שטייט דערביי און זאָגט: „ריר זיך נישט!“ און דער לוויתן גיט זיך קיין ריר נישט.

ער האָט אים באַשיימפערלעך געזען, דעם לוויתן, דאָרט אין דער טונקלקייט, וואו ער שניידט זיך אויס פון ים אַרויס און שטייגט

צאַנקענדיק — וואָס האַלט ביים אויסגיין (וועגן אַ ליכט).
כמאַרע — וואָלקן; שווערער, פינצטערער וואָלקן.
לוויתן (ליוויאָסן) — דער לעגענדאַרער פיש וואָס האַלט די וועלט אויף זיין עק.

וואָס אַ מאָל בולטער, בולטער פון ים אַרויס. אָט וואַקסט זײַן קאָפּ, וואַקסט זײַן עק. ער ציט זיך אויס וואָס אַ מאָל לענגער, אָט־אָט ביז ער דערגרייכט שוין דאָ אַהער. אָט וועט ער באַלד אָנרירן מיט זײַן עק די ווענט פון שיף און אַלץ וועט ער אומדרייען אין ים אַרײַן!

— מאַמע! — האָט פּלוצעם יאָסעלע געגעבן אַ שרײַ אויס מיט אַ האַרץ־שרעקעדיקן געשריי, אַז חנה־לאה האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך אומגעקוקט וואו זי איז. זי האָט גענומען יאָסעלעס קאָפּ הינטער איר טוך אַרונטער און האָט אים דעם פּנים פאַרשטעלט.

— לייען קריאת־שמע, יאָסעלע, און שלאָף!

און יאָסעלע האָט מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש קריאת־שמע גע־לייענט הינטער דער מוטערס טוך.

בולט (בוילעט) — קלאָר, אַרויסשטאַרצנדיק.

קריאת־שמע (קרישמע) — די תּפילה וואָס מע זאָגט פאַרן אײַנ־שלאָפן; אַז מע לייענט קריאת־שמע באַפרײַט מען זיך פון די שרעקן בײַ נאַכט.

7

צום אַמעריקאַנער ברעג

עס איז געווען אַ שיינער טאָג אויפן שיף. די זון האָט ברייט געשײַנט איבערן ים. און אַזוי ווי דאָ וואָלט מען זי געלאָזט איין מאָל אין איר לעבן אויסציִען זיך אין איר גאַנצער גרויסקייט, אַז עס זאָלן איר ניט שטיין אין וועג קיין שפּיצן פון דעכער און קלויסטערס, — האָט זי איבערן ים געוויזן איר פּראַכט און שײַן. וויפל זי האָט נאָר געסטײַעט, האָט זי זיך פאַרשפּרייט איבער דעם ברייטן, אומענדלעכן וואַסער. זי האָט מיט איר גלאַנצ־דיקן ליכט וואָס זי האָט געגאָסן פון זיך אויפגעקאָכט די קאַלטע גיסנדיקע וואַלן פון ים. דער ים האָט געברויזט קעגנאיבער איר שײַן און דאָס וואַסער האָט געשימערט.

איבער דער לענג פון ים, וואו דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערזען, האָט זיך געוואָרפן איין גרויסער לאַנגער שימערירנדיקער וואַל וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון און האָט אַזוי געלויכטן אַז דאָס אויג האָט ניט געקענט אַרײַנקוקן אין דעם ליכט. און איבער דעם וואַל האָט די שיף אַלץ זיך געשטאַרקט דורכצו־שווימען און האָט נישט געקענט. דער לויכטנדיקער וואַל איז איר פאָרויסגעלאָפן דעם גאַנצן וועג און האָט געברויזט מיט זײַנע וואַסערן אונטער די רעדער פון דער שיף.

אויף דער שיף איז הײַנט געווען יום־טובֿ. מען האָט זיך דער־נענטערט צום ברעג פון אַמעריקע. כאָטש מען האָט דעם ברעג נישט געזען, דאָך האָט מען געפילט זײַן נאָנטקייט. און יעדן אויגנ־בליק האָט מען זיך געריכט אים צו דערזען.

נאָך מיט אַ טאָג פריִער האָבן די מאַטראָסן די גאַנצע שיף גע־וואַשן. נאָך מיט אַ טאָג פריִער האָבן די מעוועס פון אַמעריקאַנער

געסטײַעט — עס איז געווען גענוג, עס האָט געקלעקט.

שימערן, שימערירן — to glimmer, to sparkle.

מעוועס — seagulls.

זיַיט זיך געוויזן און האָבן מיט זייער שרעקעדיק געשריי באַגלייט די שיף אַ גאַנצע נאַכט. נאָך מיט אַ טאָג פריִער האָבן אומענדלעך פיל קליינע שיפלעך זיך געוויזן איבערן ים. נאָך מיט אַ טאָג פריִער האָט מען אין די קאַיוטעס איבער דער גאַנצער שיף אויסגערופן: גרייט זיך!

די אַמעריקאַנער פאָן אויפן מאַסטבוים פלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטן ים. און די פעלקער זיַינען אַרויס פון זייערע געצעלטן מקבל פּנים צו זיַין דעם אַמעריקאַנער באָדן.

יעדער איינער האָט דאָס בעסטע אַרויסגענומען פון זיַין קאַסטן און דערמיט זיך אויסגעצייכנט. אויסגעפּוצט אין יום־טובֿ־קליידער, שטייען דאָ די פעלקער פון דער וועלט אויף דעם אייבערדעק פון שיף. זייערע בליקן זיַינען געווענדט מיט בענקשאַפט און זיי וואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער אויפן אַמעריקאַנער ברעג.

דאָ און דאָרט זעט מען אַן אוקראַיִנישן פּויער מיט זיַין רויט העמד און שוואַרצן הוט. ער שטייט און קוקט תּמעוואַטע אויפן וואַסער. לעבן אים איז זיַין וויַיב, זי דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פון איר האַרץ צו די ליפּן. אַ פּוילישע פּאַרטיע, אין דעם רויטן נאַציאָנאַלן קאָסטיום, גרופּירט די קינדער אַרום זיך. אַ הויכער ברייטער איטאַליאַנער, מיט זיַין רויטן האַלדז־טוך און צעקנייטשטן קאַפּעליוש, האַלט זיַין מאַנדאָלינע אין דער האַנט. ער האָט גאָרנישט וואָס צו ברענגען פון זיַין ריַיכן לאַנד, נאָר זיַין געזאַנג און זיַין מאַנדאָלינע. אין דעם ים פון פאַרבן וואַרפט זיך דער קאָלירטער טוך אויף אַ שפּאַנישן שוואַרץ־מיידלשן קאָפּ. עס בלייכט זיך אַרויס צווישן דעם ים מענטשנקעפּ אַ בלייכער קריסטוס־פּנים, אַרומגערינגלט אין אַ שוואַרצער באָרד פון אַ פּוילישן ייִד. דאָ און דאָרט נעמען זיך צונויף די רומענישע פּויערים אַרום אַ צלם

קאַיוטעס — cabins.

מאַסטבוים — mast.

מקבל פּנים זיַין (מעקאַבל פּנים) — אויפנעמען, פריַינדלעך אויפנעמען.

צלם (ציילעם) — cross.

תּמעוואַטע (טאַמעוואַטע) — נאַריש, נאַיִוו.

קריסטוס־פּנים — אַ פּנים וואָס איז ענלעך צו דעם, מיט וועלכן מע מאָלט געוויינטלעך קריסטוסן.

וואָס ווײַזט זיך איבער זייערע קעפּ. זיי קניִען צו דער ערד און לאָזן שאַלן איבער דעם ברייטן ים אַ רעליגיעז לויבליד. די קאַ־טוילישע באַפעלקערונג טוט זיי שוין נאָך: אין צווייטן ווינקל האָבן זיך די פוילישע פּויערים צוזאַמענגעקליבן אַרום אַ צלם און אַ קלויסטער־פּאַן, און עס דערהערט זיך דאָס מוראַדיקע קאַטוילישע קלויסטערליד וואָס איז מער ענלעך צו האַרץ־רײַסנדיקע געשרייען ווי צו אַ ליד.

און די זון באַשימערט דאָס וואַסער, באַגיסט מיט ליכט די שיף, ברענגט צונויף די פאַרבן פון די פאַרשיידענע פעלקער אין איין גרויסער קאָלירטער פאָן. די געזאַנגען ווערן אויסגעמישט, די לידער ברומען איבערן ים, די וואַלן קלאַפּן אונטער די רעדער פון שיף. און עס ווערט איין גרויס, גרויס לויבליד צו דעם ברעג, וואָס אַלע וואַרטן אויף אים מיט בענקענדיקע בליקן און מיט קלאַפּנדיקע הערצער.

אַמעריקע מקבל פּנים זײַן איז אונדזער חנה־לאה אַרויס מיט אירע קינדער, אַרויס פון שיפלאַך וואו זי האָט זיך אויפגעהאַלטן צוועלף טעג. אַנגעטאָן אין איר שענסטער שבת־הויב מיט דעם נײַעם טוך, שטייט זי דאָ צווישן די פעלקער פון דער וועלט מיט יאָסעלען בײַ דער האַנט, מיט דער „קאָמאַנדע" און מיט רחלען. אַנגעטאָן יאָסע־לען דאָס שבתדיקע סאַמעטענע היטל, אָפּגעוואַשן אים דעם פּנים און פאַרקרײַזלט אים די פּאותלעך, אַז ער זאָל אין די אַמעריקאַנער אויגן חן געפינען. דער „קאָמאַנדע" — אויך אויסגעפּוצט די קאַ־פּאָטקעלעך, אויסגעשמירט זיי די שטיוועלעך, און רחלען פאַרפּוצט אין איר נײַעם שבת־קליידל, — שטייען זיי דאָ, אונדזער פליישׂ און בלוט, צווישן די פעלקער פון דער וועלט און וואַרטן אויך אויף דעם אַמעריקאַנער ברעג, וואו עס געפינט זיך זייער פאָטער וואָס איז אַהינגעפאָרן זוכן פאַר זיי אַן אָפּרו און אַן אויפהאַלט.

קיין ליד זינגט זי נישט. קיין וואָרט זאָגט זי נישט. וואָס זאָל זי רעדן? וואָס זאָל זי זאָגן? וואָס זי וויל, וואָס זי ווינטשט אין איר האַרץ — ווייס גאָט גאַנץ גוט.

פאַרקרײַזלט — פאַרדרייט אין קרײַזעלעך, עס זאָל זיך לאָקן, זיך קרײַזלען (זען).

אזוי שטײט זי, חנה־לאה מיט אירע קינדער, און װאַרט אויף אַמעריקע און אויף איר מאַן מאירן. די הויב זיך גלײַך געמאַכט אויפֿן קאָפּ, אַז זי זאָל בײַ מאירן אין די אויגן חן געפֿינען; װי אַ ייִדישע טאָכטער, האָט זי די האָר פֿעסט אונטער דער הויב אַרונטערגע־שטופּט, — גיט זי אַ װאָרף אַ בליק אויף די קינדער. װאָס װעט ער זאָגן צו זײ? גיט זי אַ רוק צוריק אַ יונג פֿון דער „קאָמאַנדע", װאָס ער האָט זיך אַרויסגערוקט, מאַכט גלײַך דאָס היטעלע אויף יאָ־סעלעס קעפּעלע און גלעט אים דאָס פּנימל.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גרויס אויסגעשרײ אויף דער שיף. און די מאַסע װי אײן מענטש האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף די קני און זיך געצלמט. חנה־לאה האָט מיט שרעק זיך געגעבן אַ קוק אום. זי האָט דערזען פֿאַר זיך אַ לײַכטנדיקן דיקן נעבל און פֿון נעבל האָבן זיך אַרויסגעשניטן הויכן פֿירעקעדיקע בערג, עפּעס אַזעלכס װאָס זי האָט נאָך קײן מאָל נישט געזען. די מענטשן אויפֿן שיף זײַנען געבליבן שטײן און מיט גרויסע אויגן און אויפֿגעעפֿנטע מײַלער האָבן זײ געהאַלטן אין אײן קוקן אַהין צו די בערג, צו דעם װאָס מען האָט קײן מאָל נישט געזען. נאָר װאָס אַ מאָל איז דער נעבל שיטערער געװאָרן, דורכזיכטיקער און לײַכטנדיקער. און פֿון דעם נעבל האָבן זיך שוין שאַרף אויסגעשניטן פֿינף הויכע פֿירעקעדיקע קאַסטנס װאָס זײַנען געשטאַנען אײנער הארט לעבן דעם אַנדערן און האָבן געשאָפֿן װי אַן אײַזערנע װאַנט אויף דעם ברעג פֿון ים, אַ װאַנט װאָס פֿאַרשטעלט אַלץ װאָס איז הינטער איר.

דאָס זײַנען געװען די ערשטע װאָלקן־קראַצערס װאָס שטײען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן.

די מענטשן זײַנען געװאָרן געפּלעפֿט און זײַנען געשטאַנען װי אײן מענטש און געקוקט מיט פֿאַרװאונדערונג און נײַגעריקײט אויף די מאָדנע באַשעפֿענישן. זײ האָבן אויסגעזען, די הויכע פֿיר־עקעדיקע קאַסטנס, װי װילדע באַשעפֿענישן, װי מוראַדיקע ריזן װאָס שטײען אויף דעם ברעג פֿון אַמעריקע.

„די האָר פֿעסט אונטער דער הויב" . . . — אַ פֿרומע ייִדענע טאָר ניט װײַזן אירע האָר.

געפּלעפֿט — זײער שטאַרק פֿאַרװאונדערט, startled.

דערוויַיל האָבן זיך דורכגעשניטן איבער דער לענג פון וואַסער אומגעהיַיער גרויסע ליכטיקע שיפן וואָס האָבן שרעקלעך ווילד געפּיַיפט. פון דער וויַיטנס האָט זיך פאַרנומען אַ מוראדיק ברומען פון נעבל אַרויס. אַזוי ווי אין דעם נעבל וואָלט זיך אַ ים געקאָכט און די קאָכעניש ברומט דאָס אַרויס פון אים. דאָס ברומען פון דער וויַיטנס און דאָס שרעקעדיקע פיַיפן פון די לויפנדיקע שיפן האָט אַ שרעק אַנגעוואָרפן אויף די מענטשן. דאָס קלויסטער־געזאַנג האָט אויפגעהערט, דער צלם איז פאַרשוואונדן. און אַ גרויסע שטילקייט האָט געהערשט אויפן שיף. אַלע האָבן זיך געפילט צוגעדריקט און קליין אין דער גרויסקייט וואָס עפנט זיך אויף פאַר זייערע אויגן פון נעבל אַרויס.

נאָר איין חנה־לאה האָט נישט מורא געהאַט און איז נישט דערשראָקן געוואָרן. אומעטום איז דאָ גאָט! און זי האָט דאָך שוין אירם דאָרט, אויף יענער זיַיט נעבל, — דער פאָטער פון אירע קינדער איז דאָרט.

דערוויַיל האָט די שיף אַ גרויסן קרעכץ געטאָן, האָט געגעבן אַ גרויסן קראַך אין וואַסער און איז געבליבן שטיין. צו דער שיף איז אַ קליין שיפל צוגעפאָרן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיַינען צוויי מענטשן אַרויף, אַמעריקאַנער, מיט אַמעריקאַנער פענדלעך און שטערנדלעך אויף די היט. זיי האָבן געגעבן אַ זאָג און די גאַנצע שיף מענטשן האָבן זיך געשטעלט אין אַ ריי, איינער נאָכן אַנדערן. זיי האָבן געמאַכט אַ צוים, געשטעלט זיך, און אַלע מענטשן פון שיף האָבן אָנגעהויבן דורכצוגיין פאַר זיי.

עס זיַינען געווען דער אינספּעקטאָר מיטן דאָקטער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

די הערצער האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן פאַר שרעק. אַלע האָבן זיך געשטעלט גליַיך, פאַרריכט די היט און די רעק אויף זיך, שטאַרק געמאַכט די אָרעמס, און מיט פעסטע טריט האָבן די פעל־קער אָנגעהויבן פאַרביַיצוגיין פאַר זיי.

עס זיַינען געגאַנגען רוטענער, פּאָליאַקן, רוסן, יידן, איטאַלי־ענער, שפּאַניער. יעדער איינער און איינער, יעדע פרוי מיט אירע

אומגעהיַיער — זייער גרויס, שרעקלעך.

קינדער, האָבן געמאַכט שטאַרק זייערע אָרעמס און פּעסט זייערע טריט אַז זיי זאָלן געזונט אויסזען. גוט האָבן די אַמעריקאַנער באַקוקט די פעלקער וואָס זיינען געקומען צו זייער ברעג. זיי האָבן געקוקט אין די אויגן אַריין, אָנגעטאַפּט די הענט: צי איז געזונט דער מענטשן-מאַטעריאַל וואָס ברענגט זיינע הענט אַראָפּ זיי צו באַדינען? צי געזונט און שטאַרק וועט זיין דער דור וואָס וועט פון די געבוירן ווערן, צו באַזעצן זייער לאַנד?

און אַז עס איז אָנגעקומען די ריי צו חנה-לאהן, אַז זי זאָל זיך און די איריקע פאַר די אַמעריקאַנער ווייזן, האָט זי — ווי יעקבֿ פאַר עשׂון — איר מחנה צעטיילט. פאַרוים האָט זי געשיקט פאַר זיך רחלען מיט אירע צוויי שוואַרצע שבתדיקע צעפּלעך. רחלע האָט געפונען חן — דורכגעלאָזט. נאָך איר איז געגאַנגען די „קאָמאַנדע". אָנגענומען זיך ביידע ביי די הענט, האָבן זיי מיט זייערע שבתדיקע שטיוועלעך געקלאַפּט אויפן דיל אַז זיי זאָלן געזונט אויסזען. באַקוקט די אויגן, דעם האַלדז, אַ קלאַפּ געטאָן זיי אויפן רוקן און מיט אַ צופרידענער מינע זיי דורכגעלאָזט. דערנאָך איז געגאַנגען חנה-לאה מיט יאָסעלען ביי דער האַנט. מיט אַ מינוט פריִער האָט זי אים געקרייזלט די פּאותלעך אַז ער זאָל חן געפינען. דער דאָקטער האָט גענומען יאָסעלען פאַר דער האַנט, אים געקוקט אין די אויגן אַריין. יאָסעלע האָט געציטערט, האָט אָנגעכאַפּט די מוטער ביים קאַפּטן. דער דאָקטער האָט אים אויפֿגעדעקט דאָס קאַשקעטל, געגעבן אַ קוק אויפן קעפּל און האָט אַ וואונק געטאָן צום אינספּעקטאָר.

חנה-לאהס האַרץ האָט איר עפּעס שלעכטס אָנגעזאָגט. די הענט האָבן איר אַ ציטער געטאָן.

ווי יעקבֿ פאַר עשׂון (אייסעוון) — ווען יעקבֿ האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט זיין ברודער עשׂו, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשראָקן, האָט ער צעטיילט זיין פאַרמעגן אין אַ פּאָר גרופּעס.

קאַפּטן — אַ ווייבערשע לאַנגע בלוזע.

— גאַרנישט, פון לעצטן טיפוס אַ קראַץ אין קאָפּ! — פאַר־ענטפערט זיך חנה־לאה.

דער אינספעקטאָר האָט געגעבן אַ וואונק צו נאָך איינעם. קיין איין וואָרט איז נישט געוואָרן געזאָגט. און יענער האָט שוין אָנגענומען יאָסעלען ביַי דער האַנט און אַוועקגענומען אים אין אַ זײַט.

יאָסעלע האָט אָבער פעסט געהאַלטן דעם מאַמעס קאַפּטן. זײַנע ייִדישע אויגן האָבן אַ ציטערנדיקן בליאַסק געגעבן. די פּאות־לעך האָבן געציטערט.

— פון לעצטן טיפוס אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבן! — טענהט נאָך אַלץ חנה־לאה פאַרן אינספעקטאָר אויף ייִדיש, אָנהאַלטנדיק יאָסעלען ביַי דער האַנט.

קיינער האָט זי נישט געהערט. מען האָט זי באַלד אַוועק־געשטופּט. אויף איר אָרט האָבן פעלקער געוואַרט.

— אוי, מאַמעלע־קרוין! — האָט די ייִדענע געגעבן אַ שריַי אויס און איז שוין געווען אין דעם ווינקל וואו מען האָט יאָסעלען אַהינגעפירט.

— און וואו זײַנען מײַנע שוואָלבן? — האָט זי געזוכט מיט אירע בליקן אויף יענער זײַט צום די איריקע.

נאָר אויף יענער זײַט איז שוין געשטאַנען רחלע, די „קאָמאַנ־דע" האָט זי געהאַט לעבן זיך און האָט די מוטער באַרואיקט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז זי קען זיך פאַרלאָזן אויף איר.

אַ קראַץ אין קאָפּ — אַ לענגלעכער פּאַס אין קאָפּ וואו עס איז נישט געווען קיין האָר; scratch. מען האָט ניט אַריַינגעלאָזן קיַין אַמעריקע, אויב מען האָט געהאַט געוויסע קראַנקייטן, צווישן זיי אויך אַ קראַנקייט פון הויט פון קאָפּ.

8

אויף דעם אינדזל פון טרערן

מ'איר איז אַראָפּ צו דער שיף אָפּנעמען די זײַניקע.

ער האָט געוואַרט אויף דעם טאָג די גאַנצע צײַט וואָס ער האָט זיך געפונען אין דעם פרעמדן לאַנד און ער האָט זיך צוגעגרייט צו דעם פון דער ערשטער מינוט פון זײַן אַראָפּקומען קײַן אַמעריקע. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס און אַן איבעריקן טאָלער געהאַט, געזען אין קראָם אַ קינדערש מאַנטעלע, — האָט ער עס געקויפט, אַהיים געבראַכט, בײַ זיך אין קאַסטן האָט ער אָנגע-גרייט אָנצוטאָן פאַר דער ווײַב און די קינדער. אַראָפּ פון שיף, אַרײַן צו מיר אין שטוב, — קודם כּל אַראָפּ „דעם גרינעם" און טוט זיך איבער! — האָט ער זיך געטראַכט. אַ דירה איז שוין אויך גרייט. געהאָלפן אים דינגען האָט דער מומעס זון, אין שכנות מיט דער מומע אויף דער דריטער סטריט. אַ קעלער, אָבי אַן אייגענער ווינקל! — האָט ער געזאָגט. און איצט האָט ער זיך געגרייט זיי פון שיף אַראָפּצונעמען.

ער איז געפאָרן מיט זיי דורך דעם גאַנצן ים. אַלע טאָג איז ער אין קאַנטאָר געלאָפן וואו ער האָט געקויפט די שיפסקאַרטעס און נאָכגעפרעגט זיך „וואו די שיף האַלט". פון נעכטן אָן ווייס ער אַז הײַנט איינס אַ זייגער נאָך מיטאָג וועט די שיף אָנקומען אין האַבאָקען. דאָרט, ווייס ער גאַנץ גוט, וועט מען אים די זײַניקע ניט אַרויסגעבן. דאָרט לאָזט מען נאָר אַראָפּ די ערשטע-קלאַסיקע און די צווייטע-קלאַסיקע. צו די זײַניקע וועט ער מוזן פאָרן שפּעטער קײַן עלים-אײַלענד. נאָר דאָרט, אין האַבאָקען, וועט ער זען זײַנע פון דער ווײַטנס אויפן אייבערדעק.

אַ נאַכט פריִער איז ער געגאַנגען צו דער מומע. עטלעכע לאַנדסלײַט האָבן אים צוגעזאָגט אַז זיי וועלן מיט אים מיטגיין צו דער שיף. און איצט שטייט ער שוין דאָ צווישן אַ גרויסן עולם

קודם כּל (קוידעם־קאָל) — פריִער פון אַלץ.
קאַנטאָר — office.

בײַ אַ פֿענצטער פֿון דער גרויסער האַלע בײַ דעם ברעג פֿון ים און זעט ווי די גרויסע שיף דערנענטערט זיך צו דער האַלע צו. פֿאַ־מעלעך גייט זי, שווער, און זי איז אַרומגערינגלט מיט אַ נעבל, ווי עס וואָלט געשוועבט דערויף דער טיפֿער סוד וואָס די שיף האָט מיטגענומען מיט זיך פֿון אָפֿענעם, ברייטן ים, פֿון וואַנעט זי קומט איצט אַרויס. דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים, דער פּנים איז בלייך. ער האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל נערוועז מיט דער האַנט איבער דער באָרד אַריבערגעצויגן. באַלד וועט ער זיי זען דאָ, וואו ער איז איצט, זען די וואָס ער האָט זיי אין דער היים איבערגעלאָזט.

אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס איז גאָרנישט נאַטירלעך, אַז דאָס איז עפּעס אַ גרויס וואונדער וואָס די השגחה פּרטית האָט אים געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אין חנה לאהן. ער האָט די אויגן פֿאַרקנייטשט. זי איז דאָך אַן אמתע צדקת! — האָט ער זיך געזאָגט. און עס האָט אים געגעבן אַ נעם אַרום אַזאַ וואַרעם געפֿיל אַז ער האָט זיך פּלוצעם פֿאַר זיך אַליין פֿאַרשעמט. אַ רוי־טער שעמפֿלעק האָט זיך אים אויפֿן פּנים באַוויזן און ער האָט מיט אַ כּיוון זיך געמאַכט פֿאַרגעסן אין עפּעס.

די שיף פֿאָרט איצט דערווײַל צו. זי דרייט זיך ווי אַ שלאַנג אין וואַסער און ברומט אויף די כוואַליעס. הונדערטער מענטשן וואַרפֿן זיך צו די אָפֿענע גרויסע פֿענצטער פֿון דער האַלע און זוכן מיט די אויגן די זייעריקע. דאָרט, אויף דעם ריז וואָס דערנענטערט זיך איצט צו די פֿענצטער, זעט מען אויך ווי הונדערטער וואַרפֿן זיך צו דער זײַט פֿון שיף און פּאַכן מיט די ווײַסע טיכלעך, הייבן אויף פֿענדלעך, רויטע טיכער און גיבן צייכנס פֿון דער ווײַטנס. אַ מינוט איז נאָך טויט־שטיל אַרום. נאָר די שיף קרעכצט אַלץ שווערער, צוגייענדיק צום ברעג. באַלד ברעכן אויף דאָ און דאָרט איינציקע אויסרופֿן, גוואַלדן, היסטערישע אויסגעשרייען: עס דערקענען זיך פֿאָטערס מיט קינדער פֿון דער ווײַטנס. באַלד ווערן די געשרייען אָפֿטער און העכער. און וואָס נענטער צום ברעג, אַלץ העכער

האַלע — hall.

השגחה פּרטית (האַשגאָכע פּראַטיס) — דאָס געטלעכע אויפֿפּאַסן אויף יעדערן באַזונדער; „וואָס די השגחה פּרטית האָט אים געטאָן" — וואָס גאָט האָט אים פּערזענלעך באַשטימט.

מיט אַ כּיוון (קיוון) — מיט אַ קלאָרן ציל, intentionally.

שטײַגן די אױסרופֿן, ביז די שיף גײט צו צום ברעג און װערט פֿאַר־טױבט אין אײן גרױסן, גרױסן היסטערישן פֿרײדגעשרײ.

מאיר שטײט נאָך אַלץ און זוכט מיט די אױגן אומרואיק און מיט שרעק. ער זעט נישט און הערט נישט װאָס אַרום אים איז — ער שטופּט אַלעמען אָפּ און רײַסט זיך צו צום פֿראָנט פֿון פֿענצטער און זוכט אַלץ מיט די אױגן. ער זעט נישט, ער שטופּט אַלעמען אַװעק פֿון זיך. „װאָס איז? װאָס איז?" — קלאַפּט ער נערװעז מיט די ליפּן. אַ קאַלטער שװײס האָט אים אַרום אױפֿן שטערן.

באַלד האָט ער באַמערקט אַ גרופּע קינדער, װי זײ שטופּן זיך צװישן דעם עולם צום ראַנד פֿון שיף. די מײדל העכער, די ייִנגלעך נאָך איר. זײַנען דאָס זײ? ער קוקט. דער פּנים װערט איבער־געצױגן מיט אַ גרימאַסע פֿון פֿרײד, אין די אױגן אַ העלע שײַן. ער שטרעקט אױס די הענט, װיל לױפֿן און דאָס קול איז אים פֿאַר־שטײנערט געװאָרן אין האַלדז.

באַלד קוקן אױף אים אַ פּאָר גרױסע ליכטיקע אױגן. חיים איז עס! ער שלאָגט זיך מיט דער דעה: איז עס יאָ דער פֿאָטער, נישט דער פֿאָטער? באַלד שטעקט ער אױס די הענט און באַלד האָט עס געגעבן אַ הילך אין דער לופֿטן: „דער טאַטע!" און עס האָט זיך גע־דאַכט אַז די שיף האָט אַ ציטער געגעבן און מענטשן האָבן זיך אַרומגעקוקט: װאָס איז?

עס איז געװען דער יונג פֿון דער „קאָמאַנדע", חיים, װאָס ער איז געשטאַנען אױף דער צװײטער זײַט אױפֿן שיף, האָט געריסן מיט אײן האַנט דעם ברודער מיט דער שװעסטער און מיט דער צװײ־טער האַנט געװיזן אױף מאירן. ער האָט געהאַלטן אין אײן שרײַען:

— דער טאַטע! דער טאַטע! דער טאַטע! — און אַזױ הױך און מיט אַזאַ פֿײַער אַז מען האָט געמוזט דעם יונג אײַנשטילן.

— און װאו איז די מאַמע? װאו איז יאָסעלע? — האָט מאיר אין זיך געפֿרעגט און געזוכט אַלץ מיט די אױגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער פֿון אַלץ געװואױר געװאָרן.

מאיר איז געלאָפֿן איבער דער שטאָט מיט אַ לאַנדסמאַן (דער מומעס זון) זוכן הילף. מען איז בײַ אַלע לאַנדסלײַט געװען. אַלע

ראַנד — border, edge.
געװואױר געװאָרן — זיך דערװואוסט.

האָבן דעם זעלביקן טאָג געוואוסט פון דעם „טראַבל" וואָס מאיר האָט מיט זײַנס אַ קינד. מען איז אין די רעדאַקציעס פון די ייִדישע צײַטונגען געלאָפן, האָט מען זיי אָפּגעשיקט צו די „סאָסיײַעטיס"; די „סאָסיײַעטיס" האָבן אָפּגעשיקט צו די „לאָיערס". און דאָך האָט קיינער גאָרנישט געקענט אויפטאָן. צום סוף איז מאיר אַליין אויף עלים-אײַלענד אַראָפּ: „לאָמיך כאָטש זען די איבעריקע!"

בײַ דעם טויער, דורך וועלכן אַלע גייען דורך אין דעם גאָלדע-נעם לאַנד אַרײַן, האָט זיך געצויגן אַן אייביקע מענטשן-סטענגע. בײַ פֿינף אײַזערנע גראַטקעס זײַנען געשטאַנען אַמעריקאַנער באַאַמ-טע און האָבן אויסגעפֿרעגט יעדן פֿאַרבײַגייענדיקן: ווי און ווען?

די סטענגע האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט. איטלעך מאָל זײַנען נײַע שיפֿן צוגעפֿאָרן צום ברעג, האָבן נײַע מענטשן אַרויס-געוואָרפֿן. און די מענטשן, וואָס איינער איז געשטאַנען הינטער דעם צווייטן, האָבן געהאַלטן אין איין ציִען.

עס זײַנען געגאַנגען יונגע און אַלטע, מענער און ווײַבער, דער-וואַקסענע און קינדער. עס זײַנען געגאַנגען פֿאַרשיידענע פֿעלקער, אין פֿאַרשיידענע פֿאַסאָנען און קאָלירן. די שפּראַכן פֿון דער ערד האָבן זיך געהערט דורך דער סטענגע רעדן. און עס האָט זיך גע-דוכט: קיין מאָל, קיין מאָל וועלן די רייען זיך נישט ענדיקן.

און אַ שרעק ליגט אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פֿון די פֿעלקער וואָס ציִען זיך דורך דעם טויער אין גאָלדענעם לאַנד אַרײַן. מע פֿילט ווי זייערע הערצער קלאַפּן, מע זעט ווי זייערע הענט ציטערן. און יעדער איינער רופֿט אָן דעם נאָמען פֿון זײַן גאָט אין זײַן שפּראַך און בעט הילף. און אַלע פֿילן זיך נאָענט, איין מענטש מיטן צווייטן. צום ערשטן מאָל הערן זיי דעם צווייטנס שפּראַך און דאָך פֿילט מען זיך נאָענט. איין גרויסע אימה בינדט צונויף די הערצער פֿון די פֿאַרשיידענע מענטשן פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער אין דער איין ריי.

מאיר איז אַראָפּגעקומען. דאָס האַרץ איז אים געווען פֿאַר-ביטערט און די ליפּן פֿאַרקלעמט. ער האָט זיך געחזרט אַ גאַנצע רעדע וואָס ער וועט האַלטן פֿאַר זיי, פֿאַר די אַמעריקאַנער. „ווי הייסט? — האָט ער געשריִען אין זיך — „אַז מע זאָל נעמען אַ קינד פֿון אַ פֿאָטער און אַוועקרײַסן?! אין סדום איז דאָך אָזעלכס נישט

סטענגע — באַנד, ribbon.
גראַטקעס — bars.

געװען! װי הײסט? װאָס זאָל איך טאָן? אַרײַנװאַרפֿן מײַן קינד אין װאַסער אַרײַן? צוריקשיקן?!"

און אַ גרױסער שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט פֿאַר אָט דעם לעצטן װאָרט. ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן װײַטער, אָבער עס האָט אים געפּױקט אין קאָפּ: „צוריקשיקן!" אַ קינד אַלײן איבערן ים, איבער דעם גרױסן ים!

ער איז געלאָפֿן אַהין צום ייִדישן אַדװאָקאַט װאָס זיצט דאָרט פֿאַר די ייִדישע אימיגראַנטן. אַ בריװ האָט ער געהאַלטן אין די הענט, אָנגעגרײט פֿאַר אים פֿון עפּעס אַ „סאָסײַעטי". „אַלץ װעל איך אים זאָגן! װאו איז דאָס געהערט געװאָרן? עס איז דאָך עפּעס אין אַמעריקע, אין דער פֿרײַער אַמעריקע!"

געקומען צום טיש פֿון אַדװאָקאַט, האָט מאיר געזען אַז ער איז דאָ נישט אײנער. אַרום טיש זײַנען געשטאַנען עטלעכע גאַ-ליציאַנער ייִדן און האָבן געמאַכט אַזעלכע גװאַלדן: „אַמעריקע! פֿאַרשאָלטן זאָל װערן קאָלומבוס און זײַן מדינה!" אַ ייִדענע איז געשטאַנען און האָט געװײנט, מע לאָזט איר טאָכטער נישט אַרײַן. עפּעס אַ יונגערמאַן האָט זיך געקלאָגט װעגן אַ כּלה. און אַלע האָבן געשריִען איבער דעם יונגנמאַן דעם אַדװאָקאַט אַז ער זאָל צולאָזן זײ צו זײערע משפּחות.

דער אַדװאָקאַט איז גאַנץ רױיק געזעסן און האָט זיך גלײַכ-גילטיק אױסגעהערט די גװאַלדן פֿון די ייִדן מיט די װײַבער און רױיק זיך עפּעס פֿאַרשריבן אין אַ ביכל אַרײַן. מען האָט געזען אַז ער איז שױן געװאױנט געװאָרן צו דעם.

מאיר האָט זיך דערשלאָגן צו אים און האָט אים איבערגעגעבן דעם בריװ פֿון דער „סאָסײַעטי". דער יונגערמאַן האָט גאַנץ גלײַכ-גילטיק דעם בריװ דורכגעלײענט (בײַ מאירן האָבן געציטערט הענט און פֿיס), דערנאָך גענומען דעם בריװ און אים גלײַכגילטיק אױפֿן טיש אַװעקגעלײגט, געגעבן אַ נעם אַראָפּ די פּאַנסנע פֿון דער נאָז, אַ פֿינקל געטאָן מיט די אױגן און געגעבן אַ ציִ מיט די פּלײצעס:

— איך קען גאָרנישט טאָן.

— אָבער אַ קינד, אַ קינד, אַ קינד! — האָט מאיר אַרױסגעריסן

אַדװאָקאַט — lawyer.

די ווערטער פון צווישן די ציין וואָס האָבן זיך געשאַרפט איין ריי אויף דער צווייטער.

דער יונגערמאַן האָט אַ צי געגעבן מיט די פּלייצעס.

— אַן אַפּעלאַציע קײַן וואַשינגטאָן קען מען אַנגעבן, — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט. מאיר האָט ניט געהערט זײַנע ווערטער.

— אָבער זען זיך, זען זיך, זען זיך! — האָט מאיר ווידער גע־קריצט מיט די ציין.

— דאָס יאָ, — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, זיך אויפ־געהויבן און ערגעץ וואו געפירט מאירן. מאיר איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים אויף טרעפּ. ער האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ שטוב אַרײַן און געהייסן אים וואַרטן.

באַלד האָט מען געגעבן אַ פיר אַרײַן צו אים חנה־לאהן.

אַ סעקונדע האָבן זיך ביידע ניט דערקענט. באַלד האָט די יידענע געגעבן אַזאַ האַרצגעשריי: „מאיר!" און האָט געגעבן אַ בראָך אַרוים אין אַזאַ געוויין, אַז מאירן האָט דאָס האַרץ פאַרצי־טערט.

ער איז צו ערשט בייז געווען אויף איר, איבער איר פינצטערן מזל. נאָר עס האָט אים איצט אַזאַ טיף רחמנות־געפיל אַרומגענומען אויף דער אומגליקלעכער יידענע, דאָס האַרץ איז אים אַזוי צע־גאָסן געוואָרן, אַז ער האָט אויף גאָרנישט געקוקט, נאָר איז צוגע־גאַנגען צו איר און מיט אַ האַנט געגלעט איר פּנים, איר שייטל. ער האָט די ליפּן געביסן פאַר צער און האָט קיין וואָרט נישט גערעדט.

און זע — חנה־לאה שטייט אַזוי און נעמט צו די לאָסקעס פון מאַן וואָס זי האָט קיין מאָל, קיין מאָל פון קיינעם ניט געהאַט, און דאָס האַרץ גייט איר אויס אין כליפּען.

— איך וויים, איך בין שולדיק, — כליפּעט די יידענע מיט טרערן — מאיר, מײַן שוואַרץ, פינצטער מזל איז אַזוי! איך בין שולדיק, איך בין שולדיק! — שלאָגט זיך די יידענע מיט די הענט איבערן קאָפּ.

שייטל — די פרעמדע האָר וואָס די פרומע ווײַבער טראָגן איבער די אייגענע.

לאָסקעס — צערטלעכקײַטן, אַרויסווײַזונגען פון ליבשאַפט.

און מאיר שטייט אַליין און גלעט איר דעם פּנים און דעם צע-שויבערטן שייטל.

— וואָס ביסטו שולדיק, נאַרישע יידענע? וואָס ביסטו שול-דיק? — און מאיר פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט די אויגן.

איין מינוט זיינען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען, פאַרגעסן פון אַלץ, פאַראייניקט אין איין גרויסן צער און מיט פיל רחמנות.

באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און מען האָט פאַר זיי אַריינ-געפירט די קינדער. און אַז די „קאָמאַנדע" האָט דערזען דעם פאָטער מיט דער מוטער, האָבן זיי פאַרגעסן אין אַלץ, און עס איז געוואָרן דאָרט אַזאַ געשריי און אַזאַ שׂמחה און אַזאַ געוויין, אַז די באַאַמטע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון די אַרומיקע צימערן זיי צו באַרו-איקן. אָבער חנה-לאה האָט אַלץ געהאַלטן אין איין וויינען און זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ:

— יאָסעלע, יאָסעלע, מיין אָרעם, אָרעם קינד!

מאיר האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, האָט געלאָזט אַלעמען שטיין און געגעבן אַ לויף צו די טרעפּ און איז צוגעלאָפן צום אַד-וואָקאַט, האָט געגעבן אַ נעם אַרויס דאָס געלט וואָס ער האָט גע-האַט ביי זיך און געגעבן אַ וואָרף דעם יונגנמאַן אויפן טיש און האָט גענומען שרייען:

— איך וויל איר זאָלט מיר שרייבן אַ בריוו צום סאַמע פּרע-זידענט, און איר זאָלט אים זאָגן אַז דאָס איז, אַז דאָס איז — —

נאָר מאיר האָט נישט געקענט קיין וואָרט ווייטער פון מויל אַרויס-ברענגען.

דער יונגערמאַן האָט געגעבן אַ קוק אויף אים און האָט מיט שרעק זיך אָפּגערוקט. מאירס פּנים איז בלייך געווען ווי אַ ליילעך, נאָר די אויגן האָבן געפינקלט און די בלייכע ציין האָבן זיך איבער-געביסן איבער די ליפּן. דער ייִד האָט אַלץ נים געקענט אַרויס-ברענגען פון מויל קיין וואָרט, נאָר איבער זיין פּנים איז געווען אויס-געגאָסן אַזאַ צער און אַזאַ כּעס, אַז דער יונגערמאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס דעם יידן איז געשען און האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר אים.

צעשויבערט — אין אומאָרדענונג (וועגן האָר).
באַאַמטע — officers.
ליילעך — sheet.

9

יאַסעלע

יאַסעלע איז דערווײַל געזעסן אין אַ גרויס צימער און האָט געוואַרט אויף דער מוטער.

ער האָט נישט געוויינט, ער האָט די מאַמען נישט צוריקגעהאַלטן אַז מען האָט זי געכאַפּט. ער האָט געשוויגן. פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען עס האָט זיך מיט אים דאָס אומגליק געטראָפן, האָט ער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען וואָס עס איז דאָ געשען מיט אים. ער האָט זיך געפילט שולדיק ווי עפּעס איבער אַ געהיימער זינד. און עס האָט זיך אויפגעוועקט אין דעם קליינעם ייִד די גאַנצע הכנעה און געדולדיקייט, מיט וועלכע זײַן פאָלק טראָגט איבער אַלע צרות. ער איז געוואָרן צוגעגרייט צו די צרות, אַזוי ווי זײַנע עלטערן און אורעלטערן פון אַלע דורות וואָלטן פאַר אים אַ וועג אויסגעטראָטן צו די צרות.

שווײַגנדיק און באַהאַלטן אין זיך, איז יאַסעלע געזעסן בײַ דער מוטער, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, אַזוי ווי ער וואָלט די אַלע זאַכן פילאָזאָפיש גענומען און האָט נאָר אייגנטלעך פאַרדרוס געהאַט, וואָס מען האָט די מאַמען אַוועקגעריסן פון זײַנע ברידער און עס איז איבער אים פאַרשטערט געוואָרן די שמחה פון זען זיך מיטן טאַטן.

און דאָס אָרט וואו יאַסעלע האָט זיך געפונען האָט געהייסן אין לשון פון פאָלק „דער אינדזל פון טרערן". און עס איז באמת דאָרטן געווען דער טרערן־אינדזל!

אין דעם צימער וואו יאַסעלע איז געווען האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אַלע וואָס זײַנען געווען פאַרמשפּט צוריקגעשיקט צו ווערן מיט די שיפן וואָס האָבן זיי געבראַכט. איבער אַ טייל האָט מען

הכנעה (האַכנאָע) — אונטערטעניקייט (זען), humility.

פאַרמשפּט (פאַרמישפּעט) — condemned.

נאָך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט וואַשינגטאָן. עס זײַנען מערסטנס דאָרטן געווען פּאַראַיינזאַמטע, פאַריתומטע מענטשן וואָס האָבן ניט געפונען קיין גואל, קיין קרובֿ, וואָס זאָל זיי פון שיף אַראָפּנעמען. אָדער דאָס זײַנען געווען גאָר עלטערע מענטשן שוין, אָדער גאָר יונגע נאָך, וואָס זיי האָבן מיט זייער אייגענעם כּוח נישט געקענט גאַראַנטירן פאַר זיך אַליין און האָבן באַדאַרפט האָבן אַן אייגענעם מענטשן וואָס זאָל גאַראַנטירן פאַר זיי אַז ער וועט זיי נעמען צו זיך. און זיי האָבן אַזעלכע ניט געפונען! זיי זײַנען פאַרעמד געווען אין דעם לאַנד.

זיי האָבן אויסגעזען ווי רעשטלעך, ווי עס וואָלט דאָ פאַרגעקומען אַ גרויסע חלוקה פון מענטשן צווישן אייראָפּע און אַמעריקע, און אַ רעשטל איז איבערגעבליבן צווישן די שיפן, ווי קערנדלעך גערשטן וואָס וואַלגערן זיך בײַ די ברעגן פון די פאַרטן אַרום, ווען מע טראָגט איבער תּבֿואה פון איין שיף אויף דער צווייטער.

עס זײַנען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ האָפענונג אַז מע וועט זיי אַרײַנלאָזן אין לאַנד. זיי האָבן דאָ געהאַט אייגענע, ווײַט אין דער מדינה, און מען האָט געשריבן צו זיי. זיי זײַנען געווען גליקלעכער, רײַכער פאַר די אַנדערע און האָבן שוין יענע צוגעזאָגטע הילף, אַז גאָט וועט העלפן און אַז מע וועט זיי אַרײַנלאָזן, וועלן זיי זיך סטאַרען, אַז די איבעריקע זאָל מען אויך אַרײַנלאָזן.

צווישן די גליקלעכערע איז געווען אַן עלטערע „מומע" וואָס האָט געהאַט אַ „פּלעמעניק" אין שיקאַגע. דער „פּלעמעניק" האָט געזאָלט זיין גאָר אַ גאַנצער מאַכער און אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. זאָל ער נאָר קומען — האָט זי געזאָגט, — וועט ער שוין אַלעמען

אונטערהאַנדלונגען — negotiations.
גואל (גויעל) — אויסלייזער, באַפרײַער, העלפער.
חלוקה (כאַלוקע) — פונאַנדערטיילונג.
גערשטן — barley.
תּבֿואה (טוואוע) — grains.
מדינה (מעדינע) — לאַנד, מלוכה.
סטאַרען זיך — זיך באַמיִען.
„מומע" און „פּלעמעניק" — די פּרעמדצייכנס (די פּיסלעך) ווײַזן דאָ אַז אין דער אמתן זײַנען זיי געווען צווישן זיך אַ סך ווײַטערע קרובֿים ווי אַ מומע און אַ פּלעמעניק; פּלעמעניק — nephew.

אַרויסנעמען! און יעדן מענטשן וואָס זי האָט באַגעגנט אין קאָרי־דאָר, ווען מען האָט זי עסן געפירט אין גרויסן שפּייַזזאַל, האָט זי געפרעגט אויף איר „פּלעמעניק“, צי ער פאַרט שוין, אַזוי ווי יעדער איינער וואָלט געדאַרפט קענען איר „פּלעמעניק“ פון שיקאַגע וואָס איז אַ גאַנצער מאַכער און אַן אַמעריקאַנער.

די אַנדערע זייַנען געזעסן שטיל. די אַלטע ייִדן וואָס האָבן נישט געקענט געפינען זייערע קינדער זייַנען געזעסן און געזאָגט תהילים. די ווייַבער האָבן געוויינט. און די קינדער וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען האָבן זיך שטיל אין די ווינקעלעך באַהאַלטן. אויף אַלעמען איז געלעגן דער אומעט פון אַן אַרויסגעשטויסענעם. עס האָט איבער זיי געוויים אַ פורכט פאַר דעם ים, וואָס זיי דאַרפן איבער אים צוריקפאָרן אין דער היימלאָזיקייט אַרייַן.

— מיר איז נישט קיין חילוק. זאָלן זיי מיך שיקן אפילו קייַן גושן! אַז עס איז מיר שוין אַלץ איינס. צו וועמען וועל איך פאָרן? וועמען האָב איך אין דער היים? — האָט אַ ייִדענע גערדשנט פאַר די אַנדערע.

— אוי, אַ היים! — האָט זיך אַ צווייטע געקלאָגט — אַז דו האָסט מישטיינס געזאָגט דאָס ביסעלע בעטגעוואַנט גענומען און פאַרקויפט, אין דער ווייסטער וועלט זיך געלאָזט.

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט אַז דו זאָלסט נישט פאָרן, שׂרה, פאָר נישט! דער יונג איז ערגעץ וואו פאַרפאַלן געוואָרן. האָט פאָ־טאָגראַפיעס געשיקט, ווייס איך, ווער גלייבט זיי? — האָט דער ייִד פון תהילים מפסיק געווען און געזאָגט אין אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט אין גאַנצן אין אַמעריקע מסופק געווען, צי עס איז גאָר מעג־לעך אַזעלכעס.

פורכט — מורא, שרעק.

היימלאָזיקייט — דער צושטאַנד פון נישט האָבן קיין היים.

חילוק (כילעק) — אונטערשייד.

גושן (גוישן) — דער טייל פון לאַנד מצרים וואו עס האָבן זיך באַ־זעצט די ייִדן. פאַראַן פאַרשיידענע ווערטלעך מיט גושן. דאָ באַטייַט עס: ווער ווייס ווי ווייַט!

גערדשנט (גערדאַרשנט) — גערעדט, געטענהט, געהאַלטן אַ רעדע.

מפסיק (מאַפּסיק) זייַן — איבעררייַסן אין מיטן דאַווגען אָדער לערנען.

מסופק (מעסופעק) זייַן — to doubt.

— און בעטגעוואַנט איז שוין אַלץ? — מישט זיך אַ דריטע אַרײַן.

— אַז וואָס בעטגעוואַנט, און אַ שטוב האָט ער יאָ? און צו וועמען וועט ער פֿאָרן? — ווײַזט זי אויפֿן מאַן, ווי פֿאַר זיך וואָלט זי געווען פֿאַרזאָרגט.

דערווײַל האָט זיך יאָסעלע געפֿונען אַ חבֿר. דאָס איז געווען אַ ייִנגל אין זײַנע יאָרן וואָס האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב אַרומגעדרייט. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט צוגיין צו יענעם און יענער צו אים. האָבן זיי זיך ביידע איינער אַרום צווייטן אַרומגעדרייט מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט און האָבן ביידע געשוויגן. צום סוף זײַנען זיי דאָך באַקאַנט געוואָרן. זיי האָבן זיך בײַ די הענט אָנגענומען, אין אַ ווינקל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבן צו רעדן.

— מע שיקט דיך אויך צוריק?

— יאָ, און דיך?

— אויך.

— פֿאַר וואָס?

— מע זאָגט אַז איך האָב טריבע אויגן.

— און מיר איז פֿון לעצטן טיפֿוס אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבן, — און יאָסעלע נעמט אַראָפּ דאָס היטל און ווײַזט דאָס קעפּל.

— דו האָסט אַ טאַטן דאָ?

— יאָ. און דו?

— איך בין אַ יתום. איך בין צו אַ פֿעטער אַראָפּגעקומען, — ענטפֿערט דער צווייטער.

יאָסעלע האָט גרויס דרך־ארץ געקראָגן פֿאַרן צווייטן ייִנגל, ווײַל ער איז אַ יתום. יאָסעלע האָט זיך געהאַלטן נידעריקער פֿאַר זײַן נײַעם חבֿר. און ווי בײַ צוויי געטרײַע קינדער פֿון זייער פֿאָלק, האָט זיך קיין שמייכל אויף זייערע ליפּן ניט געוויזן. די יוגנט פֿון זייערע פּנימער איז אויסגעשטאָרבן. ווי קלוגע, אַלטע, דערוואַק-

---

טריבע אויגן — אומקלאָרע אויגן, דאָס הייסט קראַנקע אויגן. (עס איז טריב אין דרויסן, ווען עס רעגנט אָדער ווען עס איז אַ נעבל).

דרך־ארץ (דערעכערעץ) — אַכטונג.

סענע מענטשן זײַנען זיי געזעסן און אײנער פֿאַרן צווייטן דאָס האַרץ אויסגעגאָסן.

עס איז אָרײַנגעקומען יאָסעלעס מאַמע. אירע טרערן זײַנען נאָך געווען פֿריש און זי האָט מיט נאַסע אויגן אַ צערטלעכן רחמנות-בליק געוואָרפֿן אויף יאָסעלען. יאָסעלע האָט פֿאַרשטאַנען זײַן עלנט, זײַן אומגליק און זײַן שלימזל — אַלץ איבער אים! און ער האָט זיך געפֿילט ווי שולדיק, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צוריקגעקומען דער ענטפֿער פֿון וואַשינגטאָן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. יאָסעלע האָט געמוזט צוריקפֿאָרן מיט דער ערשטער שיף.

די פֿאַמיליע איז געשטאַנען צוזאַמען. אַלע האָבן געשוויגן און אַלע האָבן געוואוסט וועגן וואָס עס גייט, כאָטש מען האָט דערפֿון קיין וואָרט נישט גערעדט: ווער זאָל יאָסעלען באַגלייטן אַהיים? די מוטער האָט דאָך באַדאַרפֿט דאָ בלײַבן מיט די איבעריקע קינדער, מען איז דאָך שוין פֿאַרט דאָ. די מוטער האָט געוויינט:

— איך וועל ניט לאָזן דאָס קינד אַליין. עס וועט מיר פֿאַר-לאָרן ווערן. איך וועל עס נישט לאָזן. איך וועל אַלץ אין מיטן ים איבערלאָזן און וועל מיטן קינד מיטפֿאָרן!

האָט זיך רחלע אָפּגערופֿן ווי אַ דערוואַקסענע:

— אויף וועמען וועסטו די קינדער לאָזן? דער טאַטע מוז דאָך אַרבעטן גיין. בלײַב שוין דאָ, בלײַב שוין דאָ! איך וועל שוין פֿאָרן! — און זי האָט דאָס טיכעלע גלײַך געמאַכט אויפֿן קאָפּ, ווי עס וואָלט זיך גערעדט וועגן אַ גאַנג צום פֿעטער.

מאיר האָט געשוויגן און האָט נאָר בלויז געקוקט אויף רחלען. די מאַמע האָט ווײַטער געוויינט:

— וואו וועל איך אײַך אַליין לאָזן? ביסט דאָך נאָך אויך אַ קינד! איבערן ווײַטן ים וועל איך אײַך אַליין לאָזן?

— גיב נאָר אַ קוק! איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן, איך וועל זיך שוין, — ענטפֿערט רחלע און מאַכט זיך ווידער דאָס טיכל גלײַך אויפֿן קאָפּ, ווי זי וואָלט שוין גרייט געווען צו פֿאָרן.

— מײַן אָרעם קינד, מײַן אָרעם קינד! — פֿאַלט די מוטער אַרויף אויף איר.

און רחלע צעקושט זיך מיט דער מוטער אין טרערן, ווי זי

וואָלט שוין אַן אַלטע ייִדענע געווען. דער פֿאָטער האָט גאָרנישט געזאָגט, געשטאַנען, געקוקט און די ליפּן זיך געביסן.

און אַז מען האָט יאָסעלען צו דער שיף צוגעפֿירט אויף דער שיף אים אַרויפֿצוזעצן, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, אַזוי ווי בײַ דעם קליינעם ייִד וואָלט דאָס האַרץ פֿאַרשטיינערט געוואָרן. שווײַגנדיק האָט ער פֿאַרנומען דעם פֿאָטערס קושן, האָט געפֿילט דער מו-טערס וואַרעמע טרערן רינען אויף זײַן קאָפּ. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק, שולדיק אין אַלץ. מילא, ער איז פֿאַרפֿאַלן, שלעפּט ער נאָך רחלען מיט זיך מיט. ער האָט גוט געוואוסט און פֿאַרשטאַנען וואָס עס איז פֿאַר דער שוועסטער איצט צו פֿאַרלאָזן אַלץ און צוריקצופֿאָרן מיט אים.

ער האָט געשוויגן, געשוויגן און דאָס קעפּל געבויגן צו דער ערד.

דאָך ווען ער איז אַרויף אויפֿן בריקל וואָס פֿירט צו דער שיף און האָט זיך אומגעקוקט און דערזען די מוטער מיטן פֿאָטער, האָט זיך דאָס קינד אין אים אויפֿגעוועקט און ער האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו וויינען:

— מאַמע!

און דאָס איז אַזוי ניט פּאַסיק געווען פֿאַר דעם אַכטיאָריקן ייִד.

10

ייִדישער רחמנות

די נאַכט איז געלעגן אַ שוואַרצע איבערן ים, האָט אַלץ צוגענומען אין זיך און פֿאַרהוילן פֿון מענטשנס אויגן. די שיף איז אַליין געגאַנגען איבערן ים. קיין מענטש האָט זיך דערויף נישט געוויזן, אַזוי ווי די מענטשן וואָלטן זי איבערגעלאָזט אויף גאָטס חסד, אַז זי זאָל זיך אַליין אין דער פֿינצטער איר וועג אויסשנײַדן.

אַ געדיכטער נעבל איז געפֿאַלן איבער אַלץ און האָט אַלץ פֿײַכט געמאַכט. די גאַנצע שיף איז דורכגעווייקט געווען. דעם ים האָט מען נישט געזען. ער איז געלעגן פֿאַרהוילן אין דער שוואַרצער נאַכט אַרום. מען האָט נאָר פֿאַרנומען זײַן שווער אָטעמען פֿון דער נאַכט אַרויס. דאָס איז געווען אַ ברויזן פֿון וואַלן וואָס מען האָט נישט געזען, נאָר מען האָט געהערט ווי זיי גיסן זיך איינער איבערן צווייטן דאָרט אין דרויסן, אין דער נאַכט. און דאָס האָט נאָך מער געשראָקן און אָנגעזאָגט עפּעס אומהיימלעכס, ווי עס וואָלטן דאָרטן אין דרויסן שרעקלעכע לעבעדיקע ים־ברואים געלעגן און געביסן זיך איינס דאָס אַנדערע און געוואָיעט אומהיימלעך.

אין אַזאַ נאַכט האָט זיך קיין לעבעדיקער נפֿש ניט געוויזן. די מוזיק שפּילט אין ערשטן קלאַס, און דאָרטן, אין ליכטיקן, עלעגאַנטן זאַל, איז פֿאַרזאַמלט דאָס ערשטע־קלאַסיקע פּובליקום, אָנגעטאָן אין באַלקלייד און פֿראַק. בריליאַנטן און פּערל בלישטשען קעגן דעם עלעקטרישן ליכט. די פֿײַנע זײַדענע שפּיצן שוימען זיך אַרום די פֿיס פֿון די שיינע דאַמען און שימערן ווי דער שוים בײַם ברעג ים. דער קאַוואַליער פֿירט די דאַמע צום טאַנץ אונטער דעם קלאַנג פֿון אַן

פֿאַרהוילן — באַהאַלטן, פֿאַרבאָרגן.

חסד (כעסעד) — favor.

ברואים — באַשעפֿענישן, ווילדע אָדער מאָדנע באַשעפֿענישן.

אומהיימלעך — ניט פֿריילעך, אומעטיק, אַנוואַרפֿנדיק אַ שרעק.

פֿראַק — tail-coat.

עלעגאַנטן װאַלץ, װאָס זײַנע אָפּגעריסענע טענער קומען אַהער צו באַלנדזשען און װערן פאַרלױרן אין דעם געברום פון די גיסנדיקע װאַלן אין דרױסן, אין ים װאָס ליגט פאַרהױלן אין דער שװאַרצער נאַכט.

פּופּצן מעטער אונטער דעם רײַך באַלױכטענעם זאַל, פון װאַנעט עס פאַרנעמט זיך איצט די מוזיק, אין אַ טונקעלן װינקל פון אַ לאַנגער, נידעריקער קאַמער, איז איצט פאַרזאַמלט אַ קלײנער עולם, העלפּט אױף טאַפּטשאַנען, העלפּט אױף דער ערד. אױפן טיש לײַכט זיך אַ שטיקל ליכט. אַ פּאָר דאַמענעם זײַנען צעװאָרפן, אַ גלאָז, איבערגעבליבענע שטיקלעך עסן. בײַ אַ װינקלטיש שרײַבט װער אַ בריװ. קײנער באַמערקט אים נישט. דער עולם איז איצט פאַרנומען אין אַ װיכטיקן געשפּרעך.

עס פאַרציילט איצט אַ הױכער, שװאַרץ באַװאַקסענער מענטש מיט טונקעלע אױגן און זײער שאַרפע טונקעלע ברעמען. אַלע האָרכן זיך אײַן צו אים מיט אױפמערקזאַמקייט, װאָרעם ביז איצט האָט ער געשװיגן און קײנער האָט נישט געװאוסט װער ער איז אַזעלכער, כאָטש די אַלע װאָס זײַנען געפאָרן אױפן שיף האָבן זיך שױן גע-האַט באַקאַנט פון ערשטן טאָג אָן. און ער פאַרציילט גאָר װאונדער.

אױסגעװוען איז ער שױן די גאַנצע װעלט. אַפריקע קען ער װי זײַנע פינף פינגער. װאו נאָר אַ ייִד פאָרט איז ער שױן געװען, און דאָך פאַרלאָזט ער דאָס אָרט און פאָרט אװעק, נישט װײַל עס גײט אים שלעכט, — אומעטום װאָלט ער זײַן שטיקל ברױט גע-קענט פאַרדינען. נאָר ער קען זיך נישט געפינען קײן אָרט. „עס בינדט אים נישט צו" — זאָגט ער. ער קומט אױף אַן אָרט, קוקט זיך אַרום, קריגט אַרבעט און איז אָפּ אַ חדשים צװײ, דרײַ, אַ האַלב יאָר, און נעמט באַלד דאָס פּעקל און הײַדאַ װײַטער! און אַזױ פון קלײנערהײט אָן. ער איז אַ קינד געװען װען ער איז פון דער הײם אַװעק. ער װאָלט שױן ראָטשילד געװען, װען ער װאָלט אױף אײן אָרט געזעסן, נאָר ער קען נישט, עס לאָזט אים נישט. איצט פאָרט ער צוריק קײַן רוסלאַנד, אין דעם קלײנעם שטעטל פון װאַנעט ער קומט אַרױס. ער פאָרט צו קבֿר-אָבֿות, װײַל דעם פאָטער-מוטערס

טאַפּטשאַן — plank-bed, bed of boards.

קבֿר־אָבֿות (קיװער־אָװעס) — דער קבֿר (זען) פון די עלטערן; „פאָרן צו קבֿר אָבֿות" — פאָרן צום אָרט װאו די עלטערן זײַנען באַגראָבן.

קבֿרים זען. דער פֿאָטער איז אים צו חלום געקומען! האָט ער זיך דערוואוסט אַז דער פֿאָטער איז טויט. נו, ווייס ער נישט צי רוס־לאַנד וועט אים אַרײַנלאָזן, ווײַל ער איז צו מיליטער נישט געקומען. שטעלט ער זיך דאָס לעבן אײַן — בײַם פֿאָטערס קבֿר מוז ער דאָך זײַן! עס לאָזט אים נישט רוען.

אַלע האָבן אים אויסגעהאָרכט אויפֿמערקזאַם און אַ ביסל מיט פֿורכט געקוקט אויף זײַנע שוואַרצע ברעמען, ווי אין זײַנע שוואַרצע אויגן וואָלט געלעגן אַ טראָפּן פֿון דעם אומענדלעכן גרויסן ים וואָס גיסט זיך פֿון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן, וואָס ער וואָלגערט זיך איבער זײַנע ברעגן אַרום.

— אין אַפֿריקע אויך געווען? — פֿרעגט אַ ייִדענע פֿון ווינקל אַרויס.

— געווען, — ענטפֿערט דער שוואַרצער אָפּ אויף זיכער.

— דאָרט האָב איך אַ זון, — זאָגט די ייִדענע, — איר האָט אים נישט געזען?

— אוודאי אים געזען, נאָר וועד קען ווײסן? — ענטפֿערט דער פֿרעמדער אָפּ אויף געווים.

— אין ארץ־ישׂראל אויך געווען? — פֿרעגט אַן אַלטער ייִד פֿון אַ ווינקל אַרויס, וואָס פֿאָרט פֿון אַמעריקע שטאַרבן אין דער היים.

— געווען, — ענטפֿערט אָפּ דער פֿרעמדער.

— און די מוטער רחלס קבֿר געזען?

— דאָרט געווען, שטיינדעלעך פֿון קבֿר אַראָפּגענומען, — ווײַזט דער פֿרעמדער און נעמט אַרויס פֿון הינטער דער וועסט אַ זעקעלע מיט ערד וואָס ער טראָגט אויפֿן האַרצן.

— אַ, וואַ! — באַקוקן אַלע.

— כלעבן, גלײַכער ווי אין אַמעריקע, — קרעכצט דער אַלטער ייִד — הלוואַי וואָלטן מײַנע ביינער די זכיה געהאַט דאָרט צו ליגן, אַז שוין יאָ איבערן ים געפֿאָרן!

— איך טראָג עס שטענדיק אויפֿן האַרצן. דו ווייסט נישט

מוטער רחלס קבֿר — דער קבֿר פֿון איינער פֿון די ייִדישע „מוטערס", פֿון יעקבֿס ווײַב — רחל; דאָס איז אַ הייליקער קבֿר און מע קומט אַהין בעטן, די מוטער רחל זאָל „זיך מיַען" פֿאַר דעם וואָס איז אין אַ צרה, אַ נויט.

וואו דו וועסט ליגן, אין דער פרעמד, צווישן גויִים, קענסטו שטאַרבן. דאָס (ווײַזט ער אויפן זעקעלע) זאָל מען מיר אויף די אויגן לייגן, איז עס ווי דו וואָלטסט אין ארץ־ישׂראל געלעגן.

— אוי איז עס אמת, אוי איז עס אמת! הלוואי וואָלט איך עס געהאַט! — קרעכצט דער אַלטער ייִד וואָס פֿאַרט אַהיים שטאַרבן, — צוועלף יאָר בײַ מײַן זון אין אַמעריטשקע געווען, גאָלדענע רינגען האָט ער מיר אָנגעהאָנגען, אַ גאָלדענעם שטעקן מיר געגעבן. וואָס? אין דעם (דער ייִד ווײַזט אויף די רינגען מיטן שטעקן) וועט מען מיך באַגראָבן?

— אַז דו וועסט אים בעטן, וועט ער דיר אפשר אַ ביסעלע שטיינדעלעך געבן, — זאָגט די אַלטע ייִדענע וואָס זיצט לעבן אים, זעט זיך אוים זײַן ווײַב.

— וואָס? אַזאַ מתּנה! עס איז דאָך טײַערער פֿון בריליאַנטן און פּערל! דאָס אַוועקשענקען? — זאָגט אַן אַנדער ייִדענע.

— עס קאָסט דאָך נישט קיין געלט. ווער עס וויל קען עס דאָך נעמען.

— מע דאַרף אָבער דאַרט זײַן!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער פרעמדער איז דאָך געווען געריכט פֿון אַלטן און האָט אים אַ ביסעלע ערד אָפּגעלאָזט פֿון זעקעלע. דער אַלטער האָט עס צוגענומען, אײַנגעבונדן עס אין אַרבע־כּנפֿות און מיט אַזאַ דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם פרעמדן, אַז טרערן האָבן זיך געוויזן אין זײַנע אויגן.

— אפשר איז מײַן פֿאָטער אויך אַזוי געווען, — זאָגט דער פרעמדער — איך האָב דאָך מײַן פֿאָטער נישט געזען. אַז איך זע אַן אַלטן ייִדן דאַכט זיך מיר אַז עס איז מײַן טאַטע.

— און איך וויל מײַן היימלאַנד ניט פֿאַרלירן! וואָס עס וועט זײַן, איז עס דאָך אַ געבוירן־לאַנד!

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. דאָס האָט גערעדט אַ יונגערמאַן:

— כאָטש איך ווייס אַז מע וועט מיך נעמען פֿאַר אַ סאָלדאַט, פֿאָר איך דאָך אַהיים. איך וויל מײַן היימלאַנד ניט פֿאַרלירן!

אַרבע־כּנפֿות (אַרבעקאַנפֿעס) — אַ גוטסווענדיקער טייל אין דעם אַנטאַן פֿון פֿרומע ייִדן מיט פֿיר ציצית בײַ די זײַטן; ציצית — פֿראַנדזן פֿון פֿיר פֿעדעם, צונויפֿגעדרייט אויף אַ ספּעציעלן אופֿן.

— מילא, „היימלאַנד“ . . . איך ווײס גאָרנישט, צי מײַן „היים-לאַנד“ וועט מיך אַרײַנלאָזן.

— פאַר וואָס זאָל מען אײַך נישט אַרײַנלאָזן?

— איך האָב דעם פּאַס אָפּגעגעבן אַן אַנדערן. איצט שיקט מיך אַמעריקע צוריק.

— וואָס הייסט מע וועט דיך נישט אַרײַנלאָזן? ווער דען זאָל דיך צוריקנעמען? דו ביסט דאָך אַ רוסישער?

— אַ קשיא אויף רוסלאַנד.

דאָ האָט זיך באַוויזן פון אַ ווינקל אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף, איז צוגעגאַנגען צום קופּקעלע מענטשן, זיך אײַנגעהאָרכט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן מיט שרעק אָנגעהויבן אַרומצוקוקן די מענטשן. זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן ערנסט צוצוהאָרכן צו די רייד און גע-נעמען אויספרעגן אַ ייִדענע וואָס איז געזעסן לעבן איר וועגן דעם וואָס מע רעדט דאָ.

— וואָס? מע וועט נישט צוריק אין רוסלאַנד אַרײַנלאָזן? — האָט דאָס מיידעלע געפרעגט. אין די אויגן איז איר אַ שרעק גע-לעגן און די ליפּן האָבן געציטערט.

— וואָס איז דען? — פרעגט די ייִדענע.

— מע שיקט צוריק מײַנעם אַ ברודערל. איך פאָר מיט אים צוריק. וואָס זאָגט דער ייִד: מע וועט נישט צוריק קײַן רוסלאַנד אַרײַנלאָזן?

— און אַ פּאַס האָסטו? — פרעגט די ייִדענע.

— אַ פּאַס? — שטאַמלט רחלע און פאַרלירט זיך נאָר אויף איין מינוט — וואָס הייסט אַ פּאַס? מע לאָזט דאָך אים נישט אַרײַן! — ווײַזט זי אויף דעם קליינעם יאָסעלע וואָס איז געלעגן אײַנגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל און איז געשלאָפן, צוגעדעקט מיט רחלס קאָפּטן. עס .האָט אויסגעזען ווי אַן אָרעמער וואָרעם וואָלט געלעגן.

דער עולם איז שטיל געוואָרן און האָט אָנגעהויבן זיך אײַנ-צוהאָרכן צו רחלען. מען האָט זי שוין באַלד פון ערשטן טאָג באַ-מערקט. נאָר רחלע האָט זיך אַזוי פון דער ווײַטנס געהאַלטן און

פּאַס — passport.

אײַנגעקאָרטשעט — צונויפגעבויגן, זיך צונויפגעדרייט, זיך צו-נויפגעקוועטשט.

האָט מורא געהאַט מיט װעמען אַ װאָרט אױסצורעדן (אַזױ האָט מען איר אַנגעזאָגט) אַז קײנער האָט ניט געװאוסט פֿון די קינדערס צרות, און מען האָט געמײנט אַז זײ זײַנען מיט אַ מוטער צוזאַמען. איצט אַז זײ האָבן געהערט אַז דאָס פֿאָרט זי צוריק מיט אַ ברודערל, האָבן אַלע אָפּגעהאַקט דאָס געשפּרעך און אָנגעהױבן זיך צו פֿאַר־אינטערעסירן מיט איר.

— װאָס הײסט, מע שיקט אײַך צוריק? פֿאַר װאָס שיקט מען אײַך צוריק?

— ער האָט אַ ראַצל אין קעפּל, פֿון טיפּוס געבליבן, — פֿאַר־צײלט רחלע, װײַזנדיק מיטן פֿינגער אױפֿן שלאָפֿנדיקן יאָסעלע אין אַזאַ טאָן װי זי װאָלט זײַן מוטער געװען.

— האָט מען אײַך נישט אַרײַנגעלאָזט? אַמעריטשקע גנבֿ! אַזאַ אומגליקלעך קינד! —— זאָגט אַ ייִדענע און נעמט דאָס ליכט און באַקוקט דעם שלאָפֿנדיקן יאָסעלע — אַזאַ מלכותדיק קינד! און װאו איז די מאַמע?

— די מאַמע האָט דאָך געמוזט בלײַבן מיט די איבעריקע קינדער. פֿאָר איך אַלײן מיט אים צוריק.

— פֿאָרסטו מיט אים צוריק. װאָס זיצסטו ניט? גיב איר אַ בענקל, לאָז זי זיצן. קום אַהער דאַ, מײדעלע, זעץ זיך דאַ, — װײַזט איר אָן אַ פּלאַץ אַ ייִדענע װאָס האָט זיך אױפֿגעהױבן, — נאַ, זעץ זיך. די פֿיס מוזן דאָך נעבעך דיר װײ טאָן.

— נאַ דיר, דערכאַפּ דיר דאָס האַרץ, — טראָגט איר אַ ייִדענע אונטער אַ שטיקל לעקעך. — און װײ דער אומגליקלעכער מאַמען! איך פֿיל נעבעך איר ביטער האַרץ, — קרעכצט די ייִדענע און װישט זיך אַ טרער פֿאַר חנה־לאהן.

— מילא זי שלאָפֿט שױן דאָרטן ניט קײן נעכט, די אומגליק־לעכע מאַמע, — קרעכצט אַ צװײטע ייִדענע און רופֿט דעם מאַן, — שמואל, שמואל! נעם נאָר אַרױס פֿון קעסטל די פּאָמעראַנצן, די מײדל איז דאָך נעבעך שװאַך.

אַמעריטשקע גנבֿ! — אַן אױסדרוק װאָס װײַזט אױף די שלעכטע, די פֿאַלשע זײַטן פֿון אַמעריקע; מע קען עס אױך ניצן װען מע װיל װײַזן אױף די קונציקע אױפֿטוען װאָס זײַנען אַ װאונדער פֿאַר די קלײנשטעטל־דיקע מענטשן. פּאָמעראַנצן — מאַראַנצן, oranges.

מלכותדיק (מאַלכעסדיק) — קעניגלעך, אַזױ װי בײַ אַ קעניג.

— שווייַגט, שווייַגט! איר וועט דאָך דאָס קינד אויפוועקן!
— רופט זיך אָפּ אַ דריטע ייִדענע און נעמט אַראָפּ איר טוך פון זיך און דעקט צו דערמיט דעם שלאָפנדיקן יאָסעלע, — דאָס קינד נעבעך! עס איז דאָך קאַלט אויפן שיף!

און ייִדן האָט זיך געגעבן אַ דערוועק דער רחמנות, אַ געפיל וואָס קען נאָר האָבן אַ פאָלק וואָס לעבט שוין אַזוי לאַנג, וואָס איז שוין אַזוי משפּחהדיק צווישן זיך, וואָס האָט שוין אַזעלכע צרות דורכגעלעבט. דאָס געפיל פון רחמנות האָט געגעבן זיך אַ צינד אָן אין אַלע ייִדישע הערצער אויפן שיף. אַלע האָבן זיך געפילט משפּחהדיק מיט די קינדער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געמוזט פאַרטרעטן זייער פאָטער-מוטער.

רחלע האָט ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן מיט די אַלע מתּנות וואָס האָבן זיך געגעבן אַ שאָט צו איר פון אַלע זייַטן. וואו עס האָט זיך נאָר געפונען אַ ייִדענע אויף דער שיף, איז זי געקומען צו רחלען אויסגיסן איר מוטערלעך געפיל צו איר. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ זיסע זאַך אין קאַסטן באַהאַלטן, האָט עס געבראַכט צו רחלען. איינע האָט איר דאָס געלעגער אָפּגעטראָטן, די צווייטע האָט איר טיכל אויסגעטאָן און רחלען אָנגעטאָן, פאַמעראַנצן איר געבראַכט, אַ שטיקל שאָקאָלאַד — אַלץ אין רחלעס שויס אַרייַנגעלייגט!

— וואָס טויג מיר די נאַרישקייטן? — רופט זיך אַ ייִד אָן — מע דאַרף געוואויר ווערן אָט וואָס, דעם עיקר, — גיט ער אַ וואונק און אַ גיי צו רחלען און רוימט איר אייַן אין אויער:
— און עפּעס געלט האָט אייַך דער טאַטע מיטגעגעבן?
— אַוודאי, — ווייַזט רחלע אויף אַ זעקעלע וואָס זי טראָגט אויפן האַלדז.
— דאָס איז נאַרנישט, — זאָגט דער ייִד, נישט זעענדיק וואָס עס איז אין זעקעלע, — מע דאַרף אָט וואָס! שמואל! — גיט ער אַ רוף אַ ייִדן אין אַ ווינקל אַרייַן, — גיב נאָר אַהער אַ פּאָר גילדן!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זייַנען שוין די ייִדן אין אַ ווינקל געשטאַנען און געלט צוזאַמענגעלייגט פאַר די קינדער.

און אַז יאָסעלע איז פון שלאָף אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך געפונען ווי אין אַ גן-עדן. מען האָט אים אויף די הענט געטראָגן. „לאָזט צו, לאָזט צו!“ — האָבן ייִדן געשריִען און אים אָוועקגעזעצט

אױבנאָן און געבראַכט צו שלעפּן װאָס אײנער האָט נאָר געהאַט. יאָסעלע האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ניט געװאוסט װאו ער געפינט זיך און האָט מיט שרעק געקוקט אױף רחלען.

— עס דאָס עפּעלע, מײַן קינד, — זאָגט צו אים אַ ייִדענע און באַקוקט אים דערװײַל מיט ליבשאַפט דאָס קעפּעלע, — אַ ראָך? גאָרנישט קײן ראָך, אַמעריטשקע גנבֿ! איך שמיר אים אײַן מיט אַ ביסעלע שפּיריטעס, איז אױס ראָך! איבער דעם נעמט מען אַ קינד און מע רײַסט עס פון אַ מאַמע אַװעק! גױיִם, ימח-שמם!

— װאָרעם אַ ייִדיש קינד גײט זײ דען עפּעס אָן? אַ ייִדיש קינד!

— זאָגט אַ צװײטע און באַטראַכט אױך יאָסעלעס קעפּעלע.

— און איך װײס פון אַ דאָקטער אין בערלין. ער זאָל נאָר װעלן, מיט אײן מאַך מיט דער האַנט איז אױס ראָך, — דערצײלט אַ ייִדענע.

— װאָס הײסט ער װעט ניט װעלן? מע װעט אים באַצאָלן דערפאַר, — זאָגט אַ ייִד.

— אוודאי באַצאָלן, װאָס הײסט ער װעט ניט װעלן? — שטימען צו די ייִדן.

— יענער איז אַ פּראָפעסאָר, אַ גרױסער מאַן, ער הײלט סאַמע קײסאָרים. האָט מיר מײַן דאָקטער פון ניו-יאָרק מיטגעגעבן אַן אַדרעס צו אים, ער זאָל מיר מײַנע שטײנער גרינגער מאַכן. אױ, איך האָב שטײנעד! — קרעכצט די ייִדענע.

— װײַזט נאָר דעם אַדרעס, לאָזט נאָר זען, — זאָגט אַ ייִד.

די ייִדענע האָט אַרױסגענומען פון הינטערקעשענע אַ שטיקל פּאַפּיר און געװיזן דעם אַדרעס פון גרױסן דאָקטער װעלכער הײלט סאַמע קײסאָרים.

— נו, שױן גוט. איך װעל אוודאי דורכפאָרן דורך בערלין, װעל איך שױן אַלײן מיט זײ אַרױפגײן. מיר װעלן זען, צי ער װעט נישט פאַר אונדזער גראָשן געלט דעם קינדס קאָפּ אױסהײלן, —

שפּיריטעס — alcohol.

ימח-שמם (יעמאַך-שמאָס) — זײער נאָמען זאָל אױסגעמעקט װערן; אַ קללה.

אונדזער גראָשן געלט — אונדזער ביסל געלט, אונדזער באַר געלט.

סאַמע קײסאָרים — נאָר, בלױז קײסאָרים.

„שטײנער" — דאָ רעדט זיך װעגן אַ קראַנקײט, װעגן גאַלשטײנער אָדער נירנשטײנער.

זאָגט דער ייִד און באַהאַלט דעם אַדרעס אין קעשענע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען פּאָר אַ שיין הויז אויף דער פרידריך-שטראַסע אין בערלין געשטאַנען צוויי קינדער, אַ מיידל און אַ קליין ייִנגל, און האָבן זיך געאַמפּערט מיטן שווייצער וועלכער האָט אויף זיי געקוקט מיט חשד און זיי נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. די מיידל האָט אָבער זייער ענערגיש געטענהט און געבעטן און געוויזן אויף יאָסעלעס קעפּעלע, אַז זי וויל צום דאָקטער קאָן וואָס ער היילט נאָר קייסאָרים. נאָך עטלעכע מינוט אונטערהאַנדלונגען איז זיי דאָך געלונגען אַרײַנצוקומען אין הויז. די זעלבע סצענע האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט אין דער טיר פון דאָקטער קאָן מיט דער שיקסע פון דאָקטער קאָן. רחלע האָט אָבער אויף גאָרנישט געקוקט, גענומען פעסט יאָסעלען בײַ דער האַנט און אַרײַנגערוקט זיך אין שטוב אַרײַן. יאָסעלע האָט שווײַגנדיק זיך געלאָזט נאָכשלעפּן מיט אַ מינע פון ייִאוש: „עס איז מיר אַלץ גלײַך“.

זיי האָבן לאַנג געוואַרט אין אויפנעם-צימער צווישן די פּאַציענטן. אַז אַלע זײַנען שוין אַוועק, האָט מען זיי אַרײַנגעלאָזט צום דאָקטער. דער דאָקטער, אַ נידעריקער און אַ פולער, מיט אַ הוילן קאָפּ און אַ פּאָר ממזרשע אייגעלעך וואָס לויפן אַרום אין פּנים, מיט אַ פּאָר אַראָפּגעפּאַלענע וואַנצעלעך, האָט זיי צוגערופן אַ ביסל פאַרוואונדערט מיט די הענט פון דער ווײַטנס. רחלע האָט דאָס געלט געהאַלטן אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט געוויזן אויף יאָסעלעס קעפּעלע, האָט זיך נישט דערשראָקן, געטענהט מיט אַ פול מויל ייִדישלעך צום דאָקטער אַזוי:

— פּאַני דאָקטער, האָט רחמנות, די מאַמע מיטן טאַטן זײַנען אין אַמעריקע, מײַן ברודערל לאָזט מען נישט אַרײַן, ער האָט אַ ראַך אין קעפּל (ווײַזט זי אויף יאָסעלען), היילט עס אים אויס, איר קענט דאָך! האָט רחמנות אויף אַ ייִדיש קינד! די מאַמע מיטן טאַטן זײַנען אין אַמעריקע, — האָט רחלע געזאָגט אין טרערן און האָט דערלאַנגט דאָס געלט מיט דער האַנט.

זעט זיך אויס אַז דער גרויסער פּראָפעסאָר וואָס היילט נאָר

שווייצער — doorman.
ייִאוש (ייִעש) — despair.
ממזרש (מאַמזערש) — כיטרע, זייער כיטרע, קלוג.
אַמפּערן זיך — קריגן זיך.

סאַמע קייסאַרים האָט פאַרשטאַנען רחלעס שפּראַך. ער האָט דאָס געלט צוגענומען פון רחלען, אויפן טיש אוועקגעלייגט און גוט זיך די הענט געוואַשן און באַקוקט יאָסעלעס קעפּעלע און געשאָקלט מיט דער גאָמבע. און ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט.

אַז די קינדער זײַנען אַהיים געקומען אין דער אַכסניה אַרײַן אין אַ פאַרוואָרפן געסל, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע פון די וואָס זײַנען געפאָרן מיט זיי אויפן שיף, האָט מען זיי אויס־געפרעגט און אַלע האָבן זיך געפרייט וואָס דער באַרימטער פּראָ־פעסאָר האָט זיי צוגענומען און גערימט רחלען פאַר איר בריהשאַפט.

דער ייִד פון שיף וואָס האָט צוגענומען דעם אַדרעס פון דאָק־טער איז געפאָרן די גאַנצע צײַט מיט די קינדער. ער האָט זיי נישט פאַרלאָזט. ער האָט געהאַט אַ פּאַס אויף וועלכן עס זײַנען געווען פאַרשריבן זײַנע קינדער. מיט אים האָבן דאָס געזאָלט רחלע מיט יאָסעלען אַריבערפאָרן די גרענעץ, ווי זײַנע קינדער. ער האָט זיך גענומען אויסלערנען יאָסעלען דעם נאָמען, ווי ער וועט הייסן בײַ דער גרענעץ — שמואל גאָלדמאַן.

— נו, ווי הייסטו? — פרעגט דער ייִד.

— שמואל גאָלדמאַן, — ענטפערט יאָסעלע אָפּ פּעסט.

— אָט אַזוי. וועסט נישט פאַרגעסן?

— ניין, איך וועל נישט פאַרגעסן. שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, — חזרט זיך יאָסעלע פאַר זיך.

— אָט אַזוי! און ווי הייסטו? — פרעגט ער רחלען.

— חנה גאָלדמאַן.

— וואויל. גוטע קינדער, גוטע קינדער, — פרייט זיך דער ייִד.

און יאָסעלע האָט טאַקע נישט פאַרגעסן. ווי אַ געניטער רײַזנדער וואָס איז שוין אַזוי פיל מאָל די גרענעץ אַריבערגעגאַנגען און ווייס אַז מע דאַרף זיך אַן עצה געבן, האָט ער אויפן גרענעץ דעם זשאַנדאַר געוויזן אויף דעם פרעמדן ייִד אַז ער איז זײַן פאָטער. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין לעבן, וואָס יאָסעלע האָט

גאָמבע — קין, chin.

רעצעפּט — prescription.

אַכסניה (אַכסאַניע) — גאַסטהויז, אײַנפאָרהויז.

זײַן פֿאָטער פֿאַרלײקנט. דאָס האַרץ האָט אים נישט געשלאָגן דערפֿאַר: ער האָט געוואוסט אַז עס דאַרף אַזוי זײַן.

נאָך דער גרענעץ האָבן זײ זיך האַרציק געזעגנט מיט זײער גרענעץ־פֿאָטער וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג, און מיט די אַנדערע ווײַבער וואָס זײ האָבן געטראָפֿן אויף דער רײַזע. מען האָט זיך אַנגעוואונטשן אַל דאָס גוטס, געדאַנקט און מיטגעגעבן זיך גוטע זאַכן.

און אַז זײ זײַנען מיט דער פֿור צוריק אין זײער שטעטל אַרײַנגעפֿאָרן צו דער מומע שײנדעלע, האָט יאָסעלעס האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן. און אַז די מומע שײנדעלע האָט זײ דערזען, האָט זי זיך גאָרנישט געוואונדערט, נאָר זי האָט געשמײכלט מיט אירע רויטע בעקעלעך און ליכטיגע ליפּן:

— כי־כי־כי! — האָט זי געזאָגט — איך האָב באַלד געוואוסט אַז עס וועט אַזוי זײַן.

11

דער נס מן השמים

ווי נאָר די געקומענע האָבן די אַמעריקאַנער לופט דערשפּירט, זײַנען זיי ווי מיט דער האַנט פאַרביטן געוואָרן, און מאיר איז צווישן זיי ווי אַ פרעמדער אַרומגעגאַנגען. צײַט ער האָט די ווײַב מיט די קינדער אַראָפּגענומען און די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו גיין אין סקול אַרײַן, זײַנען זיי פאַר זײַנע אויגן ווי פאַרפרעמדט געוואָרן פון אים. ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי עס איז געוואָרן, נאָר מיט יעדן טאָג זײַנען דאָס אַנדערע קינדער געוואָרן, נישט זײַנע, נאָר פרעמדע, וואָס ער האָט זיי נישט געקענט און וואָס ער האָט אָנגעהויבן פאַר זיי מורא צו האָבן.

מאיר דער יודע־ספר, וואָס איז דאָרט אין דער היים געווען אַ ייִד אַ חסיד, אַ מפורסם, איז קליין און פאַרשעמט געוואָרן פאַר זײַנע אייגענע קינדער, וועלכע זײַנען ערשט נאָר וואָס אין חדר געגאַנגען. קוים האָבן זיי אָנגעהויבן אין סקול צו גיין, האָבן זיי צווישן זיך נאָר ענגליש גערעדט. זיי זײַנען געוואָרן אײַנגעטונקט אין ספּאָרט, ווי דאָס וואָלטן נישט געווען מאיר דעם ייִדנס פון דעם קליינעם פּוילישן שטעטל, נאָר ווי זיי וואָלטן אויפגעוואַקסן אין גאָר אַן אַנדער סבֿיבֿה. זיי זײַנען געווען פאַראינטערעסירט אין אַלע ספּאָרטפאַרמעסטן וואָס איין שטאָט שפּילט מיט דער צווייטער און גערלייענט ספּאָרטצײַטונגען. זיי האָבן דעם פאָטער געהאַלטן פאַר אַ גרינעם און פאַראַכט אים, וואָס ער קען נישט אַזוי רעדן ענגליש ווי זיי און וואָס ער פאַראינטערעסירט זיך נישט מיט דעם, מיט וואָס מע פאַראינטערעסירט זיך אין אַמעריקע.

קיין זאַך אַסימילירט נישט אַזוי אין אַמעריקע ווי די סקולן. און מיט יעדער לעקציע וואָס די יונגען האָבן געקראָגן אין די סקולן

דער נס מן השמים (דער נעס מין האַשאַמאַיִם) — דער וואונדער פון הימל, גאָטס וואונדער.

מפורסם (מעפורסעם) — באַרימט, באַוואוסט.

סבֿיבֿה (סוויווע) — environment.

זײַנען זיי אַנדערש געוואָרן פֿון מאירס שניט.

די זעלבשטענדיקייט וואָס איז אײַנגעפֿלאַנצט אין דעם אַמע־ריקאַנער ייִנגל האָט זיך דערוועקט אין זיי. קוים האָבן זיי נאָר ענגליש געקענט רעדן, האָבן זיי שוין געפּרואווט אַליין צו פֿאַר־דינען. אהיים געקומען פֿון דער סקול, זײַנען זיי אין די רעדאַקציעס געלאָפֿן, גענומען צײַטונגען צו פֿאַרקויפֿן, אָדער זיך געשטעלט אין טעלעגראַם־קאַנטאָרן טעלעגראַמען אָפּצוטראָגן. און קוים האָט דאָס קינד די ערשטע פּאָר קוואָדערס אַהיים געברענגט דער מוטער, האָט ער זיך שוין געפֿילט זעלבשטענדיק. קיינער האָט שוין קיין דעה נישט אַרײַנצורעדן אין זײַנע „ביזנעס".

דער דרך־ארץ צו זיך אַליין און אַכטונג צו פּערזענלעכער פּרײַ־הייט, וואָס די אַמעריקאַנער פּאָבליק־סקול פֿלאַנצט אײַן אין די צוקינפֿטיקע בירגער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט זיך באַלד דערוועקט אין די יונגען פֿון דעם קליינעם שטעטל, וואָס דער פֿאָ־טער האָט דאָ ערשט ניט לאַנג געהאַט אַזאַ גרויסע דעה איבער זיי. און זיי זײַנען איצט גרייט געווען, ווי יעדער אַמעריקאַנער קינד, צו פֿאַרטיידיקן די פֿרײַהייט מיט „פֿײַטן" וואָס זיי האָבן זיך אַזוי גוט אויסגעלערנט אין די סקולן. איז דעם פֿאָטערס וואָרט געוואָרן אויס וואָרט פֿאַר זיי. זיי זײַנען געגאַנגען אין חבֿרה אַרײַן דעמאָלט ווען זיי האָבן געוואָלט, און זיי האָבן גענדאַוונט ווען עס האָט זיך זיי געגלוסט. נישט געוואַשן זיך צום עסן, נישט קיין ברכה געמאַכט, מערסטן אָן היט אַרומגעלאָפֿן און געטאָן וואָס זייער האַרץ האָט גע־גלוסט.

מאיר האָט זיך באַלד איבערגעצײַגט אַז אַמעריקע איז נישט לענשנע. אין לענשנע האָט ער געקענט זײַן אַ געוועלטיקער איבער זײַנע קינדער. אָבער אין אַמעריקע איז אַן אַנדער מאָדע. דאָ האָבן טאַטעס איבער קינדער גאָרנישט קיין דעה. אויף אַלע פֿאַרוואורפֿן וואָס ער האָט זיי געמאַכט, האָבן זיי אים צוריק אָפּגעענטפֿערט:

— Mind your own business!

חנה־לאה פֿלעגט פֿאַרשילטן קאָלומבוסעס ביינער, כאָטש זי

זעלבשטענדיקייט — דער צושטאַנד אָדער דאָס געפֿיל פֿון זײַן אָפּהענגיק פֿון קיינעם.

געוועלטיקער — הערשער.

האָט נישט געוואוסט ווער און וואָס אַזעלכס דאָס איז געווען דער קאָלומבוס. נאָר זי האָט געהערט אַז אַלע ווײַבער אין אַמעריקע שילטן קאָלומבוסן, האָט זי אויך געשאָלטן.

— אַראָפּגענומען מיך קײַן אַמעריקע מײַן מאַן, צו קאָלומבוסן! אוי, קאָלומבוס, אײַנליגן אין דר'ערד זאָל ער נישט קענען!

און ניט דווקא די „קאָמאַנדע". אַפילו רחלע וואָס איז שוין לאַנג אַראָפּגעקומען צוריק מיט יודל שנײַדער, איבערלאָזנדיק יאָסעלען בײַ דער מומע, — אַפילו רחלע איז דאָ אויך אַ גאַנץ אַנדער מיידל. געגאַנגען איז זי אין שאָפּ און האָט זיך אויסגעלערנט פון חבֿרטאָרינס. אין קאָפּעליושן האָט זי זיך געפּוצט און אין די טעאַטערס געגאַנגען. זי האָט חנה-לאהן אויך אַ מאָל מיטגענומען.

זײַנען זיי ביידע, מאַן און ווײַב, געזעסן און געבענקט נאָך יאָסעלען וואָס איז איבערגעבליבן אויף יענער זײַט ים בײַ דער מומע. „דאָס איינציקע קינד" — האָבן זיי אים גערופן און האָבן געגאַרט אים צו זען.

און יאָסעלע איז דערווײַל אַ דערוואַקסענער יינגל געוואָרן. עס איז שוין אַ יאָר אַנדערטהאַלבן-צוויי ווי ער האָט די עלטערן נישט געזען. ער האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן גמרא צו לערנען, ער איז שוין לאַנג איבערגעגאַנגען צו יעקבֿ-יודלס אויף „שיעור". און נישט מאיר און נישט חנה-לאה האָבן די זכיה זײַן גמרא-ניגון צו הערן.

עס הערט זײַן לערנען יעדן שבת נאָך מיטאָג, ווען ער פאַרהערט זיך בײַם פעטער, די מומע שיינדעלע. נאָר די מומע שיינדעלע כיבערט אַזוי אַז מע ווייס נישט, צי זי פרייט זיך דעריבער צי זי טרויערט. איר פּנים ווערט וואָס אַ מאָל בלייכער און די פּלעקן אויף די באַקן וואָס אַ מאָל רויטער און די אויגן וואָס אַ מאָל

געגאַרט — געוואָלט, שטאַרק געוואָלט, געבענקט.

איבערגעגאַנגען אויף „שיעור" — אָנגעהויבן צו לערנען, אַליין פונאַנדערקלײַבנדיק זיך אין דעם טעקסט; שיעור (שיִער) איז אַ לעקציע, אַ לעקציע אין תּלמוד וואָס דער תּלמיד אַרבעט אַליין דורך און נאָך דעם זאָגט ער עס פאַר פאַרן רבין.

גמרא־ניגון (געמאָרע־ניגן) — דער אייגנאַרטיקער, ספּעציעלער ניגון בײַם לערנען די גמרא.

גרינער. זי זיצט אַ גאַנצן טאָג און נייט זיך אַליין תּכריכים. „מע מוז זײַן גרייט", — זאָגט זי — „יעדער מענטש דאַרף זײַן גרייט". זי איז געוואָרן אַ חבֿרה־קדישא־יידענע. און ווי עס שטאַרבט ווער אין שטאָט, היט זי די נשמה אָפּ.

און יאָסעלע ווייס פון אַלע טויטע: ווי זיי זײַנען געשטאָרבן און וואָס פאַר אַ גרימאַסן זיי האָבן געמאַכט בײַם טויט. און נישט דאָס דווקא ווייס ער. נאָר ער ווייס אויך, ווער עס וועט איצט שטאַרבן. ווארעם די מומע זיצט דורך די גאַנצע ווינטערנעכט און רעכנט אויס די וואָס וועלן באַלד שטאַרבן. און יאָסעלע זעט זיי אין גאַס און אים דאַכט זיך ווי ער זעט דעם מלאך־המות וואָס טאַנצט פאַר זיי פאַרויס.

און דער פעטער זיצט גאַנצע טעג און שווײַגט. קיין איין אי־בעריק וואָרט הערט מען נישט פון זײַן מויל, נאָר דאָס וואָס ער דאַרף, ווי ער וואָלט אין אַן אַנדער וועלט געשטעקט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס און קומט נאָר טייל מאָל צוריק דאָ אַהער אין אַן אַנ־דער וועלט אַרײַן, ווען ער דאַרף עסן.

יאָסעלע רעדט זיך דורך מיט די עלטערן דורך בריוו.

און די בענקשאַפט צווישן פאָטער און זון איז געוואָרן זייער גרויס. אַ ים איז געלעגן צווישן זיי, און דער ים האָט זיי איבער־געבראַכט ברייוולעך פון איינעם צום צווייטן. אין די בריוו האָבן זיי זיך די הערצער אויסגעגאָסן. יאָסעלע האָט דעם פאָטער מיט־געטיילט פון יעדן נײַעם שיעור, וואָס זיי, די חדר־יינגלעך, הייבן אָן און פון יעדן שטיקל פּילפּול וואָס דער רבי לערנט מיט זיי. און דער פאָטער ווידער — פון אַלעם וואָס עס פּאַסירט אין אַמעריקע.

ווארעם דער פאָטער האָט זייער געבענקט נאָך אים. פון דער

תּכריכים (טאַכריכים) — קליידער פון ווײַסצײַג אין וועלכע מע באַ־גראָבט די טויטע.

חבֿרה־קדישא־יידענע (כעווורע־קאַדישע) — אַ יידענע וואָס האָט צו טאָן מיט דער אָרגאַניזאַציע וואָס פאַרנעמט זיך מיטן באַגראָבן די טויטע.

מלאך־המות (מאַלאַך־האַמאָוועס) — דער מלאך (זען) פון טויט.

פּילפּול (פּילפּל) — אַ שאַרפזיניקער, פאַרפּלאָנטערטער אַנאַליז פון אַ פּראָגע; אַ פונאַנדערקלײַבן זיך אין אַ שווערער פראַגע דורכן געפינען ענלעכע און אומענלעכע זײַטן צווישן דער פראַגע און אַנדערע פראַגעס.

„קאַמאַנדע” האָט ער גרויס שבֿרות-הלבֿ. זיי הייבן זיך אויף אין דער פרי און כאַפּן דאָס עסן און פאַרגעסן צו דאַווענען. זיי זײַנען גאַנצע טעג אין די סקולן וואו מע לערנט מיט זיי נאָר גויִיש. זיי לויפן אַרום אָן היט אונטער דעם פרײַען הימל אין די גאַסן, וואו זיי צינדן אָן גרויסע פײַערן. זיי האָבן פאַרגעסן אַ ייִדיש וואָרט און רעדן נאָר גויִיש. זיי הערן נישט וואָס דער טאַטע זאָגט און וואָס די מאַמע זאָגט — וואָרעם דאָרט איז אַ מנהג אַז קינדער האַלטן נישט פֿיבוד אָבֿ ואם. און רחלע האָט זיך אויך אין גאַנצן געביטן. זי קליידט זיך אין קאַפּעליושן און גייט אַרום אין טעאַטערס און צירקן.

יאָסעלע האָט זיך זייער געוואונדערט איבער זײַנע ברידער. עסן זיי אומגעדאַוונט! ווי עסט מען אָן דאַווענען? ווי קען דאָס אַ ייִד לעבן אָן דאַווענען? און יאָסעלע האָט זיי בריוו אָראָפּגעשריבן, אין וועלכע ער האָט זיי דערמאָנט די מצווה פון כּיבוד אָבֿ ואם. ער האָט מעשׂה-ביכלעך זיי אַראָפּגעשיקט, אין וועלכע עס ווערט דערציילט ווי גרויס די מצווה איז פון כּיבוד אָבֿ ואם, אַז זיי זאָלן זיך אַ מוסר אַראָפּנעמען. אָבער זיי האָבן זיך צו אים נישט צוגעהערט.

און וואָס גרעסער די קינדער זײַנען געוואָרן אין אַמעריקע, אַלץ פרעמדער האָט מאיר זיך געפילט צו זיי. פאַר זײַנע אויגן זײַנען זיי אויפגעוואַקסן, און אויסגעוואַקסן זײַנען זיי אומפאַרשטענדלעך און פרעמד צו אים. דעם פאָטערס פרומקייט האָט בײַ זיי געלעכטער געוועקט. שבת האָבן זיי שוין נים געוואָלט מיטגיין אין חבֿרה אַרײַן. זיי זײַנען ווי עשׂו אום שבת אויף „געיעג” געלאָפֿן. דאָס געיעג האָט געהייסן בײַ חנה-לאַהן דאָס שפּילן פּילקע, וואָס די יונגען האָבן צו דעם גרויס חשק געהאַט. אַהיים זײַנען זיי גע-

---

שבֿרות-הלבֿ (שיוורעסהאַלעוו, אויך: שיווערלעוו) — האַרצווייטאָג.

כּיבוד אָבֿ ואם (קיבעד אָוו וואַיים) — דאָס אַכטן דעם פאָטער און די מוטער; דאָס געבאָט צו אַכטן די עלטערן.

זיך אַ מוסר (מוסער) אַראָפּנעמען — זיך אַראָפּנעמען אַ בײַשפּיל.

ווי עשׂו אום שבת . . . (אייסעוו)— עשׂו, יצחקס זון און יעקבֿס ברודער, איז געווען אַ יעגער, און עס איז דאָ אַ לעגענדע אַז ער איז אויך שבת געגאַנגען אויף געיעג.

קומען יעדן פֿאַרנאַכט אָפּגעריסן, אָן היט, מיט אַ צעדראָפּעטן פּנים. און רעדן זיי אַ וואָרט האָט מען נישט געטאָרט!

און אַמעריקע איז אַזאַ לאַנד, וואו שלאָגן קינדער טאָר מען נישט, און די גאַנצע אימה פֿאַרן טאַטן איז מיט דער האַנט אָפּגעווישט געוואָרן. און מאיר גייט אַרום בײַ זיך אין שטוב ווי אַ פֿרעמדער. ער זעט ווי זײַנע קינדער וואַקסן אויס גויים, גויים ממש, און זײַנען עובֿר אויף הונדערט עבֿירות יעדן טאָג. און ער קען זיי גאָרנישט ניט זאָגן!

און נאָך מער: זיי הייבן אָן דעם טאַטער צו האַלטן פֿאַר אַ נאַר, אַ „גרינהאָרן" און זײַנען אים מבֿטל מיט זײַן גאַנץ ביסל לערנען, מיט זײַנע ספֿרים. און דאָ קריגט ער יאָסעלעס בריוו, פֿול מיט ליבשאַפֿט ביז איבער די ברעגן, און די פּשטלעך, און דער שיעור!

יאָסעלע איז זײַן איינציק כּשר יידיש קינד! איז מאירס האַרץ אויסגעגאַנגען נאָך אים. ער האָט אים געוואָלט זען, מיט אים רעדן. בײַ אים, יאָסעלען, וועט ער זײַן דער טאַטער מאיר. יאָסעלע וועט אים מכבד זײַן, וועט זיך פֿאַרהערן בײַ אים, וועט מיט אים אין דער חבֿרה גיין. האָט ער געשריבן צום שוואָגער לייבוש בריוו און צו יאָסעלען בריוו, למען השם, אַז יאָסעלע זאָל קענען אַראָפּקומען.

עס איז געווען אַ פֿאַר-פּורים-טאָג. די זון האָט שוין אָנגעהויבן זיך צו באַווײַזן אין שטעטל. דער שניי האָט אָנגעהויבן צו צעגיין און אין דער לופֿט האָט מען שוין געפֿילט ווי עס בלאָזט דער ווינט פֿון פֿרילינג. די קינדער פֿון חדר האָבן שוין אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די נײַע קאַפּאָטקעלעך וואָס זייערע עלטערן מאַכן זיי אויף פּסח און האָבן געוויזן זייערע חבֿרים די פּראָבקעס סחורה

עובֿר (אויווער) זײַן — איבערטרעטן אַ געזעץ, טאָן אַן עבֿרה, אַ זינד.
מבֿטל זײַן (מעוואַטל) — צו נישט מאַכן, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.
פֿראַגעס אָדער טעקסטן פֿון דער גמרא.
פּשטלעך (פּשעטלעך) — קונציקע אויסטײַטשונגען פֿון געוויסע פֿראַגעס אָדער טעקסטן פֿון דער גמרא.
מכבד זײַן (מעכאַבעד) — דאָ: אָפּגעבן כּבֿוד, אַרויסווײַזן אַכטונג.
למען השם (לעמאַנהאַשעם) — אין גאָטס נאָמען, אומבאַדינגט (אַן אויסדרוק בײַם בעטן עפּעס).
פּראָבקעס סחורה — קליינע שטיקלעך שטאָף ווי אַ מוסטער.

און זיי זײַנען געגאַנגען צו די שנײַדערס אַמעסטן.

האָט זיך יאָסעלען שרעקלעך פאַרבענקט נאָך טאַטע־מאַמע. ער האָט נאָר געוואָלט איין טאָג, איין אויפדערנאַכט זײַן דאָרט, שטיין הינטער זייער טיר און אַרײַנקוקן דורך אַ שליסללאָך און זען וואָס דערינען טוט זיך. די מאַמען זען, דעם פאָטער!

ער איז אַהיים געגאַנגען פון חדר פאַר נאַכט. מען האָט שוין אויפגעהערט צו לערנען בײַ נאַכט. זעענדיק ווי זײַנע חבֿרים אײַלן זיך מיט שׂמחה אַהיים, האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן פאָטער און מוטער און האָט זייער ביטער געקרעכצט און האָט די אויגן אויפגעהויבן צום הימל און זײַן האַרץ האָט אַזאַ תּפֿילה געזאָגט: „רבונו־של־עולם! ווי לאַנג נאָך וועל איך גלות אַפֿריכטן? ווי לאַנג נאָך, רבונו־שול־עולם?” און ער האָט זיך זייער, זייער צעוויינט.

אַז ער האָט זיך גאַנץ גוט אויסגעוויינט פאַר גאָט, איז אים אויפן האַרצן לײַכטער געוואָרן, ווי מע וואָלט אים אָנגעזאָגט אַז די ישועה איז נאָענט. און גאָט האָט אים אַרײַנגעגעבן אַ מחשבֿה אין זײַן האַרץ און ער האָט אָנגעהויבן אַ טראַכט צו טאָן וועגן קרעץ אין קאָפּ.

אַ פּאָר גראָשן האָט יאָסעלע שטענדיק בײַ זיך געהאַט. דאָס איז דאָס טאַשנגעלט וואָס דער פאָטער האָט אים געשיקט. ער האָט עס נישט אויסגעגעבן. איז יאָסעלע צו מאָרגנס אין דער פרי צו שמואל רופא פון זייער שטעטל אַוועק און עס קיינעם ניט געזאָגט. ער האָט אים געוויזן דעם קרעץ אַז ער זאָל אים געבן אַ רפואה.

שמואל רופא האָט אים דאָס קעפל אײַנגעשמירט מיט אַזאַ שמירעכץ, און — זע גאָטס וואונדער! — דאָס וואָס דער פּראָפעסאָר פון בערלין וואָס היילט סאַמע קייסאָרים האָט נישט געקענט באַווײַזן, דאָס האָט שמואל רופא באַוויזן. דער קרעץ האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, ווי אונטער דער האַנט. מען האָט געזען גאָטס

גלות אַפֿריכטן (גאָלעס) — אָפּקומען די זינד דורך דעם וואָס מע איז אין דער פרעמד, וואָס מע מוז אַרומוואַנדערן און ניט האָבן קיין היים.

ישועה (יעשועה) — אויסלייזונג, הילף, salvation.

מחשבֿה (מאַכשאָווע) — געדאַנק.

רופא (רויפע) — פעלדשער, barber-surgeon.

רפואה (רעפוּאָע) — היילמיטל, — cure, remedy.

נס באַשײַמפּערלעך. נישט בחינם האָט דערמאָלט די זון געשײַנט אַכט טאָג כּסדר ווי אין מיטן זומער. שמואל רופא האָט געזאָגט אַז דאָס איז אַ גרויס וואונדער, וואָרעם דאָס שמירעכץ היילט נאָר ווען די זון שײַנט. אָבער יאָסעלע האָט געוואוסט אַז דאָס איז אַ נס מן השמים, וואָרעם דער רבונו-של-עולם האָט זײַנע קרעכצן געהערט און וויל אים העלפן.

אַז יאָסעלעס קעפּעלע איז ריין געוואָרן, האָט ער דעם פאָטער געשריבן אַ בריוו און האָט אים מודיע געווען אַז פון דעם קראַץ איז נישט איבערגעבליבן קיין זכר, און די האָרן בײַ דער גרענעץ וועלן גאָרנישט האָבן קעגן אים. דער פאָטער האָט באַלד צוריקגעשריבן אַ בריוו צום שוואָגער און מען האָט אײַנגעזען אַז מן הסתם וויל גאָט אַז פאָטער און זון זאָלן זיך צוזאַמענקומען, וואָרעם עס האָט זיך פונקט געמאַכט אַז יודל שנײַדער האָט אַראָפּגענומען זײַן משפחה קיין אַמעריקע, איז געבליבן אַז יאָסעלע זאָל מיטפאָרן מיט יודלס משפחה. מען האָט זיך געקליבן צו פאָרן באַלד נאָך פּסח.

זייער רירנדיק איז געווען דאָס צעשיידן זיך פון יאָסעלען מיטן מלמד און זײַנע חבֿרים. און דער רבי האָט אים דערבײַ אויסגע-לערנט אַ נײַעם פּילפּול.

ווי עס איז צוגעגאַנגען די נסיעה איבערן ים וועלן מיר נים באַשרײַבן, וואָרעם דאָס איז בײַ יאָסעלען נישט געווען קיין נײַס. ער האָט געקענט דעם ים ווי זײַנע פינף פינגער. אַ קלייניקייט נאָך די נסיעות וואָס יאָסעלע האָט שוין געהאַט געמאַכט!

און אַז עס איז געקומען אַז ער זאָל זיך ווײַזן פאַר די פּריצים פון אַמעריקע, האָט דאָס האַרץ אים נישט געקלאַפּט ווי דאָס ערשטע מאָל. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז מן השמים וויל מען אַז ער זאָל דאָס מאָל זיך באַהעפטן מיטן פאָטער, אַז זײַן גלות האָט זיך געענדיקט. האָט ער מיט ברייטקייט אַראָפּגענומען דאָס היטל און געוויזן דעם גאַנצן קאָפּ.

און שמואל דעם רופאס רפואה האָט טאַקע געהאָלפן, וואָרעם די האָרן האָבן גאָרנישט געהאַט דערקענט אַז עס איז אַ מאָל דאָ גע-ווען אַ קראַץ און איבער דעם קראַץ האָט מען אים נישט געהאַט

מודיע (מוידיע) זײַן — לאָזן וויסן, געבן צו וויסן.

אַרײַנגעלאָזט, װאָרעם פֿון דעם קראַנק איז מיט השם־יתברכס הילף קײן זכר נישט געבליבן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שױן יאָסעלע דערזען דעם פֿאָטער און די מוטער. מאיר האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און האָט אים פֿון שיף אַראָפּגענומען און יאָסעלע האָט געשטעלט דעם ערשטן טריט אױף דעם אַמעריקאַנער באָדן. און װען ער האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע ברידער און מיט רחלען און װען אַלע לאַנדס־לײַט זײַנען געקומען צו גײן — האָט יאָסעלע פּאָר אַלעמען זײַן היטעלע אַראָפּגענומען און יעדן געװיזן זײַן רײן קעפּל, װי דאָס װאָלט קײנער אין דער װעלט נישט פֿאַרמאָגט, נאָר ער בלױז אַלײן.

און די שׂמחה איז דאָרטן געװאָרן אַזױ גרױס, אַזױ גרױס! נאָר דאָס איז אַ מענטשנס פּעדער ניט אין שטאַנד אױסצושרײַבן.

12

דער ערשטער טאָג אין סקול

אָון יוסף האָט זײַנע ברידער נישט דערקענט. אין די צוויי יאָר וואָס ער האָט זיי ניט געזען זײַנען זיי גאָר אַנדערע געוואָרן און ער האָט פֿאַר זיי מורא געקראָגן. זײַנען דאָס זײַנע ברידער בערל און חיים?

ניין! די פּנימער גויאישקע, ווי בײַ שקצים. און זיי גייען אַ גאַנצן טאָג אָן אַ הוט אַרום, אין קורצע קליידער, און רעדן צווישן זיך אויף אַ שפּראַך וואָס ער פֿאַרשטייט נים. פֿאַרן טאַטן האָבן זיי קיין מורא נישט און עסן אומגעדאַוונט, אומגעוואַשן.

און נישט דווקא זיי זײַנען אַנדערש געוואָרן, נאָר אַלע. רחלע גייט שוין אָנגעטאָן ווי אַ גרויסע פּריצטע און איז אַ גאַנצן טאָג אין שטוב נישטאָ. און די מאַמע איז אַנדערש! זי זעט ווי חיים און בערל עסן אומגעוואַשן און זי זאָגט זיי גאָרנישט. זיי צעברעכן האָלץ אום שבת און צינדן אונטער פּאַפּיר.

און דער טאַטע איז פֿאַרשטעלט! אַ קורצן ראָק גייט ער אָנ־געטאָן און קומט אַהיים אויף דער נאַכט און לייענט אַ צײַטונג. און אַלע גייען דאָ פֿאַרשטעלט אַרום. שוין צוויי וואָכן איז ער דאָ, יאָסעלע, און קיינעם איז נאָך נישט אײַנגעפֿאַלן מע זאָל אים אין חדר פֿירן צו אַ רבין. מע זאָגט, מע וועט אים אין „שקאָלע" פֿירן, — דאָרט וואו חיים און בערל גייען. און דאָרט וועט ער אויך אָן אַ הוט זיצן און לערנען ווי זיי!

דערווײַל דרייט ער זיך אין שטוב אַרום מיט דער מאַמען. ער האָט מורא אין גאַס אַרויסצוגיין. וויפֿל די ברידער האָבן אים נישט אין גאַס אַרויסגעצויגן, האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דער פֿרעמדער גאַס. אַזאַ גרויסן רעש הערט מען פֿון

„און יוסף האָט זײַנע ברידער נישט דערקענט" — אַן אָנדײַט אויף דער מעשׂה מיט יוספֿן און זײַנע ברידער. דער אָנדײַט ווערט שענער דורך דעם וואָס יאָסעלע הייסט דאָך — יוסף.

„שקאָלע" — אַ רוסישע שול, אַ פֿרעמדע שול, אַ ניט־ייִדישע שול.

דער גאַס אַרויס. דרייט ער זיך אַרום ווי עפּעס אין אַ פרעמדער שטוב און ער קען זיך אַלץ ניט צוגעוואוינען צו דער שטוב.

אַלץ איז פרעמד דאָ: די שטוב, די ברידער און אַפילו די מאַמע אויך. עפּעס אַנדערש גייט זי אָנגעטאָן ווי אין דער היים און רעדט אַנדערש ווי אין דער היים. ווייס ער נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. נעמט ער טייל מאָל די גמרא וואָס שטייט אין שענקל און זעצט זיך אַוועק איבערחזרן דעם שיעור וואָס ער האָט געלערנט אין דער היים. די מאַמע שטייט אין אַ ווינקל און וויינט פאַר פרייד. קומען די ברידער אַריין, לאַכן זיי אים אויס און רייַסן אים פון דער גמרא אַוועק.

דורך די אָפענע טיר און פענצטער רייַסט זיך דער רעש פון דער גאַס אַריין. מע קלימפּערט אין דרויסן, מע שרייַט און אַ שפּילקאַסטן שפּילט און צעטומלט אים דאָס לערנען. שלעפּן אים די ברידער אויף דער גאַס אַרויס. אין דער גאַס איז ליכטיק און אַזוי פיל קינדער זייַנען דאָ, און אַ קאַסטן שפּילט, און די קינדער שטייען אַרום דעם קאַסטן און טאַנצן. דאָרטן זאַמלען קינדער פּאַפּירן פון די גאַסן, לייגן עס צונויף און צינדן אַ פייַער אונטער.

יונגען שפּילן אין פּאַלענט, און אַלע פרייען זיך און לאַכן און שרייַען. און די קינדער שלעפּן אים צו דער שפּיל, און ער שטייט פון דער ווייַטנס, האָט מורא צוצוגיין. די ברידער שלעפּן אים און ער רייַסט זיך פון זייערע הענט אַרויס. ער האָט מורא פאַר די פרעמדע קינדער, האָט מורא פאַר דעם רעש און לויפט צוריק אין שטוב אַרייַן און באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל. די מאַמע נעמט אים אַליין בייַ דער האַנט און פירט אים אויף דער גאַס אַרויס. זי פירט אים צו די שפּילנדיקע קינדער צו, שטופּט אים צו: „גיי, יאָסעלע, גיי, שפּיל זיך!"

יאָסעלע האָט מורא, רוקט זיך אין אַ זייַט אָפּ, קומט צוריק אין שטוב אַרייַן. ער זעצט זיך אין אַ זייַט אַוועק, נעמט זיך צוריק צו זייַן גמרא, אָדער זוכט זיך אַ ספר אויס און קוקט אַרייַן, ווי אַן אַלטער דערוואַקסענער מענטש.

טייל מאָל נעמט אים אַ בענקעניש אָן צוריק אַהיים, כאָטש ער ווייס אַז אין דער היים איז שוין נישטאָ קיין היים, אַז דאָ איז זייַן פאָטער און מוטער. אָבער ניט דאָ איז די היים, נאָך וועלכער ער

רעש (ראַאַש) — טומל, גערויש.

האָט געבענקט דאָרט בײַ דער מומע, יענע היים פון אַמאָל. נײַן, ערגעץ וואו איז דאָ יענע היים, וואו דער טאַטע האָט בײַ נאַכט גע־לערנט און ער איז אויפן טיש אײַנגעשלאָפן בײַם טאַטנס גמרא־ניגון. ערגעץ וואו איז דאָ יענע היים פון דער מאַמען, וואו זי איז געשטאַנען און האָט די ליכט אָנגעצונדן.

נאָר טייל מאָל אויף דער נאַכט, ווען דער טאַטע איז דאָ און ער נעמט די גמרא און גייט צו צום טאַטן און מישט אויף דעם לעצטן שיעור, און דער טאַטע זעצט זיך אַנידער מיט אים און לערנט מיט אים דורך דעם שיעור הויך אויפן קול מיטן גמרא־ניגון, — דאַכט זיך אים אַז ער איז ווידער אין דער אַלטער היים, אַז ער האָט עפּעס צוריק געפונען. און ביידע, פאָטער און זון, פילן זיך צוריק נאָענט, און האָבן זיך ביידע פאַרבענקט נאָך דער אַלטער, אַלטער היים, פון וועלכער זיי זײַנען ביידע אָפּגעריסן געוואָרן.

אַזוי האָבן פאָטער און זון אַלע אויפדערנאַכט זיך צוריקגעפונען בײַם גמרא־לערנען אין דעם גרויסן פרעמדן ניו־יאָרק.

עס איז געקומען די צײַט, מען האָט געמוזט יאָסעלען אין „שקאָ־לע״ אָפּגעבן. מען איז שוין געווען עטלעכע מאָל פון דער „שקאָלע״ און געפרעגט אויף אים.

די מוטער האָט אים בײַ דער האַנט אָנגענומען. בערל איז מיטגעגאַנגען און מען האָט יאָסעלען צו דער „שקאָלע״ געפירט.

אַרײַנגעקומען אין אַ גרויס הויז. יאָסעלע האָט מורא געקראָגן, נאָר געזען ווי בערל פירט זיך היימיש דאָרט, גריסט זיך מיט אַלע, איז ער אַ ביסל רואיקער געוואָרן. בערל האָט זיי אַרײַנגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע אַרײַן וואו מען האָט יאָסעלען פאַרשריבן. לאַנג האָט די מוטער געמוזט טענהן מיט אים, ביז זי האָט גע־פועלט אַז דער יינגל זאָל דאָס היטל אויסטאָן — ער האָט מיט ביידע הענט באַדעקט דעם קאָפּ. ער האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט בער־לען, ווי ער שטייט און טענהט זיך אוים מיט אַ הויכן גוי אויף גויִיש און ער האָט גאָר קיין מורא נישט. דערנאָך האָט בערל יאָסעלען בײַ דער האַנט אָנגענומען און אַרײַנגעפירט אים אין אַ גרויסן זאַל אַרײַן. יאָסעלע האָט נישט געוואָלט אַרײַנגיין. ער

קאַנצעלאַריע — office, government office.

האָט מורא געהאַט און מיטגעצויגן די מאַמען — „קום מיט!"

— גיי, קינד, גיי, האָב נישט קיין מורא. זעסט דאָך, בערל איז דאָך אויך דאָרט.

נאָר ווי יאָסעלע איז אין גרויסן זאַל אַרײַנגעקומען אַזוי איז ער דערשטוינט געבליבן. אַזאַ שטוב האָט ער נאָך נישט געזען, גרעסער ווי אַ שול להבֿדיל. און אַלע קינדער זיצן אַרום אויף שטולן. ער האָט נישט באַמערקט ווי מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. ער האָט געקוקט אויף דעם באַלעמער. דאָרט זײַנען געשטאַנען שׂרים און שׂררהטעס און מען האָט געשפּילט אויף אַ כּלי-זמר, וואָס האָט געמוזט זײַן אַן אָרגל און וואָס אַ ייִד טאָר נישט הערן, וואָרעם אין בית-המקדש האָט געמוזט זײַן אַזאַ כּלי-זמר.

דער אָרגל האָט געשפּילט און די קינדער האָבן אַלע מיטגעזונגען אַ ליד וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. נאָר עס איז אַזוי שיין געווען אַז מען האָט עס אוודאי נישט געטאָרט הערן. נאָר אײַבערהויפּט דער אָרגל. דער קול איז געווען עפּעס אַזוי מאָראַליש און עס האָט אַזוי געדונערט איבער דעם הויכן גרויסן זאַל, אַז יאָסעלע איז געבליבן זיצן און איז דערשראָקן געוואָרן פאַרן קול. און טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אויגן. וואָרעם דער קול איז געווען זייער זיס און שטאַרק און עס האָט געצויגן דאָס האַרץ. אין בית-המקדש האָט מען געמוזט אַזוי שפּילן! און דאָ זיצט ער אָן אַ פאַרדעקטן קאָפּ און הערט זיך אײַן צום אָרגל.

נאָר באַלד האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט. די קינדער האָבן אָנגעהויבן מיט רעש זיך צעגיין. און ער איז פאַרוואונדערט געוואָרן ווי בערל גייט צו צו איינער פון די שׂררהטעס און רעדט מיט

להבֿדיל (לעהאַוודל) — צו מאַכן אַן אונטערשייד; דער אויסדרוק ווערט גענוצט ווען מע פאַרגלײַכט צוויי זאַכן וואָס זײַנען צווישן זיך נישט גלײַך, ווײַל מען באַציט זיך צו זיי אַנדערש. דאָ למשל: דער פאַרגלײַך צווישן דעם זאַל וואו יאָסעלע געפינט זיך און אַ שול וואו מע דאַוונט.

באַלעמער — דאָ: בינע, stage.

שׂרים (סאָרים) — מערצאָל פון שׂר (סאַר) — האַר, פּריץ.

שׂררהטע (סראָרעטע) — האַרינטע, פּריצטע; שׂררה (סראָרע) איז אויך אַ האַר, אַ פּריץ. די לערערס און די לערערינס זעען אויס אין יאָסעלעס אויגן אַזוי ווי שׂרים און שׂררהטעס.

כּלי-זמר (קלייזעמער) — מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

אָרגל — organ.

איר אַזוי גלײַך און פֿרייט זיך מיט איר און האָט גאָרנישט קיין מורא פֿאַר איר.

און באַלד קומט די זעלביקע שׂררהטע צו צו אים. בערל ווײַזט עפּעס מיט דער האַנט אויף אים און רעדט מיט איר. די שׂררהטע גייט צו צו אים און נעמט אים אָן מיט דער האַנט בײַ זײַן הענטל און קוקט אים אָן מיט אַ ליבלעכן שמייכל און רעדט עפּעס צו אים. יאָסעלע ווערט פֿאַרשעמט פֿאַר איר, לאָזט אַראָפּ דאָס קעפּל, באַהאַלט די אויגן. זי הייבט אים אויף דעם פּנים און ווידער שמייכלט זי אַזוי ליבלעך צו אים און גלעט אים מיטן האַנט איבערן קעפּל. יאָסעלע ווערט זייער פֿאַרשעמט און דער פּנים ווערט אים רויט: אַ פֿרעמדע שׂררהטע דאָך, נישט די מאַמע . . .

באַלד נעמט זי אים אָן בײַ דער האַנט און פֿירט אים אַרויס פֿון זאַל. ער קוקט זיך אום נאָך בערלען. בערל איז שוין לאַנג נישטאָ. און דאָ נעמט אים אָן די שׂררהטע בײַ דער האַנט און שפּרינגט מיט אים און האָפּסט מיט אים איבערן זאַל אַרויף אויף די טרעפּ. און זי רעדט אַלץ צו אים, און שמייכלט אַלץ צו אים, און דערציילט אים און ווײַזט אים מיט די הענט. יאָסעלע ווייס נישט וואָס זי וויל, ווייס איבערהויפּט נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים מער. עפּעס איז עס ווי אַ חלום. און וואָס טוט ער דאָ? און ווער איז די שׂררהטע?

באַלד ברענגט זי אים ווידער אין אַ זאַל אַרײַן. קינדער זײַנען דאָרטן. און ווי זיי האָבן זי דערזען, זײַנען זיי זי באַפֿאַלן מיט לאַכן און מיט פֿרייד. זי ווײַזט די קינדער אויף יאָסעלען און אַלע קוקן יאָסעלען אַזוי נײַגעריק אָן. און זי נעמט אים בײַ דער האַנט און זעצט אים הינטער אַ שטענדער אַוועק, און נעמט פּאַפּיר און לייגט פֿאַר אים. און אַ בלײַשטיפֿט גיט זי אים אין האַנט אַרײַן און ווײַזט אים אויף אַ מענטשעלע וואָס שטייט אויסגעמאָלט אויף אַ טאַבעלע און הייסט אים, אַז ער זאָל נאָכמאָלן דאָס מענטשעלע, און זי גייט איבער צו די אַנדערע קינדער.

יאָסעלע זיצט מיטן בלײַשטיפֿט אין דער האַנט און הייבט אָן

שטענדער — געשטעל פֿאַר אַ ספֿר (סייפֿער), פֿאַר אַ בוך; ווען מע לערנט אין בית־המדרש האַלט מען דעם ספֿר אויפֿן שטענדער.

טאַבעלע — tablet.

בּיסלעכווײַז זיך אַרומצוקוקן. וואו געפינט ער זיך דאָ? די זון שײַנט אַרײַן דורך די גרויסע אָפענע פענצטער, די זעלביקע זון וואָס האָט אַרײַנגעשײַנט בײַ דעם רבין יצחק יודלס דאָרט אין לענשנע. נאָר דאָרט איז געווען אַ שטיקל זון און דאָ איז אַ גאַנצע זון. און דאָ איז אַלץ גרעסער. דאָרט זײַנען געווען בלויז ייִנגלעך חבֿרים. משהלע דעם רבֿס איז געזעסן לעבן אים און אַקעגן האָט ער געהאַט שלמה-יעקבֿן דעם חזנס און די גמרות זײַנען אָפן געלעגן, און אַלע האָבן געזאָגט הויך אויפֿן קול, און דער רבי האָט זיך אַרומגעדרייט מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט און האָט אַכטונג געגעבן אַז מע זאָל נים אַרויסקוקן פֿון דער גמרא אַרויס. און קוים האָט נאָר אַ יונג באַלמוטשעט אויף אַן אויגנבליק, האָט דער קאַנטשיק געגעבן אַ פֿאַל איבער דער נאָז. מען האָט געפֿילט דעם עול, דעם תּכלית פֿון לערנען. און דאָ גיט מען אים פּאַפּיר מיט אַ בלײַפֿעדער און מען הייסט אים באַלמוטשען און מענטשעלעך מאַכן! און מיידלעך זיצן דאָ אויך און מע לאַכט אַרום, און מע שפּילט זיך מיט די שׂררהטעס, און אַלע באַלמוטשען.

און ווי ער קוקט אַזוי אויף דער זון וואָס שײַנט אַרײַן דורכן פֿענצטער, האָט אים אַ גרויס בענקעניש אָנגענומען נאָך יצחק יודלס חדר. אוי, וואָלט ער געוואָלט זען איצט משהלען און שלמה-יעקבֿן און אין איינעם הויך אויפֿן קול אָפּזאָגן דעם שיעור! און ווי ווײַט מוזן זיי שוין איצט זײַן! אַוודאי הייבן זיי שוין אָן אַ נײַע מסכתּא און דער שיעור איז שוין לאַנג געענדיקט. און דאָ זיצט ער גאָר און מע גיט אים מענטשעלעך צו מאַכן. און וואָס טוט ער דאָ? ווי קומט ער דאָ אַהער? וואו געפינט ער זיך? וואָס איז?

ער האָט געוואָלט וויינען, נאָר ער האָט זיך געשעמט פֿאַר די אַלע קינדער אַרום. איז ער געבליבן זיצן ווי אין אַ פֿרעמדער וועלט, ווי דאָס וואָלט אַלץ אין חלום פֿאָרגעקומען.

באַלד רופֿט זיך עפּעס אָן צו אים ווער. ער קוקט זיך אום און

באַלמוטשען — פּטרן (פּאַטערן) די צײַט אויף גאָרנישט; מאַכן אַן אָנשטעל אַז מע טוט עפּעס און אין דער אמתן גאָרנישט טאָן.

עול (אָל) — יאָך, לאַסט, yoke.

מסכתּא (מעסיכטע) — אַ בוך, אַ טייל, אַ טראַקטאַט פֿון תּלמוד; דער תּלמוד איז אײַנגעטיילט אין מסכתּות.

דערזעט, אַז דער יִנגל וואָס איז געזעסן לעבן אים מיט צעשויבערטע האָר און שרעקלעכע, ווילדע, גויִישע אויגן, רעדט עפּעס צו אים אויף אַזאַ לשון וואָס ניִשט ער ניִשט די קינדער אַרום האָבן פאַר־שטאַנען.

דאָס איז געווען אַן איטאַליעניִשער יִנגל פון סיציליע, קאַ־טעקאָמבאַס, וועלכער איז פון אַ סיציליִשן דאָרף אַנגעקומען אין דעם גרויסן אַמעריקאַנער טאַפּ, אין דער אַמעריקאַנער סקול. ער זיצט שוין דאָ פיר טעג און פאַרשטייט ניִשט קיין וואָרט וואָס די קינ־דער רעדן, און קיינער פאַרשטייט אים ניִשט.

דער איטאַליעניִשער יִנגל האָט געפרעגט יאָסעלען, צי ער קומט אויף אַרוים פון דעם דאָרף צירענע פון וואַנעט ער קומט אַליין. יאָסעלע האָט נאָר מיט שרעק אים אַנגעקוקט און זיך אָפּגערוקט פון אים. זעט זיך אויס אַז די פרעמדע סבֿיבֿה און די אומפאַר־שטענדלעכקייט אַרום זיך האָט דעם איטאַליעניִשן יִנגל אַזוי אויפ־גערעגט, אַז ער האָט זיך געוואָרפן אויף יאָסעלען מיט די פויסטן שלאָגן.

די לערערין האָט עס באַלד באַמערקט, צוגעקומען און באַרו־איקט דאָס הייסע איטאַליעניִשע בלוט פון דעם סיציליאַנער יִנגל. יאָסעלען האָט זי איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער בענקל, געקוקט אויף אים אַזוי ליבלעך און באַרואיקט אים מיט דער האַנט אויפן קעפּעלע און געזאָגט צו אים די יִדישע ווערטער: „האָב ניִשט קיין מורא“.

יאָסעלע וואָס האָט דערהערט די יִדישע ווערטער פון דער שׂררהטע האָט זי אַנגעקוקט פאַרוואונדערט. פון וואַנעט קען זי יִדיש? נאָר פון דעמאָלט אָן האָט דער בליק פון אירע מילדע אויגן אים באַרואיקט און ער האָט געהאַט צו איר צוטרוי.

די לערערין איז אַליין אַרויסגעקומען פון רוסישע יִדן. אַ קליין קינד האָט זי פאַרלאָזט רוסלאַנד, וואָס זי האָט מער ניִשט געדענקט, האָט אָבער תּמיד געבענקט נאָך רוסלאַנד. איר האַרץ איז געווען צוגעבונדן צו יִדישע אימיגראַנטן־קינדער וואָס קומען פון דאָרטן. אין זייער צעשראָקנקייט האָט זי דערפילט דעם גאַנצן גלות פון יִדן אין רוסלאַנד. אַ גרויס רחמנות האָט זי אַרומגענומען צו די יִדישע קינדער. זי האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט ווי אַזאַ אימיג־ראַנטן־קינד, ווען זי איז קיין אַמעריקע אַראָפּגעקומען. דאָס האָט

זי זייער נאָענט צוגעבונדן צו יאָסעלען. אין זײַנע דערשראָקענע אויגן און אין זײַן ציטערן האָט זי דערזען די גאַנצע עלנט און פאַר־לאָזנקייט פון ייִדישן קינד אין רוסלאַנד. יעדער קינד וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד האָט איר אַ גרוס געבראַכט פון גלות. איבער דעם האָט זי זיך מיט באַזונדערער ליבשאַפט געווענדט צו יאָסעלען.

יאָסעלע האָט דערפילט די ליבשאַפט אין אירע אויגן. און כאָטש ער איז אַזוי פרעמד געווען דאָ, דאָך האָט איר בליק און די פּאָר ייִדישע ווערטער אים דערנענטערט און היימישער געמאַכט. דאָך איז יאָסעלע די גאַנצע צײַט פון דער לעקציע געזעסן ווי אין אַ צוויי־טער וועלט. און אַז בערל איז דערנאָך געקומען און האָט אים מיטגעשלעפּט אויף דער גאַס אַרויס, אין פּאַרק אַרײַן, ווײַזן ווי די יונגען ברעכן זיך, — האָט ער נישט געוואָלט גיין אַהין און גע־וויינט אַז ער זאָל אים אַהיים פירן.

אַהיים אים געבראַכט, האָט זיך יאָסעלע אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. בחינם האָט אים די מוטער געבעטן: ער האָט גאָרנישט ניט גערעדט. נאָר ער איז געזעסן און געשוויגן, געשוויגן און עפּעס באַהאַלטן אין זיך.

די זון האָט אַרײַנגעשײַנט. פון דער גאַס האָט זיך אַרײַנ־געריסן דאָס געשריי און די פרייד פון די קינדער. ווידער האָט זיך דערהערט דאָס שפּילן פון קאָסטן. די מוטער האָט אים בײַ דער האַנט אָנגענומען און געוואָלט אים אַרויספירן צו די קינדער, האָט אים אַרויסגעשטופּט פון שטוב, צוגעפירט צו די קינדער וואָס שפּילן זיך. יאָסעלע האָט זיך אָבער צוריקגעקערט אין שטוב אַרײַן, זיך צוריק אַוועקגעזעצט אין זײַן ווינקל און געשוויגן, גע־שוויגן. קיין וואָרט האָט ער נישט געוואָלט דערציילן פון דער „שקאָלע“.

נאָר אַז דער פּאָטער איז אויף דער נאַכט אַהיים געקומען, האָט יאָסעלע נאָכן עסן אַרויסגענומען די גמרא פון שענקל, צוגעגאַנגען צום פּאָטער, זי אויפגעמישט און האָט אָנגעהויבן מיטן פּאָטער צו לערנען הויך אויפן קול. און אַז זיי זײַנען אין מיטן בעסטן ניגון געווען, האָט זיך יאָסעלע פלוצלונג אַזוי ביטער צעוויינט, און נאָך אים האָט זיך חנה־לאה צעוויינט. און מאיר האָט זיך אויפ־געהויבן און אָנגעהויבן שפּרײַזן איבערן שטוב אַהין און צוריק

מיט גרויסע טריט, און געביסן זיך די באָרד אין מויל. און קיינער האָט נישט געפרעגט וואָס איז געשען, פאַר וואָס און פאַר ווען. זיי אַלע דריַי האָבן עס גאַנץ גוט געוואוסט.

פאָטער, מוטער און קינד האָבן געבענקט נאָך דער אַלטער היים.

13

אַ זומערטאָג אין ניו־יאָרק

עס איז געווען אַ שיינער טאָג אויפֿן שיף. די זון האָט ברייט היים וואָלט עס שוין געהייסן אַ הייסער תּמוז־טאָג, אין ניו־יאָרק איז עס געווען איינער פֿון די מײַטעג. אַ פֿײַכטער ווינט האָט געבלאָזן פֿון אָפֿענעם ים און געליגט זיך ווי אַ נעבל איבער דער ניו־יאָרקער לופֿט.

די פֿענצטער פֿון די „טענעמענט"־הײַזער האָבן זיך אָנגעהויבן צו עפֿענען. אַלץ וואָס עס האָט זיך געשטיקט אין זיי אַ גאַנצן ווינטער האָט אָנגעהויבן זיך אַרויסצורײַסן אין גאַס אַרײַן. די פֿײַערטרעפּ און די פֿענצטער זײַנען פֿול באַליגט געוואָרן מיט זאַכן: בעטגעוואַנט און ווינטערקליידער. מאַטראַצן און קישנס האָבן זיך געוויזן פֿון יעדן פֿענצטערלאָך.

די טרעפּלעך פֿאַר די טירן האָבן די אײַנוואוינערס אָנגעהויבן צו באַנוצן ווי אַ פֿאַרזעצונג פֿון דער שטוב. און די שטוב האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון פֿאַרמאַכטן הויז אין דער גאַס אַרויס. מען האָט זיך אַרויסגעצויגן אויף די טרעפּלעך אין גאַס מיט קינד און קייט, מיט נאַסע ווינדעלעך און ברודיקע האַנטעכער.

ווײַבער אין אויסגעטאָנענע קאַפּטנס זײַנען געזעסן אויף די טרעפּלעך אין גאַס און האָבן די קינדער געשטילט און האָבן זיך ניט געשעמט פֿאַר די פֿאַרבײַגייענדיקע, ווי עס וואָלט ניט געווען מיט וואָס זיך צו שעמען. בײַ קיינעם איז נישט בעסער. יעדן ניו־יאָרקער אײַנוואוינער טרײַבט דער זומער פֿון שטוב אין גאַס אַרויס.

פֿון די אויסגעלייגטע זאַכן איז די לופֿט פֿול געוואָרן מיט פֿעדערן און מיט עפּעס שטיקנדיקס. און איבער די קעפּ, איבער די גאַסן איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער אײַזערנער וועג פֿון דער שטאָטבאַן, און פֿון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דער רעש פֿון

תּמוז־טאָג (טאַמעז) — אַ טאָג פֿון חודש תּמוז, אין מיטן זומער. תּמוז איז דער צענטער חודש פֿון דעם ייִדישן קאַלענדאַר.

פֿײַערטרעפּ — fire escape.

אַ דורכלויפנדיקער באַן וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ריח און אַ שטויב.

איבער דער גאַס האָט פּלוצלונג זיך דערהערט אַ קינדישע מוזיק שפּילן. פּײַקלעך האָבן געפּויקט און פלייטלעך האָבן גע־קווייטשעט אַן אַמעריקאַנער ליד. באַלד האָט זיך געוויזן אַ מחנה קינדער. פאַרשטעלטע און אויסגעצירטע אין פאַרשיידענע קאָלירטע פּאַפּיר־קאָסטיומען, זײַנען זיי געגאַנגען אונטער די טענער פון דער קינדער־מוזיק. דאָס איז געווען אַ מײַ־אַרויספאָר. די פּאַבליק־סקול וואו יאָסעלע האָט געלערנט האָט געפירט אירע קינדער אין צענט־ראַלפּאַרק זיך צו פאַרווײַלן.

פריִער איז געגאַנגען די לערערין, מיס איזאַבעל, די זעלביקע וואָס האָט יאָסעלען אַזוי פײַן צוגענומען בײַ זײַן ערשטן אַרײַנטריט אין דער שול. זי האָט בײַ דער האַנט געהאַלטן יאָסעלען וואָס איז גאַרנישט געווען צו דערקענען. יאָסעלע האָט געזאָלט זײַן דער פאַקל־טרעגער פאַר דער „קיניגלעכער פּאָר" וואָס זײַנען געגאַנגען נאָך אים אונטער אַ בלויער, מיט שטערן באַזעצטער חופּה. יאָסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ ווײַס העמדל מיט אַ בלויען לאַמפּאַס און אַ פּאַפּירענעם הוט מיט אַ טראַלד. ער האָט געהאַלטן אַ שטורקאַץ אין דער האַנט. אָבער יאָסעלע האָט זיך געשלעפּט פאַרוויס אין די פאַרשטעלטע בגדים מיט זייער אַ שווערן ייִדישן געמיט. דער קאָפּ איז אים נישט געלעגן צו די נאַרישקייטן און ער האָט נישט גע־וואוסט צו וואָס מע שלעפּט אים אין דעם הולך.

די קינדער וואָס האָבן געשטאַמט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, פון אַלע טיילן פון דער וועלט, זײַנען איצט געווען גרופּירט אין איין קינדער־לעגענדע. נאָך דער „קיניגלעכער פּאָר" איז נאָכ־געגאַנגען זייער פעלדיעגער. דאָס איז טאַקע געווען דער איטאַ־ליענישער ייִנגל קאַטעקאָמבאָס, וואָס האָט שוין איצט פאַרשטאַנען ענגליש. אין אַ רויטן הוט, ווי אַ גלית, האָט ער נאָכגעפירט זײַן

לאַמפּאַס — אַ פּאַס, אַ שטרײַף, strife.
טראַלד — tassel.
שטורקאַץ — torch.
הולך (הוילעך) — אַנטוויקלונג, דער אופן פון אַנטאָן זיך.
פעלדיעגער — courier, state-messenger.
גלית (גאָליאַס) — דער ריז פון די פּלישתּים וואָס דוד האָט אים באַ־זיגט.

געליבטן הונט וואָס איז געווען באַפּוצט פֿון קאָפּ ביז צום וויידל אין פֿאַרשיידענע קאָלירטע פּאַפּירן. און נאָך אים.די קינדער ווי פּאַזשן, גענעראַלן, וואַלד־גזלנים און שקלאַפֿן.

די קינדער זײַנען געווען אויפֿגערוימט. די מוזיק האָט גע־שפּילט פֿאָרויס פֿאַר זיי און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין טאַקט. די יונגען זײַנען געגאַנגען שטרענג, געקלאַפּט מיט די פֿיס זעלנעריש. די מיידלעך האָבן בלומען פֿאַרשפּרייט איבער די טראָטואַרן און געמאַכט פּאַראַד פֿאַר דער „קיניגלעכער פּאָר".

אַ סך מוטערס זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער, האָבן אין די קינדער־וועגלעך נאָכגעפֿירט די יינגערע ברידערלעך און שוועס־טערלעך וואָס האָבן אויך געוואָלט זײַן בײַ דעם מײַפּאַראַד, אָדער האָבן אין די קערבעלעך זיי נאָכגעטראָגן עסן. צווישן אַלעמען האָט געהערשט אַ פֿרײַנדלעכע שטימונג.

אַלע זײַנען געווען גליקלעך איבער דער ליבער זון וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן צווישן די אײַזערנע וועגן וועלכע זײַנען געלעגן איבער זייערע קעפּ און האָט באַגאָסן די קינדער מיט פֿריילעכע זומערשטראַלן. נאָר יאָסעלע, איין יאָסעלע — נישט ער האָט גע־הערט דאָס שפּילן פֿון פֿלייטן, נישט ער האָט פֿאַרנומען דאָס לאַכן פֿון קינדער וואָס האָט ווי פֿריש וואַסער אַרום און אַרום אָפּגעקלונ־גען. דאָס פֿריילעכע זומערליכט האָט אים נישט אויפֿגעמונטערט. ווי אַן אַלטער ייִד, זאָט פֿון צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער וועלט, גייט ער דאָ צווישן די קינדער אַ פֿאַרשטעלטער, מיט אַן אָפּגעקרײַדט פּנים, אין אַ פּאַפּירענעם הוט, און מאַכט זיך משוגע אין מיטן שיינעם טאָג. און וואָס וועט דער תּכלית זײַן?

דער תּכלית האָט צום מערסטן געפּיקט אין קעפּל פֿון דעם קליינעם ייִד. דאָרט אין דער היים לערנען די חבֿרים בײַ יצחק יודלס און ווײַט־ווײַט האַלטן זיי שוין אַוודאי אין דער מסכתא. און וואָס וועט דער סוף זײַן? . . .

און דער טאַטע איז אַ גאַנצן טאָג אין שטוב נישטאָ. אויף דער נאַכט, ווען ער קומט אַהיים, איז ער מיד. שלאָפֿט ער. און די ברידער זײַנען גויים, גויים ממש. און אַרום און אַרום איז גלות. און וויפֿל מאָל קומט אויס אים אַליין בײַצושטיין דעם יצר־

אויפֿגערוימט — good-humored, cheerful.
זעלנעריש — אַזוי ווי זעלנערס, ווי סאָלדאַטן.

הרע: מען אײַלט זיך מיטן דאַווענען, מע פֿאַרפֿעלט שטיקער. און הײַנט דעם גאַנצן טאָג אַן אַ הוט זיצן און קיין צורת אות נישט זען! ער פֿאַרגעסט, פֿאַרגעסט אַלץ . . .

בחינם האָט אים די מיס איזאַבעל וואָס האָט אים איצט גע־האַלטן פֿעסט בײַ דער האַנט אַ פּאָר מאָל אויפֿגעוועקט: „יאַסעלע!”, געקוקט אים ליבלעך אין די אויגן אַרײַן און געפּרוּווט אים אויפֿ־מונטערן. זי איז מיט אים אַליין פֿאַרויס געגאַנגען און אַנגענומען די מינע פֿון די קינדער און געטרעטן מיט די פֿיס אַזוי ערנסט ווי זיי. די ווייכע האָר האָבן זיך איר צעלאָזט און אין דעם קורצן קלײדל, פֿון וועלכע מען האָט אירע קלײנע קינדערשע פֿיסלעך אַרויסגעזען, מיט דעם קינדערשן שמייכל אויף די ליפּן, איז זי אַליין געגליכן געווען צו איינעם פֿון די קינדער און מיטגעפֿרייט זיך מיט די קינ־דערס פֿרייד.

אָ, בחינם האָט זי געפּרוּווט יאַסעלען אויפֿמונטערן — האָט אים ליבלעך אין די אויגן געקוקט און גערופֿן אים „דאַרלינג” און ליבלעך געפֿרעגט:

—What is the matter, my dear boy?

און זי האָט אים בײַם הענטל געצויגן און פֿאָרויס געגאַנגען, געלאָפֿן מיט אים, אויפֿהייבנדיק הויך זײַן האַנט מיטן פֿאַקל. בחינם איז דאָס אַלץ געווען: יאַסעלע האָט דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן און פֿאַרשעמט זיך פֿאַר איר.

די מענטשן אין גאַס האָבן מיט ליבשאַפֿט נאָכגעקוקט די קינ־דער. מיט יענער באַגײַסטערטער באַציִאונג צו קינדער, ווי נאָר די אַמעריקאַנער פֿאַרשטייען זי אַרויסצואווײַזן, — האָט מען די שפּאַ־צירנדיקע קינדער אויפֿגענומען מיט פֿרייד. די מענטשן האָבן זיי נאָכגעפּאַטשט בראַוואָ מיט די הענט, די פּאָליציי־לײַט האָבן אָפּ־געשטעלט אַלע טראַמווײַען און וועגענער און דורכגעלאָזט די קינ־דער. פֿון די הײַזער האָבן מוטערס זייערע קינדער אַרויסגעפֿירט און צוזאַמענגעהעפֿט מיטן מײַפּאַראַד. און וואָס לענגער זיי זײַנען

צורת אות (צוראַס־אָס) — די געשטאַלט פֿון אַן אות (בוכשטאַב); קיין צורת אות ניט זען — אַפֿילו ניט אַרײַנקוקן אין אַ בוך מיט יִידישע אותיות (אויסיעס).

יצר־הרע (יעיצער־האָרע) — דער שלעכטער ווילן, דאָס וואָס ציט דעם מענטשן צו טאָן שלעכטס, צו טאָן אַן עבֿירה, אַ זינד.

טראַמווײַ — trolley car.

געגאַנגען, איז די גרופּע געוואָרן גרעסער, זײַנען וואָס מער מוטערס צו זיי צוגעקומען און די קינדער אין גאָרטן באַגלייט.

אין דעם שיינעם פּאַרק פון ניו־יאָרק, אין צענטראַלפּאַרק, וואָס שטייט אין מיטן דער שטאָט, האָט די שטאָט דעם שענסטן, מיט גראָז באַזייטן פּלאַץ פאַר די קינדער אָפּגעגעבן צו שפּילן זיך. דאָס גרויסע גרינע פעלד וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ בערגל אַרויף און נאָך דעם זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ גרינעם אויסגעבעטענעם טאָל איז געווען אויסגעזייט מיט קינדער, וואָס האָבן אין זייערע בונטע פאַרשיידן־פאַרביקע פּאַפּירענע קליידער אויסגעזען ווי אַ פעלד וואָס איז באַשאָטן אין גאַנצן מיט פאַרשיידן־פאַרביקע טולפּאַנען וועלכע לויפן אַרום איבער אַלע ווינקעלעך פון פעלד.

די קינדער פון פאַרשיידענע סקולן האָבן זיך באַלד צוזאַמענגעמישט. די לערערינס האָבן אײַנגעאָרדנט פאַר זיי פאַרשיידענע שפּילן און זײַנען אַליין אַרומגעלאָפן מיט די קינדער. די מיס איזאַבעל האָט זיך געיאָגט מיט עטלעכע מיידלעך, דערבײַ זײַנען איר די ווייכע האָר צעפאַלן, און זי האָט מיט די קינדער אָנגעהויבן אַרומצוקײַקלען זיך איבער דעם גרינעם, ערשט אָפּגעשניטענעם גראָז. פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן האָט מען די קינדער עסנוואַרג צוגעשיקט. דאָ און דאָרט האָבן קינדער זיך אויסגעזעצט עסן און אַ קינדער־מוזיק האָט געשפּילט פאַר זיי.

די מיס איזאַבעל האָט זיך געהאַלטן אין איין יאָגן מיט אירע צוויי חבֿרטאָרינס און איינע האָט די אַנדערע באַשאָטן מיט אָפּגעשניטן גראָז. אין דעם האָט זי דערזען יאָסעלען, ווי ער זיצט אַליין הינטער אַ בוים, אָפּגערוקט פון די קינדער, און קוקט זיך צו צו די שפּילנדיקע און אַ שמייכל וואָס דריקט אויס אי צער, אי איראָניע, אי גלײַכגילטיקייט צו אַלץ און צו זיך שפּילט זיך אויף זײַן בלייך פּנימל. זי האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן.

יאָסעלע האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען קיין ענגליש כאָטש ער איז שוין צוויי־דרײַ וואָכן אין סקול. דאָך האָט ער שוין פאַרנומען דעם קלאַנג פון דער שפּראַך און געבלדיק באַגריפן דעם אינהאַלט פון אַ זאַץ, ניט פאַרשטייענדיק די באַדײַטונג פון איטלעכן

טולפּאַנען — .tulips

ווארט באַזונדער. נאָר צום בעסטן האָט ער פאַרשטאַנען מיס איזאַ־בעלס ענגליש. ער האָט אין אירע אויגן, אין דעם שמייכל פון אירע ליפּן געפילט וואָס זי וויל זאָגן. און צײַט ער האָט געהערט פון איר די צוויי יידישע ווערטער, איז ער געוואָרן צו איר זייער נאָענט. מערסטנס האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט זיך זייער געשעמט און איז רויט געוואָרן.

מיס איזאַבעל האָט זיך אויך געפילט זייער נאָענט צום קינד און האָט אים זייער ליב געהאַט. און וואָס מער יאָסעלע האָט זיך געפילט פרעמד אין סקול, אַלץ גרעסער איז געוואָרן איר רחמנות־געפיל צו אים. זי האָט אין דעם שווײַגן, אין דעם טרויעריקן גע־מיט פון קינד געזען די גאַנצע אַרעמקייט פון יידישן קינד. מיט דער ליבשאַפט וואָס זי ווײַזט אַרויס דעם פאַריתומטן קינד האָט זי באַ־צאָלט דעם חוב צו איר פאָלק.

אין דעם פרעמדן ווײַטן רוסלאַנד האָט זי אַ פאָטער געלאָזן. די מוטער אירע האָט זיך געגט מיט אים און איז אַראָפּגעקומען מיט אַ פרעמדן מאַן. איר פאָטער האָט זי קיין מאָל נישט געזען און קיין מאָל נישט געהערט פון אים. אין יאָסעלעס בלייכן פּנים און טרויע־ריקע אויגן האָט זי געוואָלט איר פאָטער דערזען, דעם פרעמדן פאָטער וואָס איז געבליבן אין דעם ווײַטן, פרעמדן רוסלאַנד.

ווען זי האָט איצט יאָסעלען מיטן אײַנגעבויגענעם קעפּעלע דערזען הינטערן בוים זיצן, האָט זי אַרומגענומען אַ געפיל — א י ר פאָטער! זי איז צוגעגאַנגען צו אים, זיך אוועקגעזעצט לעבן אים. לאַנג האָט זי אים געקוקט אין די שוואַרצע אייגעלעך אַרײַן און באַטראַכט זײַן בלייך פּנימל, וואָס איז וואָס אַ מאָל בלייכער גע־וואָרן צײַט ער איז אין אַמעריקע. גאַרנישט קיין וואָרט צו זאָגן, האָט זי אַלץ נאָך אַנאַנד דעם יינגל באַטראַכט און פון איר פאָטער געקלערט. זעט ער אויך אויס ווי ער? און האָט אויך אַזאַ שווער יידיש געמיט? און אַזעלכע טרויעריקע אויגן? און וועגן וואָס קלערט ער? וואָס טוט זיך שוין דאָ אין דעם קליינעם קעפּל? וואָס זוכט עס? און פאַר וואָס איז עס אַזוי טרויעריק?

און עס האָט זיך איר פאַרגעשטעלט אַ בילד פון איר פאָטער מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן ווי יאָסעלע. אַזוי גייט ער ערגעץ דאָרט איבער די ווײַטע פעלדער פון רוסלאַנד, מיט זײַן פּעקל אי־בער די פּלייצעס שפּרײַזט ער דאָרט ערגעץ וואו איבער די לאַנגע

װעגן פֿון דעם גרױסן רוסישן לאַנד, און האָט אַזאַ טרױעריקן פּנים און אַזעלכע טרױעריקע אױגן װי דאָס קינד האָט. און אַלע ייִדן האָבן דאָרט אַזעלכע טרױעריקע אױגן און גײען אַזױ די קעפּ אַראָפּ־געלאָזט אין אַזעלכע שװערע געמיטער.

זי האָט יאָסעלעס קעפּל אױפֿגעדעקט און געפֿרעגט אים װאָס ער האָט דעם ראָץ געהאַט, װעגן װעלכן זי האָט שױן געװאוסט פֿון בערלען, אַז מען האָט יאָסעלען דערפֿאַר צו ערשט נישט אַרײַנגעלאָזט קײַן אַמעריקע.

יאָסעלע האָט געװיזן אױפֿן אָרט אין קאָפּ. זי האָט לאַנג באַטראַכט יאָסעלעס קעפּל און האָט אין דעם ראָץ געזען די גאַנצע אָרעמקייט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, װי עס װאָלט געװען אַ סימבאָל איבער דעם אומגליק פֿון ייִדישן לעבן.

— און איבער דעם האָט מען דיך צוריקגעשיקט?

— יאָ, — האָט יאָסעלע אָפּגעענטפֿערט אױף ייִדיש, פֿאַרשטײענדיק די פֿראַגע.

— און װי אַזױ ביסטו אַלײן אַהין געקומען? — האָט זי געפֿרעגט האַלב ייִדיש, האַלב ענגליש.

— גוטע מענטשן האָבן רחמנות געהאַט און אָפּגעפֿירט מיך אַהײם.

זי האָט זיך אײן מינוט דערמאָנט אין זיך און האָט זיך געזען — אַ יאָריק קינד, — װי די מוטער איז מיט איר אָנגעקומען צום ברעג פֿון אַמעריקע. זי װאָלט דאָך אױך געקענט האָבן דעם אײגענעם ייִדישן ראָץ װי דאָס קינד װאָס זיצט דאָ אונטערן בױם, און זי װאָלט אױך געהאַט אַזעלכע טרױעריקע אױגן און אַזאַ שװער געמיט װי דאָס קינד דאָ. און זי האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט די גאַנצע נאָענטקייט, דאָס בשותּפֿות װאָס זי האָט מיט דעם ייִדישן קינד.

זי האָט פּלוצלונג אַרומגענומען יאָסעלעס קעפּל און מיט קושן עס באַדעקט. און פֿון איר האַרץ האָבן זיך אַרױסגעריסן די אײנציקע ייִדישע װערטער װאָס זי האָט געקענט:

— אָרעם, אָרעם ייִדיש קינד!

און יאָסעלע האָט דערפֿילט אױפֿן פּנימל אירע װאַרעמע טרערן.

בשותּפֿות (בעשוטפֿוס) — in common.

אַז יאָסעלע איז אַהיים געקומען איז דאָס גאַנצע געסל וואו זיי האָבן געוואוינט פול געווען מיט ליכט און לעבן. אַלע קינדער זיינען אין גאַס געווען און אַלע פאַמיליעס האָבן אויף די טרעפּלעך פון זייערע הייזער געוואוינט.

דאָ און דאָרט האָבן שטורקאַצן אָנגעהויבן זיך אָנצוצינדן פאַר די שטעלן מיט די סחורות וואָס זיינען געשטאַנען אין געסל. און די גאַס וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג נאָר ווייבער און קינדער געזען, האָט אָנגעהויבן זיך אָנצופילן מיט מענער און יונגעלייט. צו ערשט זיינען זיי געגאַנגען גרופּעסווייז, נאָר וואָס אַ מאָל מער. ווי די נאַכט־שעהן האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצורוקן, האָט דאָס געסל אָנגעהויבן שוואַרץ צו ווערן פון מחנות מענטשן. דאָס זיינען געווען די אַר־בעטער וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסצושיטן פון די שעפּער און די וואַרשטאַטן צו גיין אַהיים אויסרוען זיך פון אַ גאַנצן טאָג שווע־רער אַרבעט.

פון מינוט צו מינוט האָט געקלאַפּט די הויכבאַן איבערן קאָפּ, אָפּגעשטעלט זיך, אַרויסגעשפּיגן פון זיך אַ שמוציקע מחנה און ווייטער געקלאַפּט. און ווי ווערעמלעך האָבן די מענטשן זיך גע־שאָטן איבער אַלע זייטן פון גאַס. די וועגלעך האָבן אָפּגעטראָטן פון די טראָטואַרן, זיינען אין דער ברייטער גאַס אַרוים. די פּעד־לערס האָבן אָנגעצונדן זייערע שטורקאַצן און אויסגערופן זייערע סחורות. און וואָס מער די נאַכט־שעהן האָבן זיך אָנגערוקט, אַלץ לעבעדיקער זיינען די גאַסן געוואָרן.

עס האָט זיך געדאַכט אַז די איינוואוינערס פון דער גאַס האָבן דעם טאָג זיך פאַרשפּעטיקט און הייבן ערשט זייער פרימאָרגן אָן, קויפן ערשט איצט די מאָרגן־צייטונגען וואָס יינגלעך לויפן מיט זיי אין גאַס אַרום. אַלע באַנען, אַלע שענקען פילן זיך מיט מענטשן אָן. אַלע „קענדיסטאָרס" זיינען פול מיט יונגעלייט. ווייבלעך לויפן אין די קראָמען אַרום, קויפן איין עסן. פאָטערס שטעלן זיך פאַר די וועגלעך אָפּ, קויפן זייערע קינדער מתנות. און וואָס אַ מאָל ווערט דאָס לעבן גרעסער אין געסל. קינדער פילן אָן די גאַס, וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקן, צווישן די פיס פון די פאַרבייגייערס.

שטעל — .stand

טראָטואַר — .side-walk

רינשטאָקן — .gutters

קײנער האַלט זײ ניט אײַן, קײנער קוקט זיך נישט אום אויף זײ, ווי די גאַס וואָלט אײן גרויסע שטוב געוועזן.

די טראָטואַרן זײַנען פול מיט שפּאַצירנדיקע מײדלעך און בחורים וואָס גײען אַנגעטאָן אין קאָפּעליושן מיט ברײטע ראַנדן. די עלעקטרישע לאָמפּן הײבן זיך אָן אָנצוצינדן פאַר די טעאַטערס און קינעמאַטאָגראַפן און באַגיסן דאָס גאַנצע געסל מיט ליכט. די קאָמעדיאַנטן כאַפּן די פאַרבײַגײערס אין זײערע צירקן, זײערע קאַסטנס שפּילן. קינדער טאַנצן אין גאַס און זינגען. קרעמער שרײַען, רופן. ייִנגלעך שלעפּן צונויף פּאַפּירן און שמאַטעס און צינדן אונטער. װײַבער לויפן אַרום מיט אײַזקרעמס און סאָדע־וואַסער. מענער, װײַבער, קינדער, האַלב נאַקעט, עסן אויף די טרעפּלעך פון זײערע הײַזער בײַ דעם ליכט פון שטורקאַצן און עלעקטרישע לאָמפּן. די פענצטער פון די הײַזער זײַנען פינצטער. די הײַזער ווערן פאַרלאָזן, און די גאַנצע גאַס ווערט אײן גרויס, גרויס לעבן אין וועלכן אַלע אײַנוואױנערס מישן זיך אויס, קאָכן זיך צונויף מיט װײַב און קינד אין דעם עלעקטרישן ליכט פון די צירקן, ווערן פאַרטרונקען אין די טענער פון די שפּילקאַסטנס און אין די געשרײען פון די הענדלער. און איבער זײערע קעפּ קומען צו לויפן פון מינוט צו מינוט די הויכבאַנען ווי חיות רעות, מיט פלאַ־מיקע אויגן, און אַלץ ווערט פאַרטויבט אין זײער רעש.

ווי אויף אַן אַנדער וועלט איז יאָסעלע געזעסן אין אַ ווינקל אויף די טרעפּלעך און האָט מיט שרעק געקוקט אין גאַס אַרײַן. דאָס ליכט און די גוואַלדן וואָס האָט אין זיך דאָס גאַנצע געסל אַרײַנגענומען האָט אויף אים אַ שרעק אָנגעוואָרפן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער טונקעלער שטוב. נאָר אין שטוב איז זײער דושנע געווען. האָט אים די מוטער קוים אויף די טרעפּלעך אַרויס־געשלעפּט פאַרן הויז.

דער פאָטער ליגט אין העמד און קאָפּל אויף אַ שטול. ער איז געפאַלן פון מידקייט און שלאָפט. ווײַט דאָרט אין געסל לויפן חיים און בערל אַרום. די מוטער זיצט אויך אויף די טרעפּלעך און

קינעמאַטאָגראַף — cinema.
חיות רעות (כאַיעס ראָעס) — **בײזע חיות, ווילדע חיות.**
דושנע — suffocating.

דרעמלט אין רעש, וואַרפט דעם מידן קאָפּ אַהין און צוריק. און יאָסעלע קוקט אַ מאָל אויפן פאָטער, אַ מאָל אויף דער מוטער — און חלומט פון עפּעס ווײַט, גאַנץ ווײַט.

ער הערט נישט דעם רעש. ער זעט נישט דאָס ליכט. ער דער־מאָנט זיך אין געסל אין לענשנע דעם זומער־פאַרנאַכט.

פון בית־המדרש הערט זיך קול תורה. די לבָנה שפּאַצירט אַליין איבערן געסל אויפן בית־עולם אַרוים, און זײַן פאָטער און זײַן מוטער . . . ער קוקט זיך אַרום אויף זײַנע עלטערן און פילט זיך מיט אַ מאָל אַזוי פרעמד, אַזוי עלנט און אַליין דאָ. דאָס איז נישט דער פאָטער וועגן וועלכן ער האָט געחלומט דאָרט, אין לענשנע. אַ מידער בעל־מלאָכה זיצט און שלאָפט, אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. קיין קול תורה הערט מען שוין נישט פון זײַן מויל אַרוים. קוים וואָס ער דאַוונט. און עפּעס איז די מאַמע דאָ אויך אַן אַנ־דערע געוואָרן. און אַלץ, אַלץ איז אַנדערש! די מוטער וועקט זיך און רופט האַלב אין שלאָף: „גיי, יאָסעלע, גיי צו די קינדער זיך שפּילן"! — —

און מיט אַ מאָל נעמט יאָסעלען אַזאַ ווייטאָג אַרום. דאָס קעפּל הייבט אים אָן צו דרייען, די אויגן צו שווינדלען. ער לענט אויך אָן דעם קאָפּ אויף די שטיינערנע טרעפּלעך. די אויגן פאַרמאַכן זיך און אַ מידקייט פאַלט אָן אויף אים. קוים, קוים קלערט ער נאָך פון עפּעס. אין פינצטערקייט, צוגעמאַכט די אויגן, זעט ער דאָס בית־המדרשל פון לענשנע האַלב אין נעבל, יצחק־יודלס חדר, דאָס שענקל קעגן דעם טיש. צוויי ביימער שטייען פאַר דעם גויישן בעדנערס טיר. די ביימער רוישן איצט און ייִנגלעך וואַרפן שטיינער אויף די ביימער און קלײַבן זשוקעס. זשאַבעס קוואַקען אין טײַך.

און ווער לערנט דאָרט? איז עס דעם טאַטנס קול? זיס, זיס ציט עס זיך איבער דער שטוב. פאַרציילט עס דען פון חורבן בית־המקדש וואָס שטייט אין גמרא?

און טונקל ווערט אַלץ מיט אַ מאָל. אַ מינוט ליכטיק, אַ מינוט טונקל. פּלוצעם ווערט אַלץ מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט . . .

קול תורה (קויל־טוירע) — די שטים פון דער תורה, דער ניגון מיט וועלכן מע לערנט די תורה.

אָנלענען — אָנשפּאַרן, to lean.

בעדנער — באָנדער; דער וואָס מאַכט טונען, פאַסן, הילצערנע עמערס.

זשוק — beetle.

יאָסעלעס צעהיצטער קערפּער האָט זיך אַ מידער אַרומגע־וואַלגערט ווי אַ שמאַטע, ווי אַ שטיק פּאַפּיר איבער די טרעפּלעך אין דעם דרעש און גוואַלד פון גאַס. און די שטורקאַצן האָבן גע־ברענט. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט זיך געגאָסן. און דער שפּיל-קאַסטן האָט געשפּילט. און די ווײַבער, מענער און קינדער האָבן געשריִען. און די הויכבאַן האָט געקלאַפּט. און איבער דעם האָט געבלאָזן אַ נאַסער, וואַרעמער שטראָם פון ים. די צעהיצטע מויערן, שטיינער און אײַזנס האָבן פון זיך די וואַרעמקייט אַרויסגעלאָזט, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זיך אַרײַנגענומען דורך דעם גאַנצן טאָג פאַרען זיך אין דער זון. און די לופט איז פול געוואָרן מיט אַ שטיקנדיקן, אַ פײַכטן, וואַרעמען שטראָם, וואָס האָט ווי בלײַ אַלע אבֿרים אָנגעגאָסן און געוואָרפן אַ מידקייט אויף אַלעמען.

14

יאַסעלעס טויט

בײַם בעט איז געזעסן מיט איזאַבעל און האָט געהאַלטן יאַסעלעס שוואַך, בלייך הענטל און אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן אַרײַן.

יאַסעלע איז געלעגן אויפֿן בעט. זײַן פּנים איז רויט געווען און די הײַטלעך האָבן זיך אַריבערגעצויגן איבער זײַנע הויכע אַרויסגעזעצטע אויגן. אויף זײַנע ליפּן האָט מיט איזאַבעל באַמערקט דעם שוועבנדיקן, גלײַכגילטיקן שמייכל, און דער דאָרער האַלדז וואָס האָט זיך אַרויסגעצויגן פֿון דעם ביינערדיקן לײַבעלע האָט שווער אָטעמענדיק געאַרבעט.

פֿון צײַט צו צײַט האָט מיט איזאַבעל אים צוגעלייגט אײַז צום קאָפּ וואָס חנה־לאה האָט איר צוגעטראָגן אויף אַ טעלער. חנה־לאה האָט שוין נישט געוויינט. מען האָט אין איר פּנים געזען אַז זי איז שוין מיד וויינענדיק. מאיר האָט זיך אַהין און אַהער איבערן שטיבל געדרייט, געביסן די באָרד אין די ציין, איבערגעריבן די האַנט איבערן שטערן, געקרעכצט: „אוי, טאַטע!“ און איז איטלעך מאָל צום בעטל צוגעגאַנגען, אַ קוק געוואָרפֿן אויף יאַסעלען.

אין שטוב איז שטיל געווען, טונקל און דושנע. מען האָט דעם לאָמפּ אַראָפּגעדרייט אַז עס זאָל נישט זײַן אַזוי הייס. און דאָך איז די לופֿט אין שטוב געווען אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן, און אַזאַ פֿײַכטקייט און מידקייט איז געפֿאַלן אויף אַלעמען, אַז רחלע און די „קאָמאַנדע“ זײַנען געלעגן צונויפֿגעוואַלגערט אויף דער ערד, די קעפּ געהאַלטן אויף די שטיינערנע טרעפּ פֿון קאָרידאָר אַז עס זאָל זיך קילן. זיי זײַנען געלעגן אַזוי פֿאַרחלשט, אַז מען האָט נישט געוואוסט, צי זיי שלאָפֿן אָדער ליגן וואַך. עס איז נישט געווען וואָס צו אָטעמען און זיי זײַנען געפֿאַלן ווי פֿליגן.

עס איז געווען איינע פֿון יענע זומערנעכט אין ניו־יאָרק, ווען

די לופט גייט אויס אין חלל פון דער וועלט. ווי מע וואָלט מיט אַ פּײַער אויסגעברענט די לופט. און די מענטשן הייבן אָן אַנידער־צופאַלן, די גלידער ווערן ווייך, צעגאַנגען און ווערן לויז איינס פון דאָס צווייטע, אַזוי אַז דער מענטש האָט ניט די מעגלעכקייט זיך מיט זיי צו באַדינען. עס איז געווען איינע פון יענע זומערנעכט, ווען מען הייבט אָן מורא צו קריגן אַז ניו־יאָרק וועט נישט אויפשטיין צו־מאָרגנס; איינע פון יענע נעכט, ווען די נאַטור פאַרגעסט זיך אַז דער אינדזל מאַנהעטן איז שוין אַ יישובֿ און בלאָזט אַלץ מיט יענעם טראָפּישן זומער, ווי ווען די אינדיאַנער האָבן דאָ נאָך געוואוינט און די בופלאָקסן זײַנען צווישן די ביימער געלעגן.

צײַט דרײַ וואָכן, זינט די גרויסע היצן האָבן אײַנגעטרעטן, איז יאָסעלע קראַנק. קיינער האָט ניט באַמערקט ווי דער ייִנגל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן צווישן זײַניקע און האָט קיינעם נישט פאַרטרויט דאָס וואָס האָט אים געדריקט. אין זײַן האַרץ האָט גע־גליט אַ גרויסע בענקעניש נאָך דער אַלטער היים, נאָך דעם אַלטן לעבן, נאָך ייִדישקייט. און אַלץ איז אים דאָ פרעמד געוואָרן. אפילו זײַן אייגענער פאָטער וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט און איז בײַ נאַכט אַנידערגעפאַלן אַ מידער, אַ טויטער, און האָט קיין צײַט נישט געהאַט מיט אים אַ וואָרט אויסצורעדן. אפילו זײַן אייגענע מוטער וואָס איז געווען אײַנגעטונקט אין דער באַלעבאַטישקייט און אָפּגעגעבן זיך מיט די אַנדערע קינדער און איז באַלד צוגעוואוינט געוואָרן צו זייער אויפפירונג און צו זייער לעבן.

דער איינציקער מענטש מיט וועלכן ער האָט זיך געפילט נאָענט איז געווען מיס איזאַבעל וואָס איז צו אים אַזוי גוט געווען — נאָר די איז אים אַזוי פרעמד . . . איז יאָסעלע אַרומגעגאַנגען אַ פרעמ־דער און האָט געבענקט, ניט געגעסן און אַן איינזאַמער זיך באַהאַלטן אין די ווינקעלעך. איז זײַן קערפּער אויסגעמאַגערט געוואָרן. קיין געזונט קינד איז ער קיין מאָל נישט געווען. די צרות וואָס ער איז שוין אויסגעשטאַנען אין זײַן קורצן לעבן האָבן זײַן גוף צעבראָכן. און אַז עס האָבן זיך אָנגערוקט די גרויסע היצן צו וועלכע ער איז נישט געוואוינט געווען, האָט עס אים אין גאַנצן אַנידערגעלייגט.

חלל (כאַלעל) — vacuum, cavity.

יישובֿ (יישעוו) — אַן אָרט וואו עס וואוינען מענטשן.

בופלאָקס — buffalo.

ער איז אין היץ אַרײַנגעפאַלן. די דאָקטוירים האָבן אים רעצעפּטן פאַרשריבן, ער האָט אָבער די רעצעפּטן נישט געוואָלט נעמען. גאָר־נישט גיט געוואָלט! נאָר געלעגן, באַהאַלטן אין זיך, ווי ער וואָלט אין אַן אַנדער וועלט אַרײַנגעגאַנגען.

מים איזאַבעל האָט אים פון צײַט צו צײַט באַזוכט. אָבער צו איר איז ער אויך געוואָרן פרעמד. מעלאַנכאָליש שווײַגנדיק, צו קײנעם קײן וואָרט נישט אַרויסגערעדט, ליגט ער דאָ אַזוי מיט זײַן אויסגעדאַרטן פּנים און אויסגעגלאָצטע אויגן, שוואַך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן קישן, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך האָב נישט מער ווי מײַן זינדיק גופל — נאָט אַז איר ווילט עס, נעמט עס צו!

אין שטוב איז אָבער געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך און עס האָט אַזוי פאַרכאַפּט דעם אָטעם, אַז מען האָט באַשטימט יאָסעלען אַרויסצוטראָגן אין גאַס אַרויס. די מוטער האָט אים גענומען אין איר שויס אַרײַן. זײַן קערפּער איז אַזוי אײַנגעשרומפּט געווען, ווי ער וואָלט צוריק אַ קלײן קינד געוואָרן. די מוטער האָט אים אין גאַס אַרויסגעטראָגן.

מים איזאַבעל האָט זיך געזעגנט מיט די עלטערן, איז צו צו יאָסעלען, האָט געוואָלט זיך געזעגענען מיט אים. נאָר ער האָט איצט געשטעקט אין אַן אַנדער וועלט און האָט קײנעם נישט געזען.

אויף דער גאַס איז אָבער נאָך ערגער געווען ווי אין שטוב. פאַר די טירן זײַנען געלעגן צונויפגעקײַקלט גאַנצע פאַמיליעס מיט די קינדער, געלעגן ווי שטיקער שטאָמעס, אויפגעוואָרפן אײנס אויף דאָס אַנדערע, און האָבן זיך נישט געקענט רירן. די קינדער האָבן זיך אין די רינשטאָקן אויף די טראָטואַרן געוואַלגערט; טײל גע־שלאָפן, טײל געפאַלן פאַר מידקײט. און די מוטערס האָבן זײ באַ־שמוצטע אײַזקרעם דערלאַנגט. אין אַ ווינקל איז אַ ייִדענע גע־שטאַנען מיט אַן עמער לימאָנאַד, האָט מיט אַ שוואַך קול אויסגע־רופן איר וואַסער. נאָר קײנעם האָט זיך נישט געגלוסט צוצושלעפּן צו דעם עמער וואַסער, כאָטש אַ סך האָט זיך געוואָלט טרינקען.

די לופט איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ערגער. קײן בלעטל, קײן פּאַפּירל האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן. צום סוף איז די ייִדענע מיטן קענדל וואַסער אויך שטיל געוואָרן און דער לאָמפּ וואָס האָט

אײַנגעשרומפּט — אײַנגעדאַרט, אײַנגעצויגן.

געבראַכט דאָרט בײַ איר אין קרעמל איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, ווי ער וואָלט אויך שוין געפֿאַלן. אַזוי איז די מידקייט געפֿאַלן אויף די קעפּ און האָט אַלעמען צוגעדריקט צו דער ערד. און עס איז אַזוי ענג געוואָרן אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך אַ מינוט וועט דער הימל זיך אַראָפּרוקן צו דער ערד און וועט דאָ אַלעמען צודריקן מיט זײַן לאַסט.

חנה-לאה איז זיך מיט דעם קראַנקן יאָסעלע צוגעקראָכן אין רינשטאָק אַרײַן און האָט מיט אירע הענט אויסגעשטרעקט יאָ־סעלען אין דער ברייטער גאַס אַרויס, ווי זי וואָלט דאָרט וועלן אָנ־שעפּן אַ הויך לופֿט פֿאַר אים צו אָטעמען. אָבער יאָסעלע איז גע־לעגן אין דער מוטערס שויס און איז געווען פֿאַרנומען גאָר אין אַן אַנדער וועלט.

ער האָט זיך געפֿונען אויף אַ ברייטן, ליכטיקן וועג, וואָס איז געווען אַזוי ווײַס ווי הימלליכט. און איבערן וועג און איבער די פֿעלדער בײַם וועג, וואָס זײַנען אויך געווען ווי שטיקער הימל, זײַנען געגאַנגען ייִדן — די גאַנצע וועלט ייִדן. און פֿון אַלע דורות ייִדן זײַנען געווען פֿאַרזאַמלט אויף די פֿעלדער און אויף דעם וועג, וואָרעם משיח איז שוין געקומען און אַלע זײַנען צו תּחית-המתים אויפֿגעשטאַנען . . .

אין מיטן דער עדה שטייט משיח אין אַ גרויסן טלית, אין אַ גרויסער, גרויסער עטרה אויפֿן קאָפּ. און אַלע אָבֿות זײַנען אַרום אים. און אַלע נבֿיאים. און משה רבנו איז אויך דאָרט. און אַלע רבנים וואָס האָבן ווען אַ מאָל געלעבט זײַנען אַרום משיחן. און דער רבֿ פֿון זײַן שטעטל וואָס איז נפֿטר געוואָרן שטייט אויך דאָרטן צווישן זיי. אָט זעט ער אים באַשײַמפּערלעך . . .

נאָר פֿאַר משיחן פֿאַרבײַ פֿירט מען אַ לוויה. עפּעס אַ גרויסער צדיק איז נפֿטר געוואָרן און דער מת איז אין אַ טלית אײַנגעהילט.

תּחית-המתים (טכיִיאַס האַמייסים) — דאָס לעבעדיק ווערן פֿון די טויטע; ווען משיח וועט קומען — וועלן די טויטע לעבעדיק ווערן.

עדה (אײדע) — אַלע ייִדן פֿון אַ שטאָט, פֿון אַ לאַנד, איבער דער וועלט; אַ גרופּע ייִדן.

עטרה (אַטאָרע) — קרוין.

נפֿטר (ניפֿטער) ווערן — שטאַרבן (אַ מער אידעלער אויסדרוק איי־דער שטאַרבן).

לוויה (לעוואָיע) — funeral.

און מע טראָגט אים אויף שטעקנס אין דער הייך, איבער די קעפּ פון דער עדה. און די גאַנצע עדה איז נאָר פאַרזאַמלט לכּבֿוד דעם מת וואָס מע טראָגט איבער די קעפּ . . .

און עס איז עפּעס אַ גרויסע שׂמחה בײַ דער לוויה. לוִים שפּילן אויף די האַרפן, און אָרגלען זײַנען דאָרט. און עס איז אַ גרוים, גרוים געזאַנג. די גאַנצע עדה זינגט און טראָגט דעם מת . . .

הינטער דעם מת גייט נאָך די מאַמע רחל אין אירע תּכריכים און שווײַגט. און זי איז אַזוי הויך, העכער פאַר דער גאַנצער עדה. און אַלע רוקן זיך אָפּ פאַר איר. דערנאָך גייען די אָבֿות, אַלטע לײַט מיט לאַנגע ווײַסע בערד. און דערנאָך גייען משה און אהרן און זיי זײַנען אויך זייער הויך, העכער פון דער גאַנצער עדה. און דערנאָך גייט דוד המלך איינער אַליין מיט אַ האַרף. און נאָך אים גייען נאָך די מלכי ישׂראל. און דערנאָך די נבֿיאים אין ווײַסן אָנגעטאָן. און דערנאָך אַלע רבנים פון אַלע דורות, און דער רבֿ פון זייער שטאָט איז אויך צווישן זיי. און דערנאָך דאָס גאַנצע פאָלק, — אַלע, אַלע ייִדן וואָס האָבן ווען אַ מאָל געלעבט. און צווישן דער עדה ייִדן זעט ער ווי מען רינגלט אַרום אַן אַלטן ייִדן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, און אַ גרויסן קאָפּ האָט ער, און אַ שטעקן האַלט ער אין דער האַנט — דאָס איז רשי. אַ גרויסן חומש האַלט ער אונטערן אָרעם און אַלע ייִדן גיבן אים שלום-עליכם אָפּ. און משה גייט פאַרוים פאַר אַלעמען. ער פירט אָן די לוויה און ווײַזט מיט דער האַנט אָן וואו מע זאָל גיין.

דער וועג איז גאַנץ ווײַט. און וואָס לענגער מע גייט אויף אים, אַלץ הימלשער ווערט ער. און דער וועג פירט צו די הימלען צו וואָס זײַנען דאָרט בײַם עק וועג.

און דער הימל איז דאָרט ווי אַ ים. דאָרט הייבט זיך אָן אַ נײַ לעבן פון הימל. און אַזוי ליכטיק איז דאָרט אַז מע קען נישט אַרײַנקוקן אין דעם ליכט אַרײַן. נאָר אין דעם ליכט זעט מען ווי

לכּבֿוד (לעקאָוועד) — in honor of.

לוִים (לעווים) — די זינגערס, די מוזיקערס און די באַדינערס אין בית־המקדש.

מאַמע רחל — די מוטער רחל, איינע פון די פיר ייִדישע מוטערס (שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה).

מלכי ישׂראל (מאַלכיי־ייִסראָאייל) — די קיניגן פון ישׂראל.

מלאכים שטייען אין ווײַסן און וואַרטן אַף די לוויה אַז זי זאָל אָנ־קומען צו זיי. און וואָס מע קוקט אַרײַן טיפער אין הימל, אַלץ מער מלאכים שטייען דאָרט.

און די לוויה פירט צום הימל. וואָרעם משיח ווײַזט אָן מיטן פינגער דאָרט צום הימל . . .

און פּלוצעם פילט ער זיך אַז ער איז דאָס דער מת אין טלית און אים פירט מען דאָס אין הימל אַרײַן . . .

און וואָס מער מע גייט און וואָס נעענטער מע קומט אָן, וואָס ליכטיקער עס ווערט דער וועג, אַלץ מער גאַנצע שטיקער הימל טרעפט מען אָן. אָט באַלד באַלד וועט מען אָנקומען אין דעם הימל אַרײַן . . .

נאָר דערווײַל גייט מען נאָך אַלץ אויפן וועג.

און אָט באַלד ווערן שוין די געדאַנקען שטילער, שטילער, ציִען זיך אויס. די אויגן הייבן אָן צו שווינדלען פון ליכט. משיח טרעט שוין אַרײַן אין הימל אַרײַן. אַ פאַרבלענדעניש איז אַרום אַז עס הייבט אָן צו טונקלען פאַר די אויגן. אָט טרעטן שוין אַרײַן די וואָס טראָגן די לוויה. און באַלד האָט זיך אויפגעעפנט אַ שפּאַלט הימל. און אַלע זײַנען אַראָפּגעזונקען אין דעם ים פון הימל . . .

און יאָסעלע איז געשטאָרבן אויף חנה־לאחס הענט.

אַז חנה־לאה איז צוריקגעקומען פון יאָסעלעס לוויה, האָט זי געהאַט דאָס זעלביקע געפיל, וואָס זי האָט געפילט בײַם פאַרלאָזן אירע קינדערס קבֿרים אויפן לענשנער „גוטן אָרט“ און זי האָט געטראַכט: ווי אַזוי וועט זי זיך שוין קענען אַוועקציִען פון דאַנעט און איבערלאָזן יאָסעלעס קבֿר דאָ?

און איר האָט זיך געדאַכט אַז זי מוז שוין דאָ פאַרבלײַבן אויף דער ערד — — זי האָט שוין דאָ אַ קבֿר . . .

מלאָכים (מאַלאָכים) — מערצאָל פון מלאך, angel.

ווערטערביכל

אויב איר געפֿינט ניט די פֿאַרטײַטשונג פֿון אַ וואָרט גלײַך אונטערן טעקסט, זוכט עס אין דעם ווערטערביכל.

א

אָבֿות (אָוועס) — ancestors.

די אָבֿות האָבן זיך געמיט — זיי האָבן געבעטן, זיי האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר עמעצן.

אבֿר (איִווער, מערצאָל: איִווורים) — גליד פֿון קערפּער.

אגבֿ (אַגעוו) — אויך, דערצו נאָך, פֿאַרבײַגייענדיק.

אַדוואָקאַט — lawyer.

אוגערקע — cucumber.

אויספּאַשען — געבן אַ סך עסן מע זאָל פֿעט ווערן.

אומגעהײַער — דאָ: זייער שטאַרק, זייער גרויס, שרעקלעך.

אומהיימלעך — ניט פֿריילעך, אומעטיק.

אונטערהאַנדלונגען — negotiations.

אונטערטעניק — אונטערגעגעבן, submissive.

אונטערטעניקייט — submissiveness.

אײַנגעקאָרטשעט — צונויפֿגעבויגן, זיך צונויפֿגעדרייט, זיך צונויפֿגעקוועטשט.

אײַנגעשרומפּט — אײַנגעצויגן, shrunken.

איידעם — son-in-law.

אײַננורען זיך — אײַנגראָבן זיך, אײַנטוליען זיך, to cuddle.

אימה (אײמע) — שרעק, גרויסער שרעק.

אימפּעט — ברען, האַסטיקייט.

אַכילה — דאָס עסן, עסנוואַרג.

אַנטפּלעקן — אויפֿדעקן, אָפּדעקן, ווײַזן, אַרויסגעבן אַ סוד.

אַנטרונען ווערן — אַנטלויפֿן.

אַנשי לענשנע — די מענטשן פֿון לענשנע; די חבֿרה פֿון די לענשנער לאַנדסלײַט אין ניו־יאָרק.

אַראָפּ „דעם גרינעם" — דאָ: אויסטאָן די בגדים אין וועלכע מען איז געקומען פֿון דער אַלטער היים און אָנטאָן אַמעריקאַנער קליידער.

אָרגל — organ.

אָרון־קודש (אָרן־קוידעש) — דער הייליקער אָרון (אַלמער, שאַפֿע), דאָרטן וואו מען האַלט די ספֿרי־תּורות אין אַ שול, אין אַ בית־המדרש.

אַרײַנשלײַכן — שטיל, אומבאַמערקט אַרײַנקומען.

אשה (אישע) — פֿרוי.

ב

באַאַמטע — officers.

באַגערן — וועלן, שטאַרק וועלן.

באַוואָרענען זיך — זיך פֿאַרזאָרגן, זיך פֿאַרהיטן.

באַלמוטשען — פֿטרן די צײַט אויף גאָרנישט; מאַכן אַן אָנשטעל אַז מע טוט עפּעס און אין דער אמתן גאָרנישט טאָן.

באַלעמער — בימה, דאָס אָרט אין שול פֿון וואַנעט מע לייענט די תּורה.

באַשײַמפּערלעך — זייער קלאָר.

בולט (בוילעט) — קלאָר, אַרויסשטאַרצנדיק, רעליעף, פּראָמינענט.

בושה — חרפּה, שאַנד.

בחינם (באַכינעם) — אומזיסט, אָן אַ גרונד.

בית־עולם (בעסוילעם) — cemetery.

בענטשן — די תּפֿילה, דאָס געבעט נאָכן עסן.

בפירוש (בעפײרעש) — קלאָר, גענױ, פּינקטלעך, ספּעציעל.

בפרט (ביפּראַט) — באַזונדער, ספּעציעל, אין דעם פּרט (פּראַט — אײנצלהײט).

ברואים — באַשעפּעניש, װילדע אָדער מאָדנע באַשעפּעניש.

בריהטע (בעריעטע) — אַ געראָטענע, אַן ענערגישע פרױ; אַ פרױ װאָס טוט די אַרבעט גיך און גוט.

בריהשאַפט (בעריעשאַפט) — די אײגנשאַפט פון אַ בריה (און בריהטע).

בשום־אופן (בעשופמױפן) — אױף קײן פאַל.

בשלום (בעשאָלעם) — אין פרידן, געזונטערהײט.

ג

גאװה (גײַװע) — שטאָלץ, פוסטע שטאָלצקײט.

גואל (גױעל) — באַפרײַער, אױסלײזער, העלפער.

„גוט(ער) אָרט" — דער בית-עולם (זען).

גומענער — of rubber.

גלות (גאָלעס) — דאָס ניט האָבן קײן הײם, דאָס אײביק װאַנדערן, דאָס לײַדן צרות. דער צושטאַנד פון ייִדישן פאָלק נאָכן פאַרלירן דאָס אײגענע לאַנד.

גלות אַמעריקע — דאָס פאַרלאָזן די הײם און קומען קײַן אַמעריקע; די צרות װאָס מע לײַדט זיך אָן אין אַמעריקע.

גמרא־ניגון (געמאָרע־ניגן) — דער ספּעציעלער ניגון מיט װעלכן מע לערנט די גמרא.

גנבֿהש (גנײװיש) — אַזױ װי אַ גנבֿ, גיך, פלינק, כיטרע.

געגאַרט — געװאָלט, שטאַרק געװאָלט, געבענקט נאָך עפּעס.

געװאױר װערן — זיך דערװיסן, דערגײן עפּעס.

געװעלטיקער — הערשער.

געפּלעפט — זײער שטאַרק פאַרװאונדערט.

גראַטקעס — bars.

גרושה — אַ געגטע פרױ, divorced woman.

ד

דושנע — שװער צו אָטעמען, suffocating.

דיין (דאַיען) — דער װאָס משפּט נאָך די ייִדישע דינים (געזעצן) נאָך; דער װאָס ענטפערט אױף פראַגעס װעגן רעליגיעזע געזעצן; אַ דיין איז געװען אַן אַמט אין אַ ייִדישער קהילה, אַ מין געהילף פון דעם רבֿ.

דין — רעליגיעזער געזעץ.

דרך־ארץ (דערעכערעץ) — אַכטונג.

דרעפּטשען — גײן שװער, גײן אין אַ בלאָטע, גײן שװער הײבנדיק די פיס, זיך שלעפּן.

דרשענען (דאַרשענען) — האַלטן אַ רעדע, טענהן אַ סך, רעדן אַ סך, מוסרן.

ה

הבֿדלה (האַװדאָלע) — די תּפילה, דאָס געבעט, איבער װײַן, אָדער אַן אַנדער געטראַנק, װאָס באַצײכנט אַז דער שבת אָדער דער יום־טובֿ איז שױן אַװעק און די װאָכעדיקע טעג הײבן זיך אָן.

הױב — a woman's head gear, a hood.

הולך (הױלעך) — אַנטװעכץ, דער אופן פון אַנטאָן זיך, דער אופן גײן.

הוצאות (הויצאָעס) — expenses.
היימלאָזיקייט — דער צושטאַנד פון ניט האָבן קיין היים.
הכנעה (האַכנאָע) — אונטערטעניקייט (זען), humility.
המוציא (האַמויצי) — די ברכה וואָס מע מאַכט פאַרן עסן ברויט.
השם־יתברך (האַשעם־ייִסבאָראַך) — גאָט, „גאָט — געבענטשט זאָל ער זײַן".

ו

והאָ ראיה (וועהאָראַיע) — און דאָס איז דער באַווײַז, און אָט איז דער באַווײַז.
וואַכן — ניט שלאָפן, אויף זײַן, היטן.
וואַל — wave.
וואָר — אמת; true; reality.
וואַשן זיך — עסן, גיין עסן (ווײַל מע דאַרף וואַשן די הענט פאַרן עסן).
ווידוי (ווידע) — די תּפילה, דאָס געבעט פאַרן שטאַרבן.
וויסט — ליידיק, פּוסט, ווילד, אַזוי ווי אין אַ מדבר.

ז

זוגתו (זוגאָסע) — זײַן פרוי, זײַן ווײַב.
זוים — seam.
זוכה זײַן (זויכע) — ווערט זײַן, האָבן דאָס רעכט, די פּריווילעגיע.
זכיה (זכיִע) — פּריווילעגיע.
זכיה האָבן — ווערט זײַן, האָבן דעם כּבֿוד, האָבן די פּריווילעגיע.
זכר (זייכער) — צייכן, סימן, אָנדענק, איבערבלײַב.
זעלבשטענדיקייט — דער צושטאַנד אָדער דאָס געפיל פון ניט זײַן אָפּהענגיק פון קיינעם.

זשאַנדאַר — gendarm.
דאָ: גרענעץ־פּאָליציסט.

ח

חבֿרה (כעווורע) — דאָ: 1. אַ פאַראיין, אַן אָרגאַניזאַציע; 2. אַ שטיבל, אַ בית־המדרש פון אַ פאַראיין.
חובֿ (כויוו) — duty.
חידוש (כידעש) — נײַס; וואונדער, לערע, מאָדנע זאַך.
חילוק (כילעק) — אונטערשייד.
חלוקה (כאַלוקע) — פונאַנדערטיילונג, דאָס צעטיילן אויף פּאַרציעס.
חסד (כעסעד) — favor.
חרובֿ ווערן (כאָרעוו) — צעשטערט ווערן.
חשד (כשאַד) — suspicion.

ט

טבֿע (טעווע) — כאַראַקטער, נאַטור.
טוקן זיך — טונקען זיך.
טראָטואַר — side-walk.
טראָף — syllable.

י

יודע־ספר (יוידייע סייפער) — אַ געלערנטער, דער וואָס פאַרשטייט אַ בוך, אַ למדן.
יִאוש (ייִעש) — despair.
יִחוס (ייִכעס) — noble descent.
יִשובֿ (יִשעוו) — אַן אָרט וואו עס וואוינען מענטשן.
ימח־שמוניק (יעמאַך־שמויניק) — דער וואָס זײַן נאָמען זאָל אויסגעמעקט ווערן; אַ פאַרדאָרבענער מענטש וואָס איז ניט ווערט צו לעבן אויף דער וועלט.
יצר־הרע (יעיצער־האָרע) — דער שלעכטער ווילן; דאָס וואָס ציט דעם מענטשן צו טאָן שלעכטס, צו טאָן אַן עבֿירה (זען).

ישועה (יעשוע) — הילף, אויסלייזונג, salvation.

כּ

כּיבוד אָב ואם (קיבוד אָוו וואָאיים) — דאָס אָכטן דעם פאָטער און די מוטער; דאָס געבאָט צו אָכטן די עלטערן.

כּיוון (קיוון) — (מיט אַ) קלאָרן ציל, ספּעציעל, אומישנע, intention.
מיט אַ כּ׳ intentionally.

כּלי־זמר (קלייזעמער) — מוזיקאַלישער אינסטרומענט.

כּסא־הרחמים (קיסיי־האַראַכאָמים)— דער טראָן פון רחמנות, גאָטס טראָן.

כ

כלעבן — באמת, אויף צו אמתן, נו טאַקע.

כמאַרע — וואָלקן, שווערער וואָלקן.

ל

לא־יוצלח (לוי־יוצלאָך) — ניט קיין מזלדיקער, ניט קיין געראָטענער, אַ שלימזל.

לאָסקעם — צערטלעכקייטן, אַרויסווײַזונגען פון ליבשאַפט.

להבדיל (לעהאָודל) — „צו מאַכן אַן אונטערשייד" צווישן צוויי זאַכן וואָס מע פאַרגלײַכט זיי און זיי זײַנען דאָך ניט גלײַך, ווײַל מע באַציט זיך צו זיי אַנדערש; למשל, בײַם דערמאָנען צוזאַמען אַ הייליקע זאַך און אַ געוויינטלעכע זאַך, אַ ריינע און אַן אומריינע זאַך.

לומדים (לאָמדים) — געלערנטע לײַט, קענערס פון דער אַלטער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור.

לכּבֿוד (לעקאָוועד) — in honor of.

למען־השם (לעמאַנהאַשעם) — אין גאָטס נאָמען, אומבאַדינגט (אַן אויסדרוק בײַם בעטן עפּעס).

לץ (לעץ, מערצאָל — לייצים) — אַפּלאַכער, וויצלינג, ניט קיין ערנסטער מענטש.

לשון (לאָשן) — שפּראַך.

לשון־הרע (לאָשנהאָרע) — בייזע רייד, דאָס באַרעדן, slander.

מ

מאָטלען — רעדן, פּלאַפּלען.

מאַסטבוים — mast.

מאַראַליש — דאָ: טרויעריק, ליריש, דאָס וואָס ציט בײַם האַרצן.

מבֿטל (מעוואַטל) זײַן — מאַכן צו גאָרנישט, אָוועקמאַכן מיט דער האַנט.

מדבריות (מידבאָריעס) — מערצאָל פון מדבר, וויסטעניש.

מדינה — אַ לאַנד, אַ מלוכה, אַ טייל פון אַ לאַנד.

מודיע זײַן (מוידיע) — געבן צו וויסן.

מזמור (מיזמער) — געזאַנג.

מחותּן (מעכוטן) — קרובֿ, נאָענטער מענטש (די עלטערן פון מאַן און ווײַב זײַנען צווישן זיך מחותּנים).

מחנה (מאַכנע) — אַ גרויסע גרופּע, אַ סך מענטשן, אַן אַרמיי.

מחשבֿה (מאַכשאָווע) — געדאַנק.

מיישבֿ זײַן זיך (מעיאַשעוו) — זיך האַלטן אַן עצה מיט עמעצן, זיך באַטראַכטן.

מישטיינס געזאָגט — וואָס איז דאָ שוין צו רעדן, אַז אַך און וויי, צום באַדויערן, צום שלימזל.

מכּוח (מיקויאַך) — וועגן, איבער.

מלאך (מאַלעך) — angel.

ממזרח (מאַמזערש) — כיטרע, קונ־ציק, קלוג.

ממש (מאַמעש) — טאַקע, באמת, בוכשטעבלעך; exactly.

מן־השמים (מין־האַשאַמאַיִם) — פון הימל; צוגעשיקט פון גאָט, באַשטימט פון גאָט.

מן־הסתם (מינהאַסטאַם) probably.

מנחה (מינכע) — דאָס צווייטע מאָל דאַווענען אין פאַרלויף פון טאָג, נאָך מיטאָג אָדער פאַר נאַכט.

מסופק זײַן (מעסופעק) — to doubt.

מסכתא (מעסיכטע) — אַ בוך, אַ טייל פון תלמוד; דער תלמוד איז איינגעטיילט אין מסכתות.

מעריבֿ (מײַריוו) — דאָס דריטע מאָל דאַווענען אין פאַרלויף פון טאָג, ווען עס איז שוין אָוונט.

מפסיק זײַן (מאַפּסיק) — איבער־רײַסן אין מיטן דאַווענען אָדער לער־נען.

מפרנס זײַן (מעפאַרנעס) — שפּײַזן, דערנערן.

מקבל פנים זײַן (מעקאַבל פּאָנים) — אויפנעמען, פרײַנדלעך אויפנע־מען.

מקבל שבת זײַן (מעקאַבל שאַבעס) — אויפנעמען דעם שבת, באַגע־גענען דעם שבת מיט דער געהע־ריקער צערעמאָניע.

מקום (מאָקעם, מערצאָל — מקומות, מעקוימעס) — אָרט, שטאָט, גרוי־סע שטאָט.

מקום-קדוש (מאָקעם קאָדעש) — הייליק אָרט, אַ שול, אַ בית־המדרש.

מקיים זײַן (מעקאַיעם) — דורכפירן אין לעבן, to fulfil.

משנה (מישנע) — דער עלטערער און קירצערער טייל פון תלמוד; איין טייל, איין פונקט פון משנה.

משניות (מישנאַיעסן) — די ביכער וואָס האָבן אין זיך דעם טעקסט פון משנה אָן דער גמרא (דעם שפּעטערדיקן טייל פון תלמוד וואָס דערקלערט די משנה).

משפחה (מישפּאָכע) — אויך אָן איינציקער מיטגליד פון דער משפחה, אַ קרובֿ.

מת (מעס) — אַ טויטער.

נ

נגיד (נאָגיד) — רײַכער מאַן.

נדן (נאָדאַן) — dowry.

נוגע זײַן (נויגייאַ) — אָנרירן, באַרירן, האָבן אַ שײַכות צו עפּעס.

ניט אין גאַנצן — ניט אין גאַנצן געזונט.

נסיעה (נעסיִע) — voyage, journey.

נס מן השמים (נעס מין האַשאָמאַיִם) — אַ נס פון הימל, גאָטס וווּנ־דער.

נפטר ווערן (ניפטער) — שטאַרבן.

נפש (נעפעש) — נשמה, באַשעפע־ניש, person, soul.

נתפעל ווערן (ניספּאָעל) — פאַר־וואונדערט ווערן, אַנטציקט ווערן.

ס

סאַמע . . . — נאַר, בלויז; למשל: סאַמע קייסאָרים — נאַר קייסאָרים.

סבֿיבֿה (סוויווע) — environment.

סדרה (סעדרע) — די תורה, אַלע פינף חומשים, ווערט צעטיילט אין 54 טיילן, אָדער סדרות. יעדן שבת לייענט מען פאַר די סדרה פון דער וואָך. איטלעכע סדרה האָט זיך איר נאָמען, געוויינטלעך נאָך די ערש־טע עטלעכע ווערטער אירע. „וועל־כע סדרה גייט הײַנט?" אָדער „די וואָך"? — הייסט: וועלכע סדרה וועט מען דעם קומעדיקן שבת פאַרלייענען?

סטאַטיקעם — שטילע קינדער מיט גוטע מאַנירן, פאָלגעדיקע קינדער.

סטאַרען זיך — זיך באַמיִען.
סטײַען — גענוג זײַן, קלעקן.
סטענגע — באַנד, ribbon.

ע

עבֿירה (אַווײרע) — זינד.

עבֿרי (איװרע) — די העברעיִשע שריפט, דאָס לײענען לשון־קודש, העברעיִש; דאָס קענען לײענען. אין חדר האָט מען פֿריִער געלערנט עבֿרי, נאָך דעם — חומש, שפּע־טער — גמרא.

עגמת־נפש (אַגמאַסנעפּעש) —האַרץ־װײטאָג.

עדה (אײדע) — אַלע ייִדן אין אײ־נעם אָדער אַ גרופּע ייִדן (אין אַ שטאָט, אין אַ לאַנד, איבער דער גאַנצער װעלט).

עובֿר זײַן (אױװער) — טאָן אַן עבֿירה (אַ זינד), איבערטרעטן אַ געזעץ, אַ דין, (זען).

עוולה (אַװלע) — אַן אומגערעכטי־קײט, wrong.

עין־הרע (אײַנהאָרע) — אַ בײז אויג; װען מע לױבט אַ קינד אָדער מע װײַזט אָן אויף דעם קינדס שײנ־קײט — האָט די מוטער מורא אַז מע װעט געבן אַן עין־הרע.

עיקר (איקער) — הױפּטזאַך.

עליו־השלום (אַלאָװ־האַשאָלעם) — „פֿרידן איבער אים”, אַן אױסדרוק בײַם דערמאָנען אַ טױטן (דערבײַ װערט אַרױסגעװיזן אַכטונג צום געשטאָרבענעם).

עמוד (אָמעד) — דאָס אָרט װאו דער חזן שטײט בײַם דאַװנען.

פֿ

פֿאותלעך (פּײעסלעך) — פֿרומע ייִדן שערן ניט די האָר פֿון די שלײפֿן, הענגען פֿון די שלײפֿן אַראָפּ לאָקן, פּאות, דערפֿון דאָס פֿאַרקלענערװאָרט אין מערצאָל — פֿאותלעך (געװײנטלעך—פּאהלעך).

פֿאַלענטש — אַ שפּיל מיט אַ פּילקע אַ באָל) און שטעקן, אַ ביסל ענלעך צו בעיזבאָל.

פֿאָמעראַנצן — מאַראַנצן, oranges.

פּאַס — passport.

פּאַסיק — אַ גאַרטל, belt.

פּועלן (פּױעלן) — אױספֿירן, אױס־בעטן, דערגרײכן.

פּורעניות (פּוראָניעס) — אָנשיקע־נישן, צרות.

פּושקע — box.

פּילפּול (פּילפּל) — אַ שאַרפֿזיניקער, אַ פֿאַרפּלאָנטערטער אַנאַליז; אַ פֿונאַנדערקלײַבן זיך אין אַ שװע־רער פֿראַגע דורך דעם װאָס מע געפֿינט די ענלעכע און אומענלעכע זײַטן אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע פֿראַגעס; אַ סיסטעם בײַם לערנען גמרא.

פּלעמעניק — nephew.

פּרק משניות (פּירעק מישנאַיעס) — אַ קאַפּיטל פֿון דער משנה (זען).

פּרשה חומש (פּאַרשע חומש) — אַ קאַפּיטל פֿון חומש; אַ סדרה (זען).

פּשטלעך (פּשעטלעך) — קונציקע אױסטײַטשונגען פֿון געװיסע פֿראַ־געס אָדער טעקסטן.

פֿ

פֿאַקל — torch.

פֿאַרהוילן — באַהאַלטן.

פֿאַרמשפּט — condemned.

פֿאַרקרײַזלען — מאַכן אַז עס זאָל זיך קרײַזלען, עס זאָלן זײַן לאָקן.

פֿון דער העלער הויט — גאָר פּול־צעם, אָן שום גרונד, אומגעריכ־טערהײט.

פֿורכט — שרעק, מורא.

פֿײַערטרעפּ — fire-escape.

פלינק — גיך, האַסטיק, געשיקט.

פראַנדזן — fringes.

פראַק — tail-coat.

צ

צאַנקען — אויסגיין (וועגן אַ ליכט).

צדקת (צאַדייקעס) — זייער אַ פרומע און גוטע פרוי.

צווישן מנחה און מעריבֿ — די צײַט צווישן דאַווענען מנחה (זען) און דאַווענען מעריבֿ (זען); שפּעט נאָכמיטאָג, אײדער עס פאַלט צו דער אָוונט.

צער (צאַאַר) — פאַרדרוס, האַרצ-ווייטאָג, ווייטאָג אין אײנעם מיט רחמנות.

צעשויבערט — אין אומאָרדענונג (וועגן האָר).

ק

קאַיוטעס — cabins.

קאָמאַנדע — team.

קאַנטאָר — office.

קאַפּעליוש — הוט.

קאַפּל — יאַרמלקע, skull-cap.

קאַפּטן — אַ ווײַבערשע לאַנגע בלוזע.

קאַשקעטל — היטל, cap.

קבלת שבת (קאַבאָלעס שאַבעס) — — די צערעמאָניע פון אויפנעמען דעם שבת, די פרײַטאָג-צו-נאַכטי-קע תפילה.

קבֿר (קייווער) מערצאָל — קבֿרים, (קוואָרים), — grave.

קבֿר-אָבֿות (קייווער-אָוועס) — דאָס אָרט וואו די עלטערן זײַנען באַ-גראָבן; דאָס קומען צו די קבֿרים פון די עלטערן אָדער קרובֿים.

קדושה (קדושע) — הייליקייט; אַ געוויסע תפילה וואָס מען האַלט זי פאַר באַזונדער הייליק.

קודם-כּל (קוידעם-קאָל) — פריִער פון אַלץ.

קול-תורה — די שטים פון דער תורה; דער ניגון מיט וועלכן מע לערנט די תורה.

קוסט — bush.

קופּקע — גרופּע.

קראַץ — scratch; אַ לענגלעכער פּאַס אין קאָפּ וואו עס איז ניט גע-וואַקסן קיין האָר.

קריאת-שמע (קרישמע)—די תפילה וואָס מע זאָגט פאַרן אײַנשלאָפן.

קרײַזלען — to curl.

קשיא (קאַשיע) —אַ פראַגע, אַ שווע-רע פראַגע, אַ פראַגע וועגן לערנען.

ר

ראַץ — זען קראַץ.

רבונו-של-עולם (ריבוינע-שעלוילעם) — האַר פון דער וועלט, גאָט.

רופא (רויפע) — פעלדשער, barber-surgeon.

רינשטאָקן — gutters.

רעצעפּט — prescription.

רעש (ראַאַש) — טומל, גערודער, גערויש.

רפואה (רעפוע) — היילמיטל, cure, remedy.

רשי (ראַשי) — רבי שלמה יצחקי, דער גרויסער געלערנטער וואָס האָט געמאַכט דערקלערונגען צום תנך און צום תלמוד.

ש

שבת קודש (שאַבעס קוידעש) — הייליקער שבת.

שבֿרות-הלבֿ (שיוורעס-האַלעוו אויך: שיוורעלעוו) — האַרצווייטאָג, האַרץ-יסורים.

שד (שעד, מערצאָל: שיידים) — טײַוול, devil.

שוואַלבן — swallows,
דאָ: אַ צערטלוואָרט אויף קינדער.

שוועגערין — sister-in-law.

שחיטה (שכיטע)—דאָס קוילען נאָכן ייִדישן געזעץ נאָך; דאָס אויסשעכ־טן, slaughter.

שטאָק — floor.

שטורקאַץ — torch.

שטיבל—אַ בית־המדרשל, געוויינט־לעך אַ בית־המדרשל וואו עס דאַוו־נען חסידים.

שטענדער — געשטעל פֿאַר אַ בוך; ווען מע לערנט אין בית־המדרש האַלט מען דעם ספֿר אויפֿן שטענ־דער.

שטרויזאַק — אַ זאַק, אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי, פֿאַרבײַט אַ מאַטראַץ.

אַ שידוך (שידעך) **טאָן** — חתונה האָבן אָדער חתונה מאַכן די קינ־דער.

שייטל — דער פּאַרוק פֿון פֿרעמ־דע האָר וואָס פֿרומע ווײַבער טראָ־גן אויפֿן קאָפּ איבער די אייגענע האָר.

שימערן, שימערירן — to glimmer, to sparkle.

שיעור (שיער) — אַ לעקציע; אַ לעקציע אין תלמוד וואָס מע גיט אויף דעם תלמיד, ער זאָל עס אַליין צוגרייטן, אַליין דורכאַרבעטן און דערנאָך עס זאָגן פֿאַרן רבין, מיט אַלע נייטיקע דערקלערונגען.

שלאָגן זיך מיט דער דעה (דייע) — ניט וויסן אויף זיכער, איבער־קלערן, זיך ניט קענען באַשליסן.

שלום־עליכם אָפּגעבן (שאָלעם־אַליי־כעם) — באַגריסן עמעצן, זאָגנדיק אים „שלום־עליכם", ד"ה פֿרידן צו אײַך.

שליחות (שליכעס) message, mission.

שלײַכן — גיין שטיל, אומבאַמערקט, ווי אַ שאָטן.

שמען (שעמען) — האָבן אַ גוטן נאָ־מען, זײַן באַוואוסט.

שעפּטשען — to whisper.

שתחיה (שעטיכיע) — זי זאָל לעבן, דער אויסדרוק ווערט געוויינטלעך צוגעלייגט אין בריוו בײַם דער־מאָנען דעם נאָמען פֿון אַ פֿרוי.

שׂ

שׂרים (סאָרים, מערצאָל פֿון שׂר — סאָר) — האַרן, פּריצים.

שׂררהטעס (סראָרעטעס)—פּריצטעס, האַרנטעס.

ת

תּבֿואה (טוואוע) — grains.

תּהילים (טהילים, אויך טילים) — Psalms.

תּכלית (טאַכלעס) — ציל, זינען, רעזולטאַט, צוועק.

תּכריכים (טאַכריכים) — קליידער פֿון ווײַסצײַג אין וועלכע מע באַ־גראָבט די טויטע.

תּלמיד־חכם — געלערנטער, למדן.

תּמעוואָטע (טאַמעוואַטע) — נאַריש, נאַאיוו.

תּפֿילה (טפֿילע) — געבעט, prayer.

תּשעה־באָבֿ (טישע־בעאָוו) — דער נײַנטער טאָג אין חודש אָבֿ, דער פֿאַסטטאָג צום אָנדענק נאָכן חורבן פֿון בית־המקדש.